STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10702

DI KLASNKAMFN IN FRANKRAYKH

Karl Marx

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קארל מארקס

די קלאסנקאמפנ אינ פראנקרייַכ

פארלאג „עמעס“

מאָסקווע 1933

פונ דײַטש — פּ. גאָלדבערג

Редактор перевода М. Альтшулер. Техн. ред. И. Тененбаум.
Корректор М. Иткович.
Сдано в производство 8/III—33, подписано к печати 25/VI — 33.
Формат бумаги 82×110 1/32, 10 1/2 печ. л. 24000 п. зн. в л. „Эмес“ 211. Тираж 3000. Уп. главлита В—57807

Тип. изд-ва «Дер Эмес», Москва, Покровка, 9. Зак. № 2С4

אַרײַנפיר

אָט די אַרבעט, וואָס ווערט דאָ אָפּסנײַ אַרויסגעגעבן, איז געווען מאַרקס ערשטער פּרוּוו צו דערלערנען מיט זײַן מאַטעריאַליסטישן מעטאָד אַ שטיק צײַט־געשיכטע, אַרויסגייענדיק פון דער געגעבענער עקאָנאָמישער לאַגע. אינעם קאָמוניסטישן מאַניפעסט איז די דאָזיקע טעאָריע אָנגעווענדט געוואָרן אין אַלגעמיינע שטריכן בענעגייע דער גאַנצער נײַסטער געשיכטע, אין מאַרקס און מײַנע אַרטיקלען אין דער „נײַער ריינישער צײַטונג” איז זי קעסיידער אָנגעווענדט געוואָרן באַם אויסטײַטשן די גלײַכצײַטיקע פּאָליטישע געשעענישן. דאָ אָבער האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז מע זאָל אויסגעפינען דעם אײַנווייניקסטן סיבעס־צוזאַמענהאַנג אין מעשעך פון אַ לאַנגיאָריקן אַנטוויקלונג־פּעריאָד, וואָס איז פּונקט אַזוי קריטיש, ווי טיפּיש פאַר גאַנץ אייראָפּע, ד. ה. פונעם אַווטערס שטאַנדפּונקט: דערקלערן די פּאָליטישע געשעענישן אין לעצטן סאַכאַקל מיט דער ווירקונג פון עקאָנאָמישע סיבעס.

באַם באַהאַנדלען געשעענישן און רייען געשעענישן פון דער טאָג־געשיכטע איז מען קיינמאָל ניט אימשטאַנד זיך צו דערקלײַבן ביז צו זייער לעצטער, עקאָנאָמישער סיבע. אפילע איצט, ווען די אַנטשפּרעכיקע פאַך־פּרעסע גיט אַזאַ רײַכן מאַטעריאַל, איז אפילע אין ענגלאַנד אומעגלעך טאָג נאָך טאָג נאָכצופאָרשן דעם גאַנג פון דער אינדוסטריע און האַנדל אַפן וועלט־מאַרק און די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין די פּראָדוציר־מעטאָדן אַזוי, אַז אין יעטווידער מאָמענט זאָל מען זיך קאָנען שאַפן דאָס אַלגעמיינע בילד פון די דאָזיקע אײנער מיטן אַנדערן פילפאַך איבערגעפלאָכטענע און קעסיידער זיך ענדערנדיקע פאַקטאָרן. דערצו נאָך ווירקן געווינלעך די הויפּט־פאַקטאָרן פונעם עקאָנאָמישן לעבן אַ לאַנגע צײַט אין דער שטיל, אײדער זיי רײַסן זיך אַרויס מיט אַ פּלוצלינגער קראַפט אַף דער אויבערפלאַך. אַ קלאָרער איבערבליק איבער דער עקאָנאָמישער געשיכטע פונעם געגעבענעם פּעריאָד איז קיינמאָל ניט מעגלעך אינעם פאַרלויף פון דעם דאָזיקן פּעריאָד, נאָר ערשט דערנאָך, ווען עס

ווערט שוין צוזאמענגעקליבן און דערלערנט דער נייטיקער מאטעריאל. א נייטיקער הילפ־מיטל דערצו איז די סטאטיסטיק, און זי קומט שטענדיק שפּעטער. באם באשרייבן די לויפנדע צייט־געשיכטע איז מען דעריבער אָפטמאָל געצוווּנגען צו באטראכטן אָט דעם וויכטיקסטן פאקטאָר פאר א באשטענדיקן, צו רעכענען די עקאָנאָמישע לאגע, וואָס איז געווען באם אָנהייב פונעם געגעבענעם פּעריאָד, פאר אומפאראנדערלעך אין משך פונעם גאנצן פּעריאָד, אָדער נעמען אין באטראכט בלויז די ענדערונגען אין דער דאָזיקער לאגע, וועלכע שטאמען פון קלאָר באוווּסטע געשעענישן און ליגן דעריבער אָפן. אדאנק דעם קומט אויס דעם מאטעריאליסטישן מעטאָד צו אָפט באגרענעצן זיך דערמיט, וואָס ער פירט אונטער די פּאָליטישע קאָנפליקטן אונטערן אינטערעסן־קאמף צווישן די דורך דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג געגעבענע, פאָרגעפונענע, געזעלשאפטלעכע קלאסן אָדער פראקציעס פון די דאָזיקע קלאסן, און מיט דער כאראקטעריסטיק פון איינצלנע פארטייען, ווי מיט א מער אָדער ווייניקער אדעקוואטן פּאָליטישן אויסדרוק פון די דאָזיקע קלאסן און פראקציעס.

פארשטייט זיך, אז אָט דאָס אומפארמיידלעכע איגנאָרירן די גלייכצייטיקע ענדערונגען אין דער עקאָנאָמישער לאגע, דעם אייגנטלעכן יעסאָד פון די געשעענישן, וואָס דארפן אויסגעפאָרשט ווערן, מוז ווערן א קוואל פון טאָעסן. אָבער אלע באדינגונגען פאר א רעזומיר־באשרייבונג פון דער טאָג־געשיכטע אנטהאלטן אין זיך אומפארמיידלעך קוואלן פון טאָעסן, דאָך האלט עס קיינעם ניט אָפּ פון צו שרייבן די טאָג־געשיכטע.

ווען מארקס האָט פאָרגענומען די דאָזיקע ארבעט, איז דער אָנגעוויזענער קוואל פון טאָעסן געווען נאָך א סאך אומפארמיידלעכער. אין דער רעוואָליוציאָנערער צייט פון די יאָרן 1848/49 איז אבסאָליוט ניט מעגלעך געווען נאָכצושפּירן נאָך די גלייכצייטיק פאָרקומענדיקע עקאָנאָמישע ענדערונגען, און נאָך ווייניקער — צו מאכן איבער זיי אן איבערבליק. דאָס זעלביקע איז אויך שייך די ערשטע גאָלעסכאדאָשים אין לאָנדאָן אין הארבסט און ווינטער 1849/50 יאָר. און אָט דאָס איז גראָד געווען די צייט, ווען מארקס האָט אָנגעהויבן אָט די ארבעט זיינע. און פונדעסטוועגן, ניט געקוקט אף די ניט־גינסטיקע אומשטענדן, האָט די גענויע באקאנטשאפט מיט פראנקרייכס עקאָנאָמישן צושטאנד פאר דער פעוראל־רעוואָליוציע און מיט איר פּאָליטישער געשיכטע נאָך דער רעוואָליוציע געגעבן מארקסן די מעגלעכקייט צו געבן א באשרייבונג פון די געשעענישן, וואָס דעקט אויף דעם אינערלעכן צוזאמענהאנג צווישן די געשעענישן אזוי, ווי דאָס

האָט נאָכ ניט געטאָנ קײנער אפילע נאָכ אים, — א באשרײַבונג, וועלכע האָט גלענצנדיק אויסגעהאלטנ דעמ טאָפּלטנ קאָנטראָל, וואָס מארקס אלײנ האָט דערנאָכ דורכגעמאכט.

דער ערשטער קאָנטראָל איז געמאכט געוואָרנ דורכ דעמ, וואָס פונ פרילינג 1850 יאָר אָנ האָט מארקס ווידער באקומענ די מעגלעכקײַט זיכ צו פארנעמענ מיט עקאָנאָמישע אויספאָרשונגענ, אונ ער האָט זיכ קוידעמקאָל גענומענ שטודירנ די עקאָנאָמישע געשיכטע פונ די לעצטע צענ יאָר. די פאקטנ גופע האָבנ פולקומ באשטעטיקט די האלב-אפריאָרישע אויספירנ, וועלכע ער האָט פריער געמאכט פונעמ ניט-גענוגנדיקנ מאטעריאל: אז דער אלוועלטלעכער האנדל-קריזיס פונ 1847 איז געווענ די גרונט-סיבע פונ דער פעווראל- אונ מארט-רעוואָליוציעס אונ אז דער אינדוסטריעלער אופבלי, וואָס האָט זיכ ביסלעכווײַז ווידער אָנגעהויבנ פונ מיטנ 1848 יאָר אונ האָט דערגרייכט זײַנ העכסטע מאדרייגע אינ די יאָרנ 1849 אונ 1850, איז געווענ די קראפט, וואָס האָט באלעבט די אפסנײַ פארשטארקטע אייראָפייִשע רעאקציע. דאָס האָט געהאט אנ אנטשיידנדיקע באדײַטונג. אינ די ערשטע דרײַ ארטיקלענ (וואָס זײַנענ דערשינענ אינ יאנואר-, פעוראל- אונ מארט-העפט פונ דער „נײַער ריינישער צײַטונג" — פּאָליטיש-עקאָנאָמישע איבערזיכט, האמבורג 1850 יאָר) באמערקט זיכ נאָכ די דערווארטונג פונ א באלדיקנ נײַעמ אופשוווּנג פונ דער רעוואָליוציאָנערער ענערגיע; אָבער אינ דער פּאָליטישער איבערזיכט אינעמ לעצטנ טאָפּלטנ נומער (מײַ — אָקטיאבער 1850 יאָר), וואָס מארקס אונ איכ האָבנ געשריבנ, זאָגנ מיר זיכ אײנמאָל פאר אלעמאָל אָפּ פונ די דאָזיקע אילויזיעס: „א נײַע רעוואָליוציע קאָנ קומענ ערשט נאָכ א נײַעמ קריזיס, אָבער זי איז פונקט אזוי אומפארמײַדלעכ, ווי דער דאָזיקער קריזיס". דאָס איז אָבער געווענ די אײנציקע וועזנטלעכע ענדערונג, וואָס מע האָט געדארפט מאכנ. אינ דער דערקלערונג פונ די געשעענישנ, וואָס איז געגעבנ געוואָרנ אינ די פריִערדיקע ארטיקלענ, אינ דעמ סיבעס-צוזאמענהאנג, וואָס איז אינ זיי פעסטגעשטעלט געוואָרנ, איז ניט אויסגעקומענ צו מאכנ אבסאָליוט קײנע ענדערונגענ, ווי עס באווײַזט די פאָרזעצונג פונ דער דערציילונג פונ 10 מארט ביז הארבסט 1850 יאָר, וואָס ווערט געגעבנ אינ דער זעלביקער איבערזיכט. דעריבער האָב איכ די דאָזיקע פאָרזעצונג אײַנגעשלאָסנ אלס פערטנ ארטיקל אינ דער דאָזיקער נײַער אופלאגע.

דער צווייטער קאָנטראָל איז געווענ נאָכ א שטרענגערער. גלײַכ נאָכ לוי באָנאפּארטס מעלוכע-איבערקערעניש דעמ 2-טנ דעקאבער

1851 יאָר האָט מארקס אפסנײַ באארבעט די געשיכטע פון פראנקרײַך פון פעווראל 1848 יאָר ביז דער דאָזיקער געשעעניש, וואָס שליסט אפּ א צײַט דעם רעוואָלוציאָנערן פעריאָד („דער 18 ברימער פון לוי באָנאפּארט", 3־טע אופלאגע, מייסנער, האמבורג 1885). אין דער דאָזיקער בראָשור באטראכט מארקס ווידער, האגאמ ווייניקער גו ספּירלעך, דעם פעריאָד, וועלכער איז באשריבן אין דער פּאָרגע־לייגטער ארבעט. ווען מיר פארגלײַכן אָט די צווייטע בראָשור, וועל־כע איז געשריבן געוואָרן אינעם ליכט פון דער אנטשיידנדיקער גע־שעעניש, וואָס איז פּאָרגעקומען אין א יאָר ארום, מיט דער ערשטער, זעט מען, אז דעם אווטער איז קנאפּ וואָס אויסגעקומען צו ענדערן.

דאָס דאָזיקע ווערק האָט נאָך א גאנץ באזונדערע באדײַטונג דערפאר, ווײַל אין אים ווערט צום ערשטן מאָל געגעבן די פאָרמול, אין וועלכער עס ווערט קורץ אויסגעדריקט די פאָדערונג פון עקאָ־נאָמישער איבערבויונג, וואָס פארייניקט די ארבעטער־פארטייען פון אלע לענדער אין דער וועלט: די פארגעזעלשאפטלעכונג פון די פראָ־דוציר־מיטלען. אינעם צווייטן קאפיטל, ווו עס רעדט זיך וועגן „רעכט אפּ ארבעט", וואָס ווערט באצייכנט אלס „ערשטע אומבאהאָלפענע פאָרמול, אין וועלכער עס ווערן צוזאמענגעפאסט די רעוואָלוציאָנע־רע פאָדערונגען פונעם פּראָלעטאריאט", ווערט געזאָגט: „אָבער הינטערן רעכט אפּ ארבעט שטייט די מאכט איבערן קאפיטאל, הינטער דער מאכט איבערן קאפיטאל שטייט דאָס צווייגענען די פּראָדוציר־מיטלען, דאָס אונטערווארפן זיי דעם אסאָציִירטן ארבעטער־קלאס, ד. ה. די פאר־ניכטונג פון דער לוינארבעט און פונעם קאפיטאל און פון זייערע קעגנזײַטיקע פארהעלטענישן". דאָ ווערט, אלזאָ, — צום ערשטן מאָל — פאָרמולירט די גרונט־האנאָכע, וועלכע אונטערשיידט שארף דעם מאָ־דערנעם ארבעטער־סאָציאליזם סײַ פון אלע פארשיידענע שאטירונגען פונעם פעאָדאלן, בורזשואזן, קליינבירגערלעכן א. א. וו. סאָציאליזם, אזוי אויך פון דער אומקלאָרער פאָדערונג צו פארגעזעלשאפטלעכן דעם פארמעגן מיצאד דעם אוטאָפּישן און סטיכייִשן ארבעטער־קאָמוניזם. שפּעטער האָט מארקס פארברייטערט די דאָזיקע פאָרמול, אריינ־שטעלנדיק אין איר אויך די געזעלשאפטלעכע צווייגענונג פון די אויסטויש־מיטלען, אָבער די דאָזיקע פאָדערונג, וואָס דרינגט, אגעוו, נאטירלעך ארויס פונעם קאָמוניסטישן מאניפעסט, איז בלויז אן אויספיר פון דער הויפּט־האנאָכע. אין ענגלאנד האָבן זיך ניט לאנג געפונען כאכאָמים, וועלכע האָבן דערצו נאָך צוגעגעבן, אז אויך די „פארטיי־לונג־מיטלען" דארפן פארגעזעלשאפטלעכט ווערן. עס איז א סאָפעק, צי די דאָזיקע הערן וועלן אימשטאנד זײַן צו זאָגן, וואָס זײַנען עס

אזוינס די עקאָנאָמישע פארטיילונג־מיטלען, וואָס זאָלן זיך אונטער־
שיידן פון די פּראָדוציר־ און אויסטויש־מיטלען. עפּשער מיינען זיי
די פּאָליטישע פארטיילונג־מיטלען: שטייערן, שטיצע פאר אָרעמע־
קייט, איינגעשלאָסן אהער אויך די זאקסענוואלד־דאָטאציע און אנדערע
דאָטאציעס. אָבער, ערשטנס, געהערן אָט די פּארטיילונג־מיטלען שוין איצט
אויך דער גאנצער געזעלשאפט, דער מעלוכע אָדער געמיינדע, און,
צווייטנס, ווילן מיר גראָד די מיטלען אָפּשאפן.

* * *

ווען עס האָט אויסגעבראָכן די פּעווראל־רעוואָליוציע, האָבן מיר
זיך אלע, וואָס אָנבאלאנגט אונדזערע פאָרשטעלונגען וועגן די באַ־
דינגונגען און דעם גאנג פון רעוואָליוציאָנערע באוועגונגען, געפונען
אונטער דער ווירקונג פון דער פריערדיקער היסטאָרישער דערפארונג,
נעמלעך פון דער דערפארונג פון פראנקרייך. פון 1789 יאָר אָן
באהערשט דאָך פראנקרייך די גאנצע אייראָפּיישע געשיכטע. און אויך
איצט האָט דער סיגנאל צו דער אלגעמיינער איבערקערעניש ווידער
געשטאמט פון פראנקרייך. דעריבער איז זעלבסטפארשטענדלעך און
אומפארמיידלעך געווען דאָס, וואָס אונדזערע פאָרשטעלונגען וועגן
דער נאטור און דעם גאנג פון דער „סאָציאלער" רעוואָליוציע, וואָס
איז פּראָקלאמירט געוואָרן אין פּאריזש אין פּעווראל 1848 יאָר, דער
רעוואָליוציע פון פּראָלעטאריאט, זיינען שטארק באפארבט געוואָרן
דורך די דערינערונגען וועגן די פאָרבילדער פון די יאָרן 1789־1830.
אָבער ווען דער פּאריזשער אופשטאנד האָט געפונען אן אָפּקלאנג אין
די זיגרייכע אופשטאנדן אין ווין, מילאן און בערלין; ווען גאנץ
אייראָפּע ביז צו דער רוסישער גרענעץ איז אריינגעצויגן געוואָרן
אין דער באוועגונג; ווען אין יוני 1848 יאָר איז אין פּאריזש פאָר־
געקומען די ערשטע גרויסע שלאכט צווישן דעם פּראָלעטאריאט און
דער בורזשואזיע, א שלאכט פאר דער הערשאפט; ווען אפילע איר
קלאסן־ניצחון האָט אזוי אופגערודערט די בורזשואזיע פון אלע לענ־
דער, אז זי האָט זיך אומעטום צוריק א וואָרף געטאָן אין די אָרעמס
פון דער נאָרוואָס אראָפּגעוואָרפענער מאָנארכיסטיש־פעאָדאלער רעאק־
ציע, — בא אזוינע אומשטענדן האָט פאר אונדז ניט געקאָנט זיין קיין
שום ספק, אז עס איז געקומען די צייט פונעם גרויסן, אנטשיידע־
נעם קאמף, אז דער דאָזיקער קאמף מוז דערפירט ווערן ביזן סאָף
אין איין לאנגן, שינוים־פולן רעוואָליוציאָנערן פעריאָד, אָבער ענדיקן קאָן
ער זיך בלויז מיטן ענדגילטיקן ניצחון פונעם פּראָלעטאריאט.

נאָך די מאפּאָלעס פון 1849 יאָר האָבן מיר לאָכלוטן ניט מאסקים

געוועזן מיט די איליוזיעס פון דער וואולגארער דעמאָקראַטיע, וועלכע האָט זיך גרופירט in partibus ארום די צוקונפטיקע צײַטווײַליקע רעגירונגען. די דאָזיקע דעמאָקראַטיע האָט אויסגערעכנט אפּ א גיכן איינמאָל פאר אלעמאָל אנטשיידנדיקן ניצחון פונעם „פאָלק“ איבער די „אונטערדריקער“, מיר — אפּ לאנגן קאמף, נאָכן באזײַטיקן די „אונטערדריקער“, צווישן די קעגנזעצלעכע עלעמענטן, וואָס ליגן באהאלטן אינעם „פאָלק“ גופא. די וואולגארע דעמאָקראַטיע האָט דערוואַרט ניט היינט־מאָרגן א נײַעם אופרײַס; מיר האָבן שוין אין הארבסט 1850 יאָר דערקלערט, אז, לעכאָלאפּאָכעס, דער ערשטער טייל פונעם רעוואָליוציאָנערן פעריאָד איז פארענדיקט, און אז עס איז ניטאָ אפּ וואָס אויסצורעכענען, ביז עס וועט ניט אויסברעכן א נײַער עקאָנאָמישער וועלט־קריזיס. אונדז האָבן דערפאר ארײַנגעוואָרפן אין כיירעם, ווי פארעטערס פון דער רעוואָליוציע, די זעלביקע לײַט, וועלכע האָבן דערנאָך, קימאט אלע אָן אויסנאם, שאָלעם געמאכט מיט ביסמארקן, — אפּ וויפל ביסמארק האָט געהאלטן, אז זיי זײַנען עס ווערט.

אָבער די געשיכטע האָט אויך אונדז ניט בארעכטיקט און האָט דעמאסקירט אונדזער דעמאלטיקן שטאנדפונקט ווי אן איליוזיע. די געשיכטע איז אוועק נאָך ווײַטער: זי האָט ניט נאָר צעקלאפּט אונדזער דעמאלטיקן טאָעס, נאָר זי האָט אויך אינגאנצן געענדערט די באדינגונגען, בא וועלכע דעם פּראָלעטאריאט קומט אויס צו קעמפן. די קאמפ־מעטאָדן פון 1848 זײַנען איצט אין אלע הינזיכטן פארעלטערט געוואָרן. דער דאָזיקער פּונקט פארדינט, אז מע זאָל אים בא דער דאָזיקער געלעגנהײַט גענויער אויספאָרשן.

אלע רעוואָליוציעס ביז אהער פלעגן זיך אויסלאָזן דערצו, וואָס די הערשאפט פון איין באשטימטן קלאס פלעגט ארויסגעשטויסן ווערן דורך אן אנדערן, אָבער אלע הערשנדיקע קלאסן ביז איצט האָבן געבילדעט בלויז א קליינע מינדערהײַט אין פארגלײַך מיט דער פאָלק־מאסע, וואָס זיי האָבן באהערשט. אזוי איז אראָפּגעוואָרפן געוואָרן איין רעגירנדיקע מינדערהײַט, אן אנדער מינדערהײַט האָט אפּ איר אָרט פארכאפּט דעם רודער פון דער מעלוכע און האָט אויסגעפורעמט די מעלוכע־אײַנריכטונגען לויט אירע אינטערעסן. דער צושטאנד פון דער עקאָנאָמישער אנטוויקלונג האָט יעדעס מאָל פּייִק געמאכט צום הערשן און בארופן דערצו א נײַע מינדערהײַט, און גראָד דערפאר, — און נאָר דערפאר, — פלעגט די באהערשטע מערהײַט אָדער אָנטיילנעמען אין דער איבערקערעניש צום גונסטן פון דער דאָזיקער מינדערהײַט, אָדער, אלנפאלס, רויִק אופנעמען די איבערקערעניש. אויב מיר זאָלן אָבער לאָזן אָן א זײַט דעם קאָנקרעטן אינהאלט פון יעדער פון די

אלע רעוואָליוציעס, וועט זייער אלגעמיינע פאָרמ בלײַבנ דאָס, וואָס זיי אלע זײַנענ געווענ רעוואָליוציעס פונ א מינדערהײַט. אפילע דעמלט, ווענ אינ זיי האָט אָנטיילגענומענ די מערהײַט,— צי דאָס איז פאָר־געקומענ באוווסטזיניק אָדער ניט — איז דאָס געווענ בלויז אינ די אינטערעסנ פונ א מינדערהײַט; אָבער דער דאָזיקער אָנטייל פונ דער מער־הײַט, אָדער אפילע בלויז די פּאסיווע, ווידערשטאנדלאָזע האלטונג אירע, פלעגנ שאפנ דעמ אויסזעענ, אז די מינדערהײַט איז די פארטרע־טערנ פונעמ גאנצנ פאָלק.

נאָכנ ערשטנ גרויסנ דערפאָלג פלעגט בא דער זיגרײַכער מינדער־הײַט געוויינלעכ פאָרקומענ א שפּאלטונג; איינ טייל איז צופרידנ געווענ מיט דעמ, וואָס איז דערגרייכט געוואָרנ, אונ דער אנדערער האָט געוואָלט גיינ נאָכ ווײַטער, האָט געשטעלט נײַע פאָדערונגענ, וועלכע זײַנענ ווייניקסטנס טיילווײַז געווענ אינ די ווירקלעכע אָדער אילויזאָרע אינטערעסנ פונ דער גרויסער פאָלק־מאסע. אינ איינצלנע פאלנ פלעגנ אָט די ראדיקאלע פאָדערונגענ פארווירקלעכט ווערנ אָפטמאָל אָבער בלויז אפ א קורצער צײַט; די מעסיקערע פּארטיי פלעגט ווידער נעמענ די אויבערהאנט, די פרוכטנ פונ די לעצטע ניצכוי־נעס פלעגנ פארניכטעט ווערנ אינגאנצנ אָדער טיילווײַז. די באזיגטע פלעגנ דעמלט שרײַענ וועגנ א פאראט, אָדער באשולדיקנ אינ זייער מאפּאָלע צופעליקײַטנ. אינדערעמעסנ אָבער איז די זאכ מערסטנטייל געווענ אזוי: די דערגרייכונגענ פונעמ ערשטנ ניצאָכנ פלעגנ פארפעסטיקט ווערנ ערשט דורכנ צווייטנ ניצאָכנ, דעמ ניצאָכנ פונ דער ראדיקא־לער פּארטיי; פלעגט דאָס דערגרייכט ווערנ, אונ דורכ דעמ דאָס נויטווענדיקע פארנ געגעבענעמ מאָמענט, פלעגנ די ראדיקאלנ אונ זייערע ניצכוינעס ווידער פארשווינדנ ווערנ פונ דער סצענע.

די דאָזיקע שטריכנ באמערקנ זיכ אינ אלע רעוואָליוציעס פונ דער נײַער צײַט, אָנגעהויבנ פונ דער גרויסער ענגלישער רעוואָליוציע פונ XVII יאָרהונדערט, אונ זיי האָבנ אויסגעזעענ צו זײַנ ענג פאר־בונדנ מיט יעטווידער רעוואָליוציאָנערנ קאמפ. עס האָט אויסגעזעענ, אז מע קאָנ זיי אָנווענדנ אויכ בענעגייע צומ באפרײַונג־קאמפ פונעמ פּראָלעטאריאט. ביפראט נאָכ, ווײַל אינ 1848 יאָר האָט מענ אפ די פינגער געקאָנט איבערציילנ די מענטשנ, וועלכע האָבנ כאָטש וויפל־ניט־איז פארשטאנענ, אינ וואָס פאר א ריכטונג מע דארפ זוכנ אָט די באפרײַונג. אפילע אינ פאריזש, שוינ נאָכנ ניצאָכנ, איז פאר די פּראָ־לעטארישע מאסנ אבסאָליוט ניט קלאָר געווענ, מיט וואָס פאר א וועג זיי זאָלנ גיינ. אונ דאָכ איז די באוועגונג דאָ געווענ, אינסטינקטיוו, סטיכייש, ניט אונטערצודריקנ. איז דאָס דענ ניט געווענ גראָד אזא

לאגע, בא וועלכער די רעוואָליוציע האָט געמוזט האָבן דערפאָלג, אָנגעפירט, עמעס, פון א מינדערהייט, אָבער דאָס מאָל ניט אין די אינטערעסן פון דער מינדערהייט, נאָר אין די ווירקלעכסטע אינטערעסן פון דער מערהייט? אויב אין אלע מער אָדער ווייניקער לאנג־דויערנדיקע רעוואָליוציאָנערע פעריאָדן האָבן זיך די ברייטע פאָלק־מאסן אזוי לייכט אונטערגעגעבן בלויז די פארפירערישע האפטאָכעס פון דער פאָרויסדרינגענדיקער מינדערהייט, טאָ פארוואָס זאָלן זיי זיין ווייניקער צוטריטלעך פאר אידייען, וועלכע זיינען די פינקטלעכסטע אָפשפיגלונג פון זייער עקאָנאָמישער לאגע, וועלכע זיינען בלויז דער קלאָרער, באוווסטזיניקער אויסדרוק פון זייערע בלויז אומקלאָר דערפילטע באדערפענישן, וועלכע זיי אליין האָבן נאָך ניט באגריפן? עמעס, אָט די רעוואָליוציאָנערע שטימונג פון די מאסן פלעגט קימאט שטענדיק — און מערסטנטייל זייער גיך — פארביטן ווערן אפ א מידקייט, אָדער אפילע מיט א קער אין דער פארקערטער זייט, ווי נאָר עס פלעגן פארשווונדן ווערן די איליוזיעס און עס פלעגט קומען די אנטוישונג. דאָ אָבער האנדלט זיך ניט וועגן צוזאָגן, נאָר וועגן באַפרידיקן די אייגנטלעכע אינטערעסן פון דער גוואלדיקער מערהייט גופע, אָט די אינטערעסן, וועלכע זיינען נאָך, עמעס, פאר דער דאָזיקער גוואלדיקער מערהייט לאכלוטן ניט קלאָר געוועזן, זיי וואָלטן אָבער געמוזט גענוג קלאָר ווערן אין פראָצעס פון זייער פראקטישער דורכפירונג, דורך דער איבערצייגנדיקער אויגנשיינלעכקייט. אָבער ווען די בורזשואזע רעפובליק, וואָס איז אויסגעוואקסן פון דער „סאָציאלער" רעוואָליוציע פון 1848־טן יאָר איז אין איר וויטערדיקער אנטוויקלונג — ווי דאָס ווערט באוויזן אינעם דריטן ארטיקל בא מארקסן — דערגאנגען דערצו, אז אין פרילינג 1850 יאָר האָט זיך די גאנצע פאקטישע מאכט קאָנצענטרירט אין די הענט פון דער גרויס־בורזשואזיע, וואָס איז נאָך דערצו געווען מאָנארכיסטיש געשטימט; ווען — פון דער אנדערער זייט — האָבן זיך אלע איבעריקע געזעלשאפטלעכע קלאסן, דאָס פויערטום און דאָס קליינבירגערטום, גרופירט ארום פראָלעטאריאט אזוי, אז נאָכן אלגעמיינעם ניצחון האָט דער באשליסנדיקער פאקטער געזאָלט ווערן דער אָנגעלערנטער און דערפארענער פראָלעטאריאט און ניט זיי — זיינען דען דעמלט אלע אויסזיכטן ניט געווען דערפאר, אז די רעוואָליוציע פון דער מינדערהייט וועט פארוואנדלט ווערן אין א רעוואָליוציע פון דער מערהייט?

די געשיכטע האָט ניט בארעכטיקט ניט אונדז און ניט אלע די, וואָס זיינען געווען מיט אונדז פון איין מיינונג. זי האָט באוויזן, אז די עקאָנאָמישע אנטוויקלונג אפן קאָנטינענט איז נאָך דעמלט ווייט

ניט רייַפ געוואָרנ אפ צו באזייַטיקנ די קאפיטאליסטישע פראָדוקציע.
דאָס האָט זי באוויזנ דורכ דער עקאָנאָמישער רעוואָליוציע, וועלכע
האָט פונעמ 1848 יאָר אָנ ארומגעכאפט דעמ גאנצנ קאָנטינענט אונ האָט
ערשט ווירקלעכ אייַנגעבירגערט די גרויס־אינדוסטריע אינ פראנקרייַכ,
עסטרייַכ, אונגארנ, פוילנ אונ לעצטנס — אויכ אינ רוסלאנד; דייַטש־
לאנד ווידער האָט זי פארוואנדלט אינ אנ אינדוסטריעל לאנד פונ
ערשטער מאדרייגע — אלצ אפנ באָדנ פונ קאפיטאליזמ, וועלכער האָט
אינ 1848 יאָר נאָכ אלזאָ פארמאָגט א גרויסע פייִקייט זיכ צו פאר־
שפרייטנ. אָבער גראָד די אינדוסטריעלע רעוואָליוציע האָט אומעטומ
געשאפנ קלאָרקייַט אינ די קלאסנ־פארהעלטענישנ, האָט באזייַטיקט א סאכ
איבערגאנג־מאדרייגעס, וואָס זייַנענ בעיערושע איבערגעגאנגענ פונעמ
מאנופאקטורנ־פעריאָד אונ אינ מיזרעכ־אייראָפע — נאָכ פונ דער צעכנ־אָר־
דענונג, האָט באשאפנ אנ עכטע בורזשואזיע אונ אנ עכטנ, גרויס־
אינדוסטריעלנ פראָלעטאריאט אונ האָט זיי ארויסגערוקט אפנ פאָדער־
גרונט פונעמ געזעלשאפטלעכנ לעבנ. דורכ דעמ אָבער האָט דער
קאמפ צווישנ די דאָזיקע צוויי גרויסע קלאסנ, וועלכער איז אינ
1848 יאָר אָנגעגאנגענ, אויסער ענגלאנד, בלויז אינ פאריזש אונ העכ־
סטנס אינ אייניקע גרויסע אינדוסטריעלע צענטערס — אָט דער קאמפ
האָט איצט ארומגעכאפט גאנצ אייראָפע אונ האָט דערגרייכט צו אזא
אינטענסיווקייַט, וואָס מע האָט זיכ ניט געקאָנט פאָרשטעלנ אינ
1848 יאָר. דעמלט האָבנ עקזיסטירט א סאכ סעקטעס מיט אומקלאָרע
טוירעס אונ רעפועס, איצט הערשט איינע, אנ אלגעמיינ אנערקענטע,
ביז דורכזיכטיקייַט קלאָרע, מארקס טעאָריע, וועלכע פאָרמולירט שארפ
די לעצטע צילנ פונ קאמפ. דעמלט האָבנ מיר געהאט צו טאָנ מיט
מאסנ, וואָס זייַנענ צעשיידט אונ צעטיילט געווענ טעריטאָריעל אונ
נאציאָנאל, אונ פארייניקט האָט זיי בלויז דאָס געפיל פונ געמיינזאמע
ליידנ, מיט מאסנ ניט קיינ אנטוויקלטע, וואָס האָבנ זיכ אומבאהאָלפנ
געוואָרפנ אהינ אונ צוריק צווישנ באגייַסטערונג אונ פארצווייפלונג;
איצט האָבנ מיר פאר זיכ איינ גרויסע אינטערנאציאָנאלע ארמיי פונ
סאָציאליסטנ, וואָס גייט אָנ, אָפהאלט פאָרויס, וואָס וואקסט מיט יעדנ
טאָג אינ צאָל, אָרגאניזירטקייַט, דיסציפלינ, באוווסטזיניקייַט אונ
זיכערקייַט אינעמ ניצאָכנ. אויב אפילע אָט די מעכטיקע אר־
מיי פונעמ פראָלעטאריאט האָט נאָכ אלצ ניט דערגרייכט צו
איר ציל, אויב זי איז נאָכ ווייַט ניט אימשטאנד זיכ צו
דערשלאָגנ דעמ ניצאָכנ מיט איינ אנטשיידענעמ קלאפ, נאָר זי
מוז אינ הארטנ, דויערנדיקנ קאמפ לאנגזאמ אָפנעמענ באמ סוינע
איינ פאָזיציע נאָכ דער אנדערער, — איז דערפונ אינגאנצנ קלאָר גע־

דרונגען, אז אין 1848 יאָר איז אומעגלעך געווען זיך צו דערשלאָגן א סאָציאַלע איבערגעשטאַלטונג מיט דער הילף פון א פּאַשעטן גלוצלעכן אָנפאַל.

א בורזשואזיע, וואָס איז צעשפּאָלטן אף צוויי דינאַסטיש־מאָנאַרכיסטישע לאַגערן, אָבער פריער פאַר אַלץ זוכט זי רו און זיכערקייט פאַר אירע געלט־געשעפטן, און קעגן איר, עמעס, א באזיגטער, אָבער נאָך אַלץ דראָענדיקער פּראָלעטאַריאַט, אַרום וועלכן עס גרופּירן זיך אַלץ מער און מער די קלײנבירגער און די פּויערים, די שטענדיקע סאַקאָנע פון א גוואַלד־אויפרײַס, וועלכער האָט דאָך ניט געגעבן קײנע שום אויסזיכטן אף אן ענדגילטיקער לײזונג, — אָט די סיטואַציע איז געווען ווי געשאַפן פאַר דער מעלוכע־איבערקערעניש פונעם דריטן פּסעוודאָ־דעמאָקראַטישן פּרעזידענט, לוי באָנאַפּאַרט. מיט דער הילף פון דער אַרמײ האָט ער דעם 2־טן דעקאַבער 1851 יאָר געמאַכט א סאָף צו אָט דער אָנגעשטרענגטער לאַגע און האָט געזיכערט אײראָפּע אינערלעכע רו, קעדײ צו באַגליקן זי דערפאַר מיט א נײַער ערע מילכאָמעס. דער פּעריאָד רעוואָליוציעס פון אונטן איז דערווײַל געווען פאַרענדיקט. אָנשטאָט אים איז געקומען א פּעריאָד רעוואָליוציעס פון אויבן.

די אימפּעריאַליסטישע רעאַקציע פון 1851־טן יאָר איז געווען א נײַער באַווײַז אף דער ניט־רײַפקײט פון די פּראָלעטאַרישע שטרעבונגען פון יענער צײַט. זי האָט אָבער אויך געשאַפן באַדינגונגען דערפאַר, אז זײ זאָלן רײַף ווערן. די אינערלעכע רו האָט געזיכערט די פולע אַנטוויקלונג פאַר א נײַעם אויפשוווּנג פון דער אינדוסטריע; די נויטווענדיקײט צו באַשעפטיקן די אַרמײ און אָפּווענדן די רעוואָליוציאָנערע שטרעבונגען אף אויסערן לאַנד האָט אַרויסגערופן די מילכאָמעס, אין וועלכע באָנאַפּאַרט האָט, צודעקנדיק זיך מיטן „נאַציאָנאַלן פּרינציפּ", זיך באַמיט אַרויסצורײַסן פאַר פראַנקרײַך טעריטאָריעלע דעראָבערונגען. נאָכטוענדיק אים, האָט ביסמאַרק אָנגענומען די זעלביקע פּאָליטיק אויך פאַר פּרײַסן: ער האָט געמאַכט זײַן מעלוכע־איבערקערעניש, זײַן רעוואָליוציע פון אויבן אין 1866־טן יאָר ניט נאָר קעגן דעם דײַטשישן פאַרבאַנד און קעגן עסטרײַך, נאָר אויך קעגן דער פּרײַסישער פּאַלאַטע, וואָס איז מיט אים אַרײַנגעטראָטן אין א קאָנפליקט. אײראָפּע איז אָבער געווען צו קלײן פאַר צוויי באָנאַפּאַרטן, און די איראָניע פון דער געשיכטע האָט געוואָלט, אז ביסמאַרק זאָל אַראָפּוואַרפן באָנאַפּאַרטן און דער פּרײַסישער קעניג ווילהעלם זאָל צוריק אויפשטעלן ניט נאָר די קלײנדײַטשישע אימפּעריע, נאָר אויך די פראַנצויזישע רעפּובליק. אין

אַלגעמיינעמ רעזולטאַט אָבער האָבנ זיכ אינ אייראָפּע אַלע גרויסע נאַציעס, אַכוץ פּוילנ, דערשלאָגנ צו זעלבשטענדיקײַט אונ אינווייניקסטער פאַראייניקונג. עמעס, דאָס איז פאָרגעקומענ אינ פאַרהעלטניסמעסיק באַשיידענע ראַמענ, דאָכ אָבער אַפ אַזוי פיל ברייט, אַז דער אַנטוויקלונג־פּראָצעס פונעמ אַרבעטער־קלאַס האָט מער ניט באַגעגנט קיינ וועזנטלעכע שטערונגענ אינ די נאַציאָנאַלע פאַרוויקלונגענ. די קאַבראָנימ פונ דער רעוואָליוציע פונ 1848־טנ יאָר זײַנענ געוואָרנ אירע צאַוואָע־אויספירער. אונ צוזאַמענ מיט זיי האָט זיכ שוינ דראָענד אופגעהויבנ דער יורש פונ 1848־טנ יאָר, דער פּראָלעטאַריאַט, אינעמ אינטערנאַציאָנאַל.

נאָכ דער מילכאָמע פונ די יאָרנ 1870—1871 פאַרשווינדט באָנאַפּאַרט פונ דער סצענע; ביסמאַרקס מיסיע איז אויכ פאַרענדיקט, אונ ער קאָנ זיכ צוריק אַראָפּלאָזנ ביז צו דער ראָליע פונ א פּרײַסישנ יונקער. דעמ אָפּשלוס פונ דעמ דאָזיקנ פּעריאָד בילדעט אָבער די פּאַריזשער קאָמונע. טיערס פאַררעטערישער פּרווו אַוועקצוגאַנווענענ בא דער פּאַריזשער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע אירע האַרמאַטנ האָט אַרויסגערופנ א זיגרײַכנ אופשטאַנד. דערבײַ האָט זיכ ווידער אַרויסגעוויזנ, אַז אינ פּאַריזש איז איצט ניט מעגלעכ קיינ אַנדער רעוואָליוציע, נאָר א פּראָלעטאַרישע. נאָכנ זיג איז די מאַכט אַליינ פונ זיכ, אָנ שומ שטרײַטנ, אַריבער אינ די הענט פונעמ אַרבעטער־קלאַס. אָבער צוזאַמענ דערמיט האָט דער גוירל פונ דער קאָמונע ווידער דערוויזנ, אַז עס איז נאָכ ניט געקומענ די צײַט פאַר דער הערשאַפט פונעמ אַרבעטער־קלאַס, ניט געקוקט אַפ די צוואַנציק יאָר, וואָס זײַנענ פאַרגאַנגענ נאָכ דעמ פּעריאָד, וואָס ווערט געשילדערט אינ אָט דעמ ווערק. פונ איינ זײַט, איז פראַנקרײַכ ניט געקומענ צוהילפ פּאַריזש, זי איז געבליבנ א צושויערנ דערפונ, ווי פּאַריזש איז אויסגעגאַנגענ מיט בלוט אונטער מאַק־מאַהאָנס קוילנ; פונ דער צווייטער זײַט, האָט די קאָמונע צעפּאַטערט אירע קויכעס אינעמ אומפּרוכטבאַרנ שטרײַט צווישנ די פּאַרטייענ, וואָס האָבנ זי צעשפּאָלטנ: די בלאַנקיסטנ (די מערהײַט) אונ די פּרודאָניסטנ (די מינדערהײַט), וועלכע האָבנ ביידע ניט געוווּסט, וואָס מע דאַרפ טאָנ. דער געשענקטער זיג פונ 1871־טנ יאָר האָט זיכ אַרויסגעוויזנ פאַר פּונקט אַזוי ניט־פּרוכטבאַר, ווי דער פּלוצלעכער אָנפאַל אינ 1848־טנ יאָר.

מע איז זיכער געווענ, אַז צוזאַמענ מיט דער פּאַריזשער קאָמונע איז באַגראָבנ געוואָרנ אויכ דער קעמפנדיקער פּראָלעטאַריאַט, אָבער גראָד פונ דער קאָמונע אונ פונ דער פראַנצויזיש־פּרײַסישער מילכאָמע הייבט זיכ אָנ דער פּעריאָד פונ זײַנ שטאַרקסטנ אופשטײַג. די

פולשטענדיקע איבערקערעניש אינעם גאנצנ קריג־וועזנ, דורכנ אײַנ־
פירנ אלגעמײנע מיליטער־פליכט, וואָס האָט ארומגעכאפּט די גאנצע
באפעלקערונג, וועלכע איז פײַיק צו טראָגנ געווער, אונ וואָס האָט
דערפירט די גרייס פונ די ארמייענ ביז צו מיליאָנענ, דורכ אײַנפירנ
פײַער־געווער, נײַע קוילנ אונ אופרײַס־מאטעריאלנ פונ א ביז איצט
ניט געהערטער קראפט, — דאָס האָט, פונ אײנ זײַט, מיטאמאָל א סאָפ
געמאכט צו דעם באָנאפּארטישנ קריג־פּעריאָד אונ האָט געזיכערט די
פרידלעכע אנטוויקלונג פונ דער אינדוסטריע, ווײַל איצט איז מעגלעכ
געוואָרנ נאָר אנ אלגעמײנע וועלט־מילכאָמע פונ אומדערהערטער גרוי־
זאמקײַט מיט אנ אבסאָליוט ניט פאָרויסגעזעענעם אויסגאנג. פונ דער
צווייטער זײַט, האָט זי דערפירט ביז צו מוירעדיקער הייכ די שטײַ־
ערנ, אדאנק דעמ, וואָס די קריג־הויצאָעס וואקסנ אינ א געאָמעט־
רישער פּראָגרעסיע, אונ האָט אפ אזא אויפנ געשטויסנ די אָרעמערע
קלאסנ פונ פאָלק אינ די אָרעמס פונ סאָציאליזמ. די אנעקסיע פונ על־
זאס־לאָטרינגיע, אָט די נאָענטסטע סיבע פונ דער ווילדער קאָנקור־
רענצ אינ די קריג־באוואָפענונגענ, האָט געקאָנט פאנאנדערצינדנ די
שאָוויניסטישע לײַדנשאפטנ פונ דער דײַטשישער אונ פראנצויזישער
בורזשואזיע, אָבער די ארבעטער פונ בײדע לענדער האָט זי נאָר
פארבונדנ מיט א נײַעמ בונד פונ אײניקײַט. אונ דער יאָרצײַט פונ
דער פּאריזשער קאָמונע איז געוואָרנ דער ערשטער אלגעמײנער יאָנ־
טעוו פונעמ גאנצנ פּראָלעטאריאט.

ווי מארקס האָט פאָרויסגעזאָגט, האָט די מילכאָמע פונ די יאָרנ
1870—1871 אונ די מאפּאָלע פונ דער קאָמונע אפ א צײַט אריבער־
געטראָגנ דעמ שווערפּונקט פונ דער אייראָפּײישער ארבעטער־באווע־
גונג פונ פראנקרײַכ קײנ דײַטשלאנד. פראנקרײַכ האָט, פארשטײט
זיכ, געדארפט האָבנ גאנצע יאָרנ קעדיי צוריק קומענ צו זיכ נאָכנ
בלוט־פארלוסט אינ מײַ 1871־טנ יאָר. פארקערט, אינ דײַטשלאנד מיט איר
וואָס ווײַטער אלצ שנעלערנ וווקס פונ דער אינדוסטריע, וואָס איז דערצו
נאָכ פארשטארקט געוואָרנ דורכנ רעגנ פונ פראנצויזישע מיליארדנ, — איז
די סאָציאל־דעמאָקראטיע געוואקסנ נאָכ שנעלער אונ פעסטער. די דײַטשי־
שע ארבעטער האָבנ מיט פארשטאנדיקײַט אויסגענוצט דאָס אלגעמײנע
וואל־רעכט, וואָס איז אײַנגעפירט געוואָרנ אינ 1866־טנ יאָר, אונ אדאנק
דעמ טרעט דער וווּנדערבארער וווקס פונ דער פּארטיי ארויס אינ אומבא־
שטרײַטבארע ציפערנ. אינ 1871־טנ יאָר — 102.000 סאָציאל־דעמאָקראטישע
שטימענ, אינ 1874־טנ יאָר — 352.000, אינ 1877־טנ יאָר — 493.000.
דערנאָכ איז געקומענ די אנערקענונג פונ די דאָזיקע דערפאָלגנ
מיצאד די מאכטהאָבער אינ געשטאלט פונעמ סאָציאליסטנ־געזעצ. אפ א

ווײַלע איז די פּאַרטיי געווען צעבראָכן, די צאָל שטימען איז געפאַלן אין 1881־טן יאָר ביז 312.000; אָבער די דאָזיקע שטערונג איז גיך בײַגעקומען געוואָרן, און אונטערן דרוק פונעם אויסנאַם־געזעץ, אָן א פּרעסע, אָן אַן אויסערלעכער אָרגאַניזאַציע, אָן רעכט פון פאַר־זאַמלונגען און פאַראייניקונגען האָט זיך ערשט איצט אָנגעהויבן דער פּעריאָד פון איר באַזונדערס שנעלן וווּקס: אין 1884־טן יאָר — 550.000 שטימען, אין 1887 יאָר — 763.000, אין 1890־טן יאָר — 1.427.000. דאָ איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן די האַנט פון דער מעלוכע. דער געזעץ קעגן די סאָציאַליסטן איז אָפּגעשאַפט געוואָרן, די צאָל סאָציאַליסטישע שטימען איז דערגאַנגען ביז 1.787.000 — העכער א פערטל פון אַלע אָפּגעגעבענע שטימען. די רעגירונג און די הערשנדיקע קלאַסן האָבן אויך געשעפּט אַלע זייערע מיטלען — נוצלאָז, צוועקלאָז, דערפאָלגלאָז. די באַשײַמפערלעכסטע באַווײַזן פון איר אָנמאַכט, וואָס די אָפיציעלע מאַכט, אָנגעהויבן פונעם נאַכט־וועכטער און געענדיקט מיטן רײַכס־קאַנצלער, האָט געמוזט אַראָפּשלינגען — און דאָס פון די פאַראַכטעטע אַרבעטער! — די דאָזיקע באַווײַזן האָט מען געקאָנט ציילן אין מיליאָנען. די מעלוכע איז אַרײַן אין א טעמפּן ווינקל, פאַר די אַרבעטער איז דאָס ערשט געווען דער אָנהייב.

די דײַטשישע אַרבעטער האָבן אָבער, אַכוץ דעם, אויפגעטאָן נאָך א גרויסע אַרבעט פאַר זייער זאַך, — זיי האָבן געשאַפן די שטאַרק־סטע, די דיסציפּלינירטסטע, מיט דער גרעסטער שנעלקייט וואַקסנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי. זיי האָבן באַוויזן, ווי מע קאָן זיך באַנוצן מיט דער הילף פון אַלגעמיינעם וואַלרעכט, און דערמיט האָבן זיי געגעבן זייערע כאַווײרים אין אַלע לענדער א נײַ געווער אין קאַמף — איינס פון די שאַרפסטע.

דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט האָט שוין לאַנג עקזיסטירט אין פראַנקרײַך. אָבער דאָרט איז עס קאָמפּראָמעטירט געווען דורך די מיסברויכן פון דער באָנאַפּאַרטיסטישער רעגירונג. נאָך דער קאָמונע איז אין פראַנקרײַך ניט געווען קיין אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס זאָל זיך מיט אים קאָנען באַנוצן. אין שפּאַניע האָט, זינט דאָרט איז אײַנגעפירט געוואָרן א רעפּובליק, אויך עקזיסטירט אַלגעמיינע וואַל־רעכט, אָבער די ערנסטע אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען האָבן זיך דאָרט געוויינער אָפּגעהאַלטן פון אָנטיילנעמען אין די וואַלן, — דאָס איז געווען זייער אן אַלטער קלאַל. אויך די שווייצערישע דערפאַרונג מיטן אַלגעמיינעם וואַלרעכט האָט ווינציקער פון אַלץ געקאָנט ווירקן אויפ־מונטערנדיק אַף דער אַרבעטער־פּאַרטיי. אין די ראָמאַנישע לענדער זײַנען די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער געוווינט געווען צו זען אין אים

וואלרעכט א שפיצל, וואָס די רעגירונג האָט געמאכט אפ אָפּצונארנ
דאָס פאָלק. אין דייטשלאנד איז געווענ אנדערש. שוינ דער קאָמו־
ניסטישער מאניפעסט האָט פראָקלאמירט די דעראָבערונג פונעמ אל־
געמיינעמ וואלרעכט, פונ דער דעמאָקראטיע פאר איינע פונ די ער־
שטע אונ די וויכטיקסטע אופגאבנ פונעמ קעמפנדיקנ פראָלעטאריאט;
לאסאל האָט ווידער ארויסגעשטעלט די דאָזיקע פאָדערונג. אונ אָט,
ווענ ביסמארק איז געצווונגענ געווענ איינצופירנ אלגעמיינע וואל־
רעכט, אלס איינציקנ מיטל צו פאראינטערעסירנ די פאָלקמאסנ אינ
זיינע פלענער, האָבנ זיך אונדזערע ארבעטער גלייך ערנסט באצויגנ
צו דעמ דאָזיקנ רעכט אונ געשיקט אווגוסט בעבעלנ אינעמ ערשטנ
גרינדונג־רייכסטאג. פונ דעמלט אָנ האָבנ זיי זיך באנוצט מיטנ וואל־
רעכט אזוי, אז עס האָט זיי געבראכט נוצנ, אונ זייער טעטיקייט
האָט געקאָנט דינענ אלס א מוסטער פאר די ארבעטער פונ אלע
לענדער. לויטנ אויסדרוק פונ דער פראָגראמ פונ די פראנצויזישע
מארקסיסטנ, האָבנ זיי „דאָס וואל־רעכט פונ א מיטל אפ אָפּצו־
נארנ די מאסע, ווי דאָס איז געווענ ביז איצט, פארוואנדלט אינ
א באפרייונג־געצייג". ווענ אפילע דאָס אלגעמיינע וואלרעכט וואָלט
אונדז קיינ זאך מער ניט געגעבנ, אויסער דער מעגלעכקייט יעדע
דריי יאָר צו מאכנ דעמ כעזשבנ פונ אונדזערע קויכעס; אויסער דעמ
אויסגעצייכנטנ מיטל פונ פראָפּאגאנדע, ווי עס איז די רעגולערע
קאָנסטאטירונג פונעמ אומדערווארט שנעלנ וווקס פונ אונדזערע שטי־
מענ, וואָס פלאנצט איינ אינ די ארבעטער אלצ מער זיכערקייט אינ
אונ זער ניצאָכנ אונ אינ אונדזערע סאָנים אלצ מער שרעק; אויסער
די גענויע יעדיעס וועגנ אונדזער אייגענער קראפט אונ וועגנ דער
קראפט פונ אלע פיינטלעכע פארטייענ, יעדיעס, וועלכע דינענ אלס
בעסטער מאסשטאב אפ צו רעגולירנ אונדזערע מייסימ, אפ צו פאר־
היטנ פונ איבעריקער אומדרייסטקייט אזוי ווי פונ איבעריקער דרייסטקייט —
אויב דאָס אלצ וואָלט געווענ דער איינציקער געווינס, וואָס עס
ברענגט אונדז דאָס וואלרעכט, וואָלט עס דעמלט שוינ אויך געווענ
איבער אונ איבער גענוג. אָבער עס גיט אונדז א סאך מער. אינ דער
וואל־אגיטאציע האָבנ מיר באקומענ דאָס בעסטע מיטל — קיינ גלייכנ
צו אימ איז ניטאָ — צו קומענ אינ באַרירונג מיט די פאָלק־מאסנ,
וועלכע שטייענ ווייט פונ אונדז; די וואל־אגיטאציע צווינגט אלע
פארטייענ פארנ גאנצנ פאָלק צו פארטיידיקנ קעגנ אונדזער אָנגריפ
זייערע אָנשויונגענ אונ האנדלונגענ; דערצו האָט זי אונדז געעפנט
פאר אונדזערע פאָרשטייער א טריבונע אינעמ רייכסטאג, א טריבונע,
פונ וועלכער מיר קאָנענ זיך ווענדנ צו אונדזערע קעגנער אינ פאר־

לאמענט, אונ צו דער מאסע אויסערנ פארלאמענט מיט א סאכ א גרעסערנ אווטאָריטעט אונ א סאכ מער פרײַהײַט, ווי אינ דער פרעסע אונ אפ פארזאמלונגענ, וואָס האָט דענ געהאָלפנ דער רעגירונג אונ דער בורזשואזיע דער געזעצ קעגנ די סאָציאַליסטנ, ווענ די וואל־אגיטאציע אונ די רעדעס פונ די סאָציאליסטנ אינ רײַכסטאג האָבנ אים קעסיידער דורכגעבראָכנ?

אָבער דאָס דאָזיקע דערפאָלגרײַכע באנוצנ דאָס אלגעמיינע וואל־רעכט האָט ארויסגערופנ צומ לעבנ א גאנצ נײַע פאָרמ פונ קאמפ כונ מ פראָלעטאריאט, וועלכע האָט אינגיכנ באקומענ איר ווײַטערדיקע אנטוויקלונג. עס האָט זיכ ארויסגעוויזנ, אז די מעלוכע־אײַנריכטונגענ, אינ וועלכע עס איז אָרגאניזירט די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע, גיבנ דעמ ארבעטער־קלאס ווייטערדיקע מעגלעכקייטנ, מיט וועלכע ער קאָנ זיכ באנוצנ אפ צו באקעמפנ די זעלביקע אײַנריכטונגענ. מיר האָבנ זיכ באטייליקט אינ די וואלנ אינ די באזונדערע לאנדטאגנ, שטאָט־פארוואלטונגענ, אינדוסטריעלע געריכטנ, אויסקעמפנדיק בא דער בורזשואזיע יעדע פאָזיציע אומעטומ, ווו עס האָט נאָר געשטימט א גענוגנדיקער טייל פראָלעטאריאט. אונ אָט אזוי איז עס דערגאנגענ דערצו, אז די בורזשואזיע אונ די רעגירונג האָבנ אָנגעהויבנ מער מוירע האָבנ פארנ לעגאלנ קאמפ פונ דער ארבעטער־פארטיי, איידער פארנ אומלעגאלנ; פאר אירע וואל־דערפאָלגנ מער, ווי פאר אנ אופשטאנד.

ווײַל אויכ דאָ האָבנ זיכ די קאמפ־באדינגונגענ וועזנטלעכ געענדערט. דער אופשטאנד פונ אלטנ מינ, דער גאסנ־קאמפ מיט באריקאדעס, וועלכער האָט ביזנ 1848 יאָר אומעטומ באשלאָסנ דעמ אויסגאנג פונ דער רעוואָליוציע, איז איצט אינ א באדײַטנדיקער מאָס פארעלטערט געוואָרנ.

לאָמיר זיכ ניט מאכנ קיינ אילויזיעס: אווירקלעכער ניצאָכנ פונ אופשטענדלער איבער מיליטער אינעמ גאסנ־קאמפ, א ניצאָכנ ווי פונ איינ ארמיי איבער דער אנדערער, איז איינע פונ די גרעסטע זעלטנהײַטנ. די אינסורגענטנ האָבנ אָבער אויכ זייער זעלטנ אויסגערעכנט אפ אזא ניצאָכנ. פאר זיי האָט זיכ דאָ געהאנדלט נאָר וועגנ מאכנ דאָס מיליטער ווייכער דורכ מאָראלישער אופווירקונג, וואָס בא א קאמפ צווישנ די ארמייענ פונ צוויי מילכאָמע־פירנדיקע לענדער שפילט עס קיינ שומ ראָליע ניט אָדער גאָר א קליינע ראָליע. ווענ די אינסורגענטנ געלינגט אזא זאכ, זאָגט זיכ דאָס מיליטער אָפ צו פאָלגנ, אָדער זײַנע אָנפירער פארלירנ דעמ קאָפ, אונ דער אופשטאנד האלט אָפ א ניצאָכנ. טאָמער גיט זיכ עס ניט

איין, איז אפילע אויב דאָס מיליטער איז קלענער לויט דער צאָל, באקומט די איבערגעוויכט די בעסערע באוואָפענונג און אויסגע־שולטקייט, די איינהייטלעכע אָנפירונג, די פלאנמעסיקע פארווענדונג פון די קעמפנדיקע קויכעס און די דיסציפלין. דאָס העכסטע, צו וואָס די אופשטענדלער קאָנען דערגרייכן אין דער קאמפ־טאקטיק, איז די אָנווענדונג פון דער קריג־קונסט באם בויען און פארטיידיקן אן איינצלנע באריקאדע. שוין באם פארטיידיקן א שטאָט־קרייז, שוין אָפגערעדט וועגן א גאנצער גרויסער שטאָט, איז נייטיק קעגנזייטיקע שטיצע, באנוצן זיך מיט רעזערוון, א געמיינזאמע און פארייניקטע אקציע פון איינצלנע גרופעס; פאר אינסורגענטן איז עס מעגלעך בלויז אין דער קלענסטער מאָס, און אָפטמאָל איז עס גאָר אינגאנצן אומעגלעך. קאָנצענטרירן די שטרייט־קויכעס אף איין אנטשיידנדיקן פונקט איז, פארשטייט זיך, אומעגלעך. דעריבער איז דאָ די פאסיווע באשיצונג די פרעוואלירנדע פאָרם פון קאמף; אין אן אָנגריף קאָנען די אינסורגענטן איבערגיין בלויז אין זעלטענע פאלן, אין אויסנאמ־פאלן, דערביי גייען זיי אלנפאלס ניט ווייטער פון איינצלנע אָנפאלן און פלאנגען־אטאקעס; געוויינלעך באנוגענען זיי זיך מיט פארנעמען די פאָזיציעס, וועלכע עס פארלאָזט דאָס אָפטרעטנדיקע מיליטער. דערביי האָט דאָס מיליטער אין זיינע רעשוס הארמאטן און געניטע, מיט אלע נייטיקע אינסטרומענטן באזאָרגטע, אינזשעניער־אָפטיילן. אלע אזוינע שטרייט־מיטלען, וועלכע די אינסורגענטן האָבן קימאט קיינמאָל ניט. עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט, וואָס אפילע די באריקאדן־שלאכטן, וואָס זיינען געפירט געוואָרן מיטן גרעסטן העלדנ־מוט — די שלאכטן אין יונ 1848 יאָר אין פאריזש, אין אָקטיאבער 1848 יאָר — אין ווינ, אין מיי 1849 יאָר אין דרעזדען — האָבן זיך געענדיקט מיט א מאפאָלע פונעם אופשטאנד, ווען נאָר די אָנגרייפנ־דיקע מיליטער־פירער, ניט אָפגעהאלטן פון קיינע שום פאָליטישע מאָטיוון, האָבן זיך געפירט לויט ריין־מיליטערישע קלאָלים, און ווען זיי האָבן זיך געקאָנט פארלאָזן אף די סאָלדאטן.

די גרויסע צאָל דערפאָלגן פון די אינסורגענטן ביזן 1848 יאָר לאָזט זיך דערקלערן מיט זייער פיל פארשיידנארטיקע סיבעס. אין יול 1830 יאָר און אין פעווראל 1848 יאָר אין פאריזש, ווי אויך אינעם גרעסטן טייל גאסן־אופשטאנדן אין שפאניע, איז צווישן די אופשטענדלער און דעם מיליטער געשטאנען דער בירגערלעכער לאנדווער, וועלכער איז אָדער דירעקט אריבער אף דער זייט פונעם אופשטאנד, אָדער מיט זיין וואקלדיקער, ניט אנטשלאָסענער אופירונג האָט ער אריינגעטראָגן א צעמישונג אינעם מיליטער; אכוץ דעם

האָט ער באַזאָרגט די אופשטענדלער מיט געווער. דאָרט, ווו דער דאָזיקער בירגערלעכער לאַנדוועער איז פון לעכאַטכילע אָן ארויסגע־טראָטן קעגן דעם אופשטאנד, ווי דאָס איז געווען אין יונ 1848 יאָר אין פאריזש, איז דער אופשטאנד שטענדיק באַזיגט געוואָרן. אין בערלין אין 1848 יאָר האָט דאָס פאָלק געזיגט טיילווײַז דערפאר, ווײַל אין מעשעכ פון דער נאכט און פרימאָרגנ דעם 19־טנ מארט זײַנען צו הילפ די אופשטענדלער געקומען א סאכ פרישע קויכעס; טיילווײַז דערפאר, ווײַל די סאָלדאטנ זײַנען געווען מיד און הונ־געריק, און ענדלעכ דערפאר, ווײַל די מיליטער־אָנפירונג האָט גע־ארבעט שוואכ און ניט אנטשלאָסנ. אין אלע פאלן אָבער האָבן זיכ די אינסורגענטנ דערשלאָגנ א ניצאָכנ נאָר דערפאר, ווײַל די סאָל־דאטנ האָבן זיכ אָפגעזאָגט צו פאָלגנ, ווײַל בא דער מיליטער־אָנ־פירונג האָט ניט געסטײַעט קיינ אנטשלאָסנקײַט אָדער זי האָט געהאט געבונדענע הענט.

אלזאָ, אפילע אינ דער קלאסישער צײַט פונ גאסנ־קאמפ האָט די באריקאדע געווירקט מער מאָראליש, ווי מאטעריעל. זי איז געווען א מיטל ארײַנצוברעכנגענ א צעמישונג אינעם מיליטער. האָט זיכ איר אײַנגעגעבנ זיכ צו האלטנ ביז אָט דער ציל איז דערגרייכט געוואָרנ, איז דער ניצאָכנ געווענ אירער, האָט זיכ עס ניט אײַנ־געגעבנ—האָט זיכ דער קאמפ געענדיקט מיט א מאפּאָלע.

נעמלעכ אינ אָט דעם באשטייט דער וועזנטלע־כער פונקט, אפ וועלכנ מע דארפ ווענדנ א באזונ־דערע אופמערקזאמקײַט, ווענ מיר וועלנ באטראכטנ די שאנסנ פונ די מעגלעכע צוקינפטיקע גאסנ־קאמפנ.

אגעוו, שוינ אינ 1849 יאָר זײַנען די שאנסנ פונעם אופשטאנד געווענ גאנצ שלעכטע: די בורזשואזיע האָט זיכ אומעטום געשלאָגנ אפ דער זײַט פונ די רעגירונגענ. די „געבילדעטע און אייגנטימער“ האָבנ באגריסט און מעכאבעד געווענ די סאָלדאטנ, וואָס זײַנען געגאנגענ קעגנ די אופשטענדלער. די באריקאדע האָט איר צויבער פארלאָרנ: הינטער איר האָבנ שוינ די סאָלדאטנ ניט געזענ קיינ „כּאָלק“—דאָס זײַנען פאר זיי געווענ בונטארעס, ראָצכים, גאזלאָנים, דער אָפּפאל פונ דער געזעלשאפט! מיט דער צײַט האָבנ זיכ די אָפיצערנ אויסגעלערנט די טאקטיק פונ גאסנ־קאמפ, זיי זײַנען שוינ ניט געגאנגענ גלײַכ און אָנ א צודעק קעגנ דעם אימפּראָוויזירטנ ברוסטווער, נאָר זיי זײַנען ארומגעגאנגענ די באריקאדע דורכ

גערטנער, הויפן און הײַזער. און בא א געוויסער געשיקטקײַט האָט זיך עס זיי איצט אײַנגעגעבן אין נײַן פאַלן פון צען.

פון דעמלט אָן אָבער זײַנען פאָרגעקומען נאָך א סאך ענדערונ־גען, און אלץ צום גונסטן פונעם מיליטער. אויב די גרויסע שטעט האָבן זיך שטארק פארגרעסערט, האָבן זיך די ארמייען פארגרעסערט נאָך מער. פון 1848 יאָר אָן איז ניט פאריזש און ניט בערלין ניט אויסגעוואקסן אין פיר מאָל, אָבער זייערע גארניזאָנען האָבן זיך פארגרעסערט נאָך מער ווי אין פיר מאָל. אדאנק די אײַזנבאנען קאָנען די דאָזיקע גארניזאָנען פארטאָפּלט ווערן אין מעשעך פון 24 שאָ און אין מעשעך פון 48 שאָ קאָנען זיי דערפירט ווערן ביז דער גרייס פון קאָלאָסאלע ארמייען. די באוואָפענונג פון אָט דער קאָלאָ־סאל אויסגעוואקסענער קריגס־קראפט איז געוואָרן אָן אן ערעך ווירק־זאמער. אין 1848 יאָר האָבן די סאָלדאטן געשאָסן פון גלאטע שלאָג־ביקסן, וואָס לאָדן זיך אָן פון פאָרנט, איצט זײַנען זיי באוואָפנט מיט קליין־קאליבערדיקע מאגאזין־ביקסן, וואָס ווערן אָנגעלאָדן פון הינטן, און אָט די ביקסן שיסן אין פיר מאָל ווײַטער און צען מאָל פּינקטלעכער און אין צען מאָל גיכער, איידער די אלטע. די אלטע האר־מאטן־קוילן און דער קארטעטש פון דער ארטילעריע, וואָס האָבן פארמאָגט א פארהעלטנישמעסיק שוואכע קראפט, זײַנען איצט פארביטן געוואָרן אף אופרײַס־גראנאטן, וואָס איינע פון זיי איז גענוג אף צו צעקלאפּן אף פּיצלעך די בעסטע באריקאדע. דעמלט א שפּיציקע האק אף דורכברעכן בראנדמויערן, הײַנט — דינאמיט־פּאטראָנעס.

פארקערט, אף דער זײַט פון די אינסורגענטן האָבן זיך אלע באדינגונגען פארערגערט. עס איז שווער, עס זאָל פּאָרקומען אזא אופ־שטאנד, וואָס אים זאָלן מיטפילן אלע שיכטן פון דער באפעלקערונג. אינעם קלאסן־קאמפּ איז שווער, אז אלע מיטעלע שיכטן זאָלן זיך גרופּירן אויסשליסלעך ארום דעם פּראָלעטאריאט אזוי, אז די פארטיי פון רעאקציע, וואָס גרופּירט זיך ארום דער בורזשואזיע, זאָל אין פארגלײַך מיט זיי אינגאנצן פארשווינדן. דאָס „פאָלק" וועט אלזאָ שטענדיק זײַן צעשפּאָלטן אף פארטייען, און דאָס הייסט, עס וועט אויספעלן איין מעכטיקער הייבער, וואָס האָט אזויפיל אופגעטאָן אין 1848 יאָר עמעס, אף דער זײַט פון די אינסורגענטן וועט איצט אויסקומען מערער אויסגעדינטע סאָלדאטן, עס וועט אָבער שווערער זײַן זיי צו באוואָפענען. די יעגערישע ביקסן און לוקסוס־ביקסן פון די געווער־קראָמען קאָנען זיך ווײַט ניט פארגלײַכן מיט די מא־גאזין־ביקסן בא די סאָלדאטן, און זיי שלאָגן א סאך ערגער פון יענע אפילע אף א נאָענטער שטרעקע; אכוץ דעם, דארף מען זיך רעכענען

דערמיט, וואָס די פּאָליציי קאָנ זיי לייַכט מאכנ פאר אומשעדלעכ; זי דארפ ניט מער, נאָר באַצייַטנס אראָפּדרייענ אוועלכנ ניט איז שלאָס־טייל. ביזנ 1848 יאָר האָט מענ אלייג געקאָנט פונ פּולווער אונ בליי צוגרייטנ די נייטיקע צאָל קוילנ, איצט האָט זיכ יעדער טיפּ ביקס זייַנע באזונדערע קוילנ. אונ די אלע קוילנ האָבנ בלויז איינ אלגע־מיינעמ שטריכ: זיי זייַנענ א קאָמפּליצירטער פּראָדוקט פונ דער גרויס־אינדוסטריע. אונ באשאפנ זיי עקספּראָמט קאָנ מענ ניט. אזוי, אז דער גרעסטער טייל ביקסנ זייַנענ אומנוצלעכ, קאָלזמאנ עס זייַנענ ניטאָ די ספּעציעלע פאר זיי צוגעפּאסטע קוילנ. אונ ענדלעכ, די גלייַכע, ברייטע אונ לאנגע גאסנ אינ די ניי־אויסגעבויטע נאָכנ 1848 יאָר קווארטאלנ פונ די גרויסע שטעט זייַנענ פּונקט ווי צוגעטראכט פאר דער ארבעט פונ די נייַע הארמאטנ אונ ביקסנ; א מעשור־געגנער וועט זייַנ דער רעוואָליוציאָנער, וואָס וועט אויסקלייַבנ אפ צו בויענ באריקאדנ די נייַע ארבעטער־קווארטאלנ אפ דער צאָפנ־אָדער מיזרעכ־זייַט פונ בערלינ.

צי הייסט דאָס, אז אינ דער צוקונפט וועט שוינ דער גאסנ־קאמפּ מער ניט שפּילנ קיינ שום ראָליע? בעשומויפנ ניט. דאָס באטייַט נאָר, אז זינט 1848 יאָר זייַנענ די באדינגונגענ געוואָרנ א סאכ אומ־גינסטיקער פאר די ציווילע קעמפּער, אונ א סאכ גינסטיקער פארנ מיליטער. יעדער גאסנ־קאמפּ אינ דער צוקונפט קאָנ אלזאָ זיגנ נאָר אינ דעמ פאל, אויב די דאָזיקע אומגינסטיקייַט אינ דער לאגע וועט קאָמפּענסירט דורכ אנדערע מאָמענטנ. דער גאסנ־קאמפּ וועט דעריבער פּאָרקומענ זעלטענער אינעמ אָנהייב פונ א גרויסער רעוואָליוציע, איידער אינעמ ווייַטערדיקנ גאנג אירנ, אונ ער וועט מוזנ אונטערגענומענ ווערנ מיט גרעסערע קויכעס. אָבער אָט די קויכעס וועלנ דעמלט גערנער אָנווענדנ — ווי דאָס איז געווענ בייס דער גאנצער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע — אנ אָפּענעמ אָנגריפ, איידער די פּאסיווע באריקאדעס־טאקטיק.

פארשטייט שוינ ערשט דער לעזער, פארוואָס די הערשנדיקע קלאסנ ווילנ אונדז אומ וואָס פאר א פּרייַז עס זאָל ניט זייַנ ארויס־רופנ אפ א גאסנ־קאמפּ, אונטער ביקסנ־שאָסנ אונ שווערדנ־קלעפּ? פארוואָס זיי באשולדיקנ אונדז איצט אינ פּאכדאָנעס דערפאר, וואָס מיר גייענ ניט פּאָשעט אפ די באריקאדנ, ווו אונדז דערווארט א

זיכערע מאַפּאָלע? פאַרוואָס זיי בעטן זיך בא אונדז מיט טרערן, אַז מיר זאָלן שוין ענדלעך אַ שפּיל טאָן די ראָליע פון האַרמאַטן־פֿלייש?

אָט די הערן פּאַטערן אָבער זייערע באַקאָשעס און אַרויסרופן אומזיסט און אומנישט. אַזוי נאַריש זײַנען מיר ניט. מיטן זעלביקן דערפֿאָלג וואָלטן זיי געקאָנט פֿאָדערן פונעם סוינע, ער זאָל זיך אויסשטעלן פֿאַר דער שלאַכט אין איין ליניע, לויטן אַלטן פּריצס מוסטער, אָדער ער זאָל אויסשטעלן קאָלאָנעסווײַז גאַנצע דיוויזיעס, ווי בא וואַגראַם און וואַטערלאָאָ, דערצו נאָך מיט קיזלשטיין־ביקסן אין די הענט. עס האָבן זיך געענדערט די באַדינגונגען פון צווישנפעלקערישע מילכאָמעס. אָבער ניט אין קיין קלענערער מאָס האָבן זיך געענדערט אויך די באַדינגונגען פון קלאַסנקאַמף. עס איז אַוועק די צײַט פון פּלוצלינגע אָנצינדונגען, רעוואָליוציעס, וואָס ווערן דורכגעפֿירט דורך אַ באַוווּסטזיניקער מינדערהײַט בעראָש פון אומבאַוווּסטזיניקע מאַסן. דאָרט, וווּ עס האַנדלט זיך וועגן דער פולשטענדיקער איבערבויונג פון דער גאַנצער געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, מוזן די מאַסן אַליין אַקטיוו דערין אָנטיילנעמען, זיי מוזן באַנעמען, אין וואָס דאָ האַנדלט זיך און פאַרוואָס זיי דאַרפן קעמפן. דאָס לערנט אונדז די געשיכטע פון די לעצטע 50 יאָר. קעדיי אָבער די מאַסן זאָלן פאַרשטיין, וואָס זיי האָבן צו טאָן, איז נייטיק אַ לאַנגע, אַקשאָנעסדיקע אַרבעט. אָט דאָס איז טאַקע די אַרבעט, וואָס מיר פֿירן איצט, דערצו מיט אַזאַ דערפֿאָלג, וואָס ברענגט אַרײַן אין פאַרצווייפלונג אונדזערע קעגנער.

אויך אין די ראָמאַנישע לענדער איבערצײַגט מען זיך אַלץ מער און מער אין דעם, אַז די אַלטע טאַקטיק מוז רעווידירט ווערן. אומעטום זײַנען די ניט־צוגעגרייטע אַרויסטרעטונגען אָפּגעטראָטן אין הינטערגרונט. דער בײַשפּיל פון די דײַטשישע אַרבעטער, זייער אויסנוצן דאָס וואַל־רעכט אַפּ צו דעראָבערן פאַר זיך אַלע צוטריטלעכע פּאָזיציעס האָט אומעטום געפונען נאָכטוערס. אַפילע אין פראַנקרײַך, וווּ איינע רעוואָליוציע איז געגאַנגען נאָך דער אַנדערער אין משך פון העכער הונדערט יאָר, וווּ עס איז ניטאָ קיין איינציקע פּאַרטיי, וואָס זאָל ניט האָבן איר כיילעק אין פאַרשווערונגען און אויפשטאַנדן און אַלערליי אַנדערע רעוואָליוציאָנערע אַקציעס; אין פראַנקרײַך, וווּ די רעגירונג איז, אין רעזולטאַט דערפון, קיינמאָל ניט זיכער אין דער אַרמיי, וווּ די אומשטענדן האָבן זיך ביכלאַל צונויפגעלייגט אַ סאַך גינסטיקערע פאַר אַ גאַסן־אויפשטאַנד, ווי אין דײַטשלאַנד, — אַפילע אין פראַנקרײַך קומען די סאָציאַליסטן אַלץ מער און מער צו דער איבערצײַגונג, אַז אויב

זיי זאָלן ניט געווינען אפריער די ברייטע פאָלקמאסן,—אין פראנק־רײַך באטײַט עס—דאָס פּויערטום,—איז אומעגלעך אויסצורעכענען אפ א דערפאָלג. אלס נאָענטסטע אופגאבע פון דער פארטיי איז אויך דאָ אנערקענט געוואָרן די לאנגזאמע פראָפאגאנדיסטישע ארבעט און פאר־לאמענטארישע טעטיקײַט. דער דערפאָלג האָט ניט געלאָזן אפ זיך ווארטן. עס איז ניט נאָר געוווּנען געוואָרן א גאנצע ריי שטאָט־פארוואלטונגען; אין פאלאטע זײַנען פאראן 50 סאָציאליסטן, און זיי האָבן שוין ארױפגעוואָרפן דרײַ מיניסטעריומס און איין פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. אין בעלגיע האָבן זיך די ארבעטער פאראיאָרן דערשלאָגן וואל־רעכט און געזיגט אין א פערטכיילעך פון אלע וואל־קרײַזן. אין דער שווייץ, אין איטאליע, דענעמארק, אפילע אין באָל־גאריע און רומעניע האָבן די סאָציאליסטן זייערע פאָרשטייערס אי־נעם פארלאמענט. אין עסטרײַך זײַנען אלע פארטייען מאסקים, אז דער צוטריט אין רײַכסראט קאָן אונדז ניט בלײַבן אפ ווײַטער פאר־ווערט. מיר וועלן ארײַן אין רײַכסראט—דאָס איז אויסער יעדן סאָ־פעק; די פראגע איז נאָר, דורך וועלכע טירן. און ווען אפילע אין־רוסלאנד וועט זיך צונויפקומען דער בארימטער זעמסקי סאָבאָר, יענע נאציאָנאלע פארזאמלונג, קעגן וועלכער דער יונגער ניקאָלײַ אקשנט זיך אזוי אומזיסט, אפילע דאָ קאָנען מיר זיכער אויסרעכענען דערופ, אז אויך דאָרט וועלן מיר זײַן פארטראָטן.

עס איז זעלבסטפארשטענדלעך, אז אונדזערע כאווײרים אין אויסלאנד זאָגן זיך ניט אָפ פון זייער רעכט אפ רעוואָליוציע. דאָס רעכט אפ רעוואָליוציע איז דאָך דאָס איינציקע ב ע ע מ ע ס „היס־טאָרישע רעכט", דאָס איינציקע רעכט, אפ וועלכן עס זײַנען געבויט אלע מאָדערנע מעלוכעס אָן אויסנאם, מעקלענבורג אויך אײַנגע־שלאָסן; דאָ האָט זיך די אדל־רעוואָליוציע אין 1755 יאָר פארענדיקט דורך א „יערושע־אָפמאך", אָט דעם בארימטן פעאָדאליסטישן דאָקו־מענט, וואָס איז גילטיק נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג. דאָס רעכט אפ רעוואָליוציע האָט זיך אזוי טיפ אײַנגעוואָרצלט אינעם אלגעמיינעם באוווסטזײַן, אז אפילע דער גענעראל פאָן־באָגוסלאווסקי פארופט זיך אויסשליסלעך אפ אים און פון אים דרינגט ער ארויס דאָס רעכט פון זײַן קייזער אפ א מעלוכע־איבערקערעניש.

אגעוו, וואָס עס זאָל ניט זײַן אין אנדערע לענדער, נאָר אין דײַטש־לאנד פארנעמט די סאָציאל־דעמאָקראטיע א באזונדערע לאגע, וועלכע שטעלט פאר איר ספּעציעלע אופגאבן, לעכאָלאפּאָכעס, פאר דער נאָענטס־טער צוקונפט. די צוויי מיליאָן ווײלערס, וועלכע זי שיקט צו די וואל־אורנעס און צו וועלכע מע דארפ נאָך צוגעבן די פרויען און יונגעלײַט, וואָס

האָבן ניט קיין שטימרעכט,—זיי בילדן די גרעסטע און קאָמפּאַקטסטע מאַסע, דעם הויפּט־קערן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער ארמיי. די דאָזיקע מאַסע גיט שוין איצט העכער א פערטל פון אלע אָפּגעגעבענע שטימען. און ווי עס באַווייזן די צוגאָבוואַלן אין רייכס־טאַג, די וואַלן אין די לאַנדסטאַגן, אין די מוניציפּאַליטעטן און אינ־דוסטריעלע געריכטן, וואַקסט די צאָל אָן אויפהער. דער דאָזיקער וווּקס גייט סטיכייִש, קעסיידער, אָן אָפּהאַלט, און גלייכצייטיק אַזוי רויִק, ווי א נאַטור־פּראָצעס. אלע מאָסמיטלען פון דער רעגירונג האָבן זיך ארויסגעוויזן אָנמעכטיק קעגן אים. מיר קאָנען שוין איצט אויסרע־כענען אַף $2^1/_4$ מיליאָן וויילערס. אויב דאָס וועט ווייטער אַזוי גיין, וועלן מיר צום סאָף יאָרהונדערט געווינען דעם גרעסטן טייל מיטעלע שיכטן פון דער געזעלשאַפט—די קליינבירגער און קליין־פּויערים, מיר וועלן אויסוואַקסן און ווערן די אַנטשיידנדיקע קראַפט אין לאַנד, קעגן וועלכער עס וועלן ווילנדיק, ניט ווילנדיק זיך מוזן בייגן אלע איבעריקע קויכעס. מיטהעלפן אָט דעם קעסיידערדיקן וווּקס פון דער פּאַרטיי ביז זי וועט נ״ב איבערוואַקסן איבערן קאָפּ פון דער הערשנדיקער מעלוכע־סיסטעם, ניט דערלאָזן, אז די דאָזיקע מאַסן־קראַפט, וואָס ווערט מיט יעדן טאָג אלץ שטאַרקער, זאָל זיך פאַרמינערן אין די אוואַנגאַרד־שלאַכטן, נאָר איינהאַלטן זי אומבאַרירט ביזן אַנט־שיידנדיקן טאָג — אָט דאָס איז אונדזער הויפּט־אויפגאַבע. און עס איז פאַראַן נאָר איין מיטל, וואָס קאָן אַף א מאָמענט אָפּהאַלטן דעם אָנופהערלעכן אָנוווּקס פון די סאָציאַליסטישע קאַמף־קויכעס און אפילו אָפּוואַרפן אים אַף א צייט צוריק: דאָס איז א גרויסער צוזאַמענשטויס מיטן מיליטער, א בלוט־פאַרגיסונג אַזאַ, ווי די פּאַריזשער אין 1871 יאָר; סאָפּקאָלסאָפּ וואָלט זיך די פּאַרטיי אַן אייצע געגעבן אויך דערמיט; עס איז אוממעגלעך אראָפּצומעקן פון דער וועלט א פּאַרטיי, וואָס ציילט אין די מיליאָנען; דערויף וועלן ניט סטייען אלע ביקסן פון איירָאָפּע און אַמעריקע. דאָס וואָלט אָבער פאַרהאַלטן דעם נאָרמאַלן אַנטוויקלונג־גאַנג, די מאַסן־קראַפט וואָלט עפּשער אינעם קריטישן מאָמענט ניט געווען אין אונדזער רעשוס, דער אַנטשיידנדיקער קאַמף וואָלט עפּשער אָפּגעלייגט געוואָרן און וואָלט געקאָסט מער שווערע קאָרבאָנעס.

די איראָניע פון דער וועלט־געשיכטע שטעלט אלץ אַפן קאָפּ. מיר, די „רעוואָליוציאָנערן”, די „צעשטערער” גייען זיכערער צו אונדזער ציל מיט געזעצלעכע וועגן, ווי מיט אומגעזעצלעכע. און די

פארטייענ פונ אָרדענונג, ווי זיי רופנ זיכ, קומענ אומ פונ דער געזעצלעכער לאגע, וואָס זיי אליינ האָבנ געשאפנ. פארצווייפלט כאזערנ זיי איבער נאָכ אדילאָנ בּאראָ: Lé légalité nous tue (די געזעצלעכקײַט הארגעט אונדז אוועק), אונ מיר — מיר געווינענ אפ דער געזעצלעכקײַט פעסטע מוסקולנ אונ רויטע באקנ, אונ זעענ אויס, ווי דאָס אייביקע לעבנ. אונ אויב מיר וועלנ זיכ ניט לאָזנ — צו אונדזערע סאָנימס פארגעניגנ — אומזיניק פארפירנ אפנ וועג פונ גאסנ־קאמפ, וועט זיי סאָפקאָלסאָפ ניט בלײַבנ קיינ אנדער אויסוועג, נאָר אליינ שטערנ אָט די פאר זיי פאטאלע געזעצלעכקײַט.

דערווײַל פארפאסנ זיי נײַע געזעצנ קעגנ דער איבערקערעניש. אונ ווידעראמאָל שטייט אלצ אפנ קאָפ. אָט די היַינטיקע פאנאטיקער פונ אנטי־איבערקערעניש זײַנענ דענ נעכטנ אליינ ניט געווענ קיינ איבערקערער? האָבנ מיר דענ ארויסגערופנ דעמ בירגער־קריג אינ 1866 יאָר? האָבנ מיר דענ דורכגעטריבנ דעמ האנאָווערער קיניג, דעמ העסענער קורפירשט אונ דעמ הערצאָג פונ נאסאו פונ זייערע דורעסדיקע געזעצלעכע געיארשנטע גיטער אונ פארכאפט זייער ערד? אונ אָט די זעלביקע איבערקערער פונעמ דײַטשישנ פארבאנד, די רויבער פונ דרײַ קרוינענ מיט גאָטס גנאָד באקלאָגנ זיכ אפ דער איבערקערעניש? *Quis tulerit Gracchos de seditione quereutes? ווער קאָנ עס דערלאָזנ, אז ביסמארקס אָנהענגער זאָלנ זידלענ די איבערקערעניש?

נאָר זאָלנ זיי זיכ דורכפירנ זייערע געזעצ־פראָיעקטנ קעגנ איבערקערענישנ, זאָלנ זיי אָט די געזעצנ נאָכ פארערגערנ, זאָלנ זיי דעמ גאנצנ געזעצ־קאָדעקס פארוואנדלענ אינ גומע, זיי וועלנ קיינ זאכ ניט דערגרייכנ, אכוצ א נײַעמ באווײַז פונ זייער אייגענער אָנמעכטיקײַט. זיי וועלנ נאָכ מוזנ אָנקומענ צו אנדערע מאָסמיטלענ, אויב זיי ווילנ ערנסט טרעפנ די סאָציאל־דעמאָקראטיע. די סאָציאל־דעמאָקראטישע איבערקערעניש, וועלכע האָט זיכ איצט אזוי גלענצנד אנטוויקלט גראָד אפנ געזעצלעכנ באָדנ, קאָנענ זיי בײַקומענ נאָר דורכ אנ אייגענער איבערקערעניש, אנ איבערקערעניש פונ דער אָרדענונג־פארטיי, וואָס איז אומעגלעכ, אויב דערבײַ זאָל ניט געשטערט ווערנ די געזעצלעכקײַט. דער פרײַסישער ביוראָקראט הער רעסלער אונ דער פרײַסישער גענעראל הער פאָנ־באָגוסלאווסקי האָבנ זיי באוויזנ דעמ אייניציקנ וועג, מיט וועלכנ זיי וואָלטנ נאָכ עפשער געקאָנט בײַקומענ די ארבעטער, וואָס לאָזנ זיכ טאקע ניט ארײַנציִענ אינ א גאסנ־קאמפ. אָט דער וועג איז — ברעכנ

* ווער קאָנ עס דערלײַדנ, אז די גראקכנ זאָלנ ריידנ וועגנ איבערקערענישנ?

די קאָנסטיטוציע, דיקטאטור, אומקערן זיך צום אבסאָליוטיזם, regis voluntas — supremi lex! (דעמ רעגירערס ווילן איז דער העכסטער געזעץ!). אלזאָ, נאָר מוט, מײַנע הערן, גענוג גערעדט, נעמט זיך צו דער ארבעט!

פארגעסט אָבער ניט, אז די דײַטשישע אימפעריע איז א פּראָדוקט פון אן אָפּמאַך, פונקט ווי אלע קלײנע דײַטשישע מעלוכעס און ביכלאל אלע נײַסטע מעלוכעס. די דײַטשישע אימפעריע איז געבויט, ערשטנס, אפ אן אָפּמאַך צווישן די פירשטן, און, צווייטנס, צווישן די פירשטן און דעמ פאָלק. אויב אײן צאד איז אויוועקגעשטעלט דעמ אָפּמאַך, ווערט דערמיט אלײן דער גאנצער אָפּמאַך באָטל, און דער צווייטער צאד ווערט פרײַ פון זײַנע היסכײַוועסן. דאָס האָט אונדז אויסגעצייכנט דעמאָנסטרירט ביסמארק אין 1866 יאָר. אויב איר וועט אזוי אראָפּ ברעכן די אימפּערישע קאָנסטיטוציע, איז די סאָציאל־דעמאָקראטיע דעמלט פרײַ און זי קאָן האנדלען קעגן אײַך, ווי זי וויל, אָבער וואָס זי וועט דעמלט טאָן — אָסער, צי זי וועט אײַך איצט אויסזאָגן.

ס'וועט גיך ווערן פונקט 1600 יאָר, ווי אין דער רוימישער מעלוכע איז אויך טעטיק געווען א געפערלעכע איבערקערעניש־פּארטיי. זי האָט אונטערגעגראָבן די רעליגיע און אלע יעסוידעס פון דער מעלוכע. זי האָט פּאָשעט געלייקנט, אז דעמ קייסערס ווילן איז דער העכסטער געזעץ, זי האָט ניט אנערקענט קײן פאָטערלאנד, זי איז געווען אינטערנאציאָנאל. זי האָט זיך פארשפרייט אין אלע טײלן פון דער מעלוכע, פון גאליע ביז אזיע, און איבער אירע גרענעצן. א לאנגע צײַט האָט זי געפירט א באהאלטענעם, אונטערערדישן קאמף, אָבער ווען זי איז געוואָרן גענוג שטארק, האָט זי אָנגעהויבן ארויסטרעטן אָפן. די דאָזיקע איבערקערעניש־פּארטיי, וואָס איז באַקאנט געווען אונטערן נאָמען קריסטן, האָט אויך געהאט א סאך אָנהענגער צווישן מיליטער; גאנצע לעגיאָנען זײַנען באשטאנען פון קריסטן. ווען מע פלעגט זיי שיקן בײַזײַן צוליב פּאראד אפ געצנדינערישע פײַערונגען, זײַנען די דאָזיקע סאָלדאטן־רעוואָליוציאָנערן געווען אזוי פרעך, אז זיי פלעגן אָפּס פּראָטעסט אָנטאָן אפ זייערע העלמס ספּעציעלע צייכנס — צלאָמים. אומזיסט פלעגן זייערע אָפיצערן זיך באנוצן מיט געוויינלעכע קאזארמע־באשטראָפונגען. דער קייסער דיאָקלעטיאן האָט מער ניט געקאָנט רויק צוקוקן, ווי בא אים אין מיליטער ווערט ארונטערגעריסן די אָרדענונג, געהאָרכזאמקייט און דיסציפּלין. ער האָט באשלאָסן זיך נעמען דערצו ענערגיש,

קאָלזמאנ עס איז נאָכ ניט געוועג שפעט. ער האָט ארויסגעגעבנ אנ אנטיסאָציאליסטישנ — כ'מיינ אנ אנטיקריסטלעכנ געזעצ. די פארזאמלונגענ פונ די געזעצנ־שטערער זיינענ פארבאָטנ געוואָרנ; די דירעס, ווו זיי פלעגנ זיכ צונויפקלייבנ, זיינענ פארמאכט אָדער אינגאנצנ צעשטערט געוואָרנ, עס זיינענ פארבאָטנ געוואָרנ די קריסטלעכע צייכנס, די צלאָמימ א.א.וו., פונקט ווי איצט אינ זאקסנ די רויטע נאָזטיכלעכ. בא די קריסטנ איז אָפגענומענ געוואָרנ דאָס רעכט צו פארנעמענ מעלוכע־שטעלעס — אפילע די שטעלע פונ א יעפרייטער. אזויווי דעמלט זיינענ נאָכ ניט געוועג אזוינע לויטנ „אייגענעמ יוישער" דרעסירטע ריכטערס, ווי עס האָט אינזינענ אינ אונדזער צייט הער קעלערס געזעצפראָיעקט קעגנ די צעשטערער, איז די קריסטנ פאָשעט פארווערט געוואָרנ צו פארטיידיקנ זייערע רעכט אפ א גערעכטלעכנ אויפנ. אָבער אפילע אָט דער אויסנאמ־געזעצ האָט לאכלוטנ ניט געהאָלפנ. די קריסטנ האָבנ אימ מיט שפאָט ארונטערגעריסנ פונ די ווענט; נאָכ מער, מע זאָגט, אז זיי האָבנ אונטערגעצונדנ דעמ קייסערלעכנ פאלאצ אינ ניקאָמעדיענ. דעמלט האָט זיכ דיאָקלעטיאנ נויקעמ גענוענ דורכ דער שרעקלעכער רעדיפע אפ די קריסטנ אינ 303־טנ יאָר פונ אונדזער יאָר־ציילונג. די דאָזיקע רעדיפע איז גענוענ די לעצטע אינ איר ארט. זי האָט דערגרייכט איר ציל: אינ זיבעצנ יאָר ארומ איז די מערהייט פונ דער ארמיי באשטאנענ פונ קריסטנ, און דער אנדערער זעלבסטהערשער פונ דער גאנצער רוימישער מעלוכע נאָכ דיאָקלעטיאנענ — קאָנסטאנטינ, וועמענ די גאלאָכימ האָבנ א נאָמענ געגעבנ דער „גרויסער", — האָט דערקלערט דאָס קריסטנטומ פאר דער אָפיציעלער רעליגיע פונ דער מעלוכע.

פר. ענגעלס

לאָנדאָנ, 6־טנ מארט 1895 יאָר

. פון פעברואר ביז יוני 1848־טן יאָר

(פונעם ערשטן העפט)

מיטן אויסנאַם פון עטלעכע ווייניקע קאַפּיטלען טראָגט יעדער באַדייטנדיקער טייל פון דער רעוואָלוציע־כראָניק פון 1848 ביז 1849 יאָר דאָס קעפּל:

מאַפּאַלע פון דער רעוואָלוציע!

אָבער אין די דאָזיקע מאַפּאַלעס איז באַזיגט געוואָרן ניט די רעוואָלוציע. עס זײַנען באַזיגט געוואָרן די פאָררעוואָלוציאָנערע טראַדיציאָנעלע רעשטן, די רעזולטאַטן פון די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן, וואָס האָבן זיך נאָך ניט פאַרשפּיצט ביז צו שאַרפע קלאַסנ־סטירעס, — פּערזאָנען, איליוזיעס, פאָרשטעלונגען, פּראָיעקטן, פון וועלכע די רעוואָלוציאָנערע פּאַרטיי איז ניט פרײַ געווען ביז דער פעברואר־רעוואָלוציע, פון וועלכע עס ראָט זי געקאָנט באַפרײַען ניט דער פעברואר ניצחון, נאָר בלויז אַ ריי מאַפּאַלעס.

מיט איין וואָרט, דער רעוואָלוציאָנערער פּראָגרעס האָט דורכגעלייגט פאַר זיך אַ וועג ניט דורך זײַנע דירעקטע טראַגיקאָמישע דערגרייכונגען, נאָר פאַרקערט, דערמיט, וואָס ער האָט געשאַפן אַ צוזאַמענבאַהעפטע מעכטיקע קאָנטררעוואָלוציע, דערמיט, וואָס ער האָט געשאַפן אַ קעגנער. און ערשט באַקעמפנדיק אים, איז די איבערקערעניש־פּאַרטיי אויסגעוואַקסן אין אַ ווירקלעכער רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי.

אָט דאָס צו דערווײַזן איז די אויפגאַבע פון די ווײַטערדיקע זײַטלעך.

די יונ־מאפּאַלע פונ 1848־טנ יאָר

נאָכ דער יול־רעוואָליוציע, ווענ דער ליבעראַלער באַנקיר לאַפיט האָט באַגלייט זײַנ מעכוטנ, דעמ הערצאָג פונ אָרלעאַנ, אינ זײַנ טריומפאַלנ גאַנג צומ האָטעל De Ville, האָט ער א זאָג געטאָנ: „פונ איצט אָנ הייבט זיכ אָנ די הערשאַפט פונ די באַנקירנ". לאַפיט האָט אויסגעגעבנ דעמ סאָד פונ דער רעוואָליוציע.

אינ לוי־פיליפס צײַטנ האָט געהערשט ניט די [גאַנצע] פראַנצויזישע בורזשואַזיע, נאָר איינ פראַקציע אירע: די באַנקירנ, די בערזע־קיניגנ, אײַזנבאַנ־קיניגנ, די באַזיצער פונ קוילנ־אונ אײַזנ־גרובנס, די וואַלד־באַזיצער אונ א טייל גרויסע ערדבאַזיצער, וואָס איז מיט זיי פאַרייניקט — די אַזויגערופענע פינאַנצ־אַריסטאָקראַטיע. זי איז געזעסנ אויפנ טראָנ, זי האָט דיקטירט אינ די פּאַלאַטעס געזעצנ, זי האָט פאַנאַנדערגעטיילט די מעלוכע־שטעלעס, אָנגעהויבנ פונ מיניסטעריומ אונ געענדיקט מיט א טאַבאַק־ביוראָ.

די אייגנטלעכע אינדוסטריעלע בורזשואַזיע האָט געבילדעט א טייל פונ דער אָפיציעלער אָפּאָזיציע, ד.ה. אינ די פּאַלאַטעס איז זי געווענ פאַרגעשטעלט נאָר ווי א מינדערהײַט. איר אָפּאָזיציע איז אַרויסגעטראָטנ אַלצ אַנטשיידענער, וואָס בוילעטער עס האָט זיכ אַנטוויקלט די זעלבסטהערשאַפט פונ דער פינאַנצ־אַריסטאָקראַטיע אונ וואָס מער זי אַליינ האָט — נאָכ די אינ בלוט דערשטיקטע אויפשטאַנדנ פונ די יאָרנ 1832, 1834 אונ 1839 — געמיינט, אַז איר הערשאַפט איבערנ אַרבעטער־קלאַס איז שוינ געזיכערט. דער רואַנער פאַבריקאַנט גראַנדענ, דער פאַנאַטישסטער אויסדריקער פונ דער בורזשואַזער רעאַקציע סײַ אינ דער גרינדונג־פאַרזאַמלונג סײַ אינ דער געזעצגעבערישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, איז אינ דעפּוטאַטנ־הויז געווענ גיזאָס הייסטער קעגנער. לעאָנ פאָשע, וואָס האָט זיכ שפּעטער באַרימט געמאַכט מיט זײַנע אָנמעכטיקע פּרוּוונ זיכ אויפצוהייבנ צו דער ראָליע פונ א גיזאָ פונ דער פראַנצויזישער קאָנטררעוואָליוציע, האָט אינ די לעצטע צײַטנ פונ לוי־פיליפס הערשאַפט געפירט א פעדער־מילכאָמע פאַר דער אינדוסטריע, קעגנ דער ספּעקוליאַציע אונ קעגנ איר מעשאָרעס — דער רעגירונג. באַסטיא האָט אינעמ נאָמענ פונ באָרדאָ אונ פונעמ גאַנצנ ווײַנ־פּראָדוצירנדיקנ פראַנקרײַכ אַגיטירט קעגנ דער הערשנדיקער סיסטעמ.

די קליינבורזשואַזיע אינ אַלע אירע פאַרשיידענע גראַדאַציעס, ווי אויכ דאָס פּויערטומ, זײַנענ פולשטענדיק אויסגעשלאָסנ גע־

ווענ פונ דער פאָליטישער מאכט. אינ די רייענ פונ דער אָפיציעלער אָפּאָזיציע אָזער אינגאנצנ אויסערנ pays légal * האָבנ זיכ ענדלעכ געפונענ די אידעאָלאָגישע פאָרשטייער אונ לידערס פונ די אָנגערופענע קלאסנ, זייערע געלערנטע, אדוואָקאטנ, דאָקטוירימ א. א. וו. — קורצ, זייער אזויגערופענע אינטעליגענצ.

צוליב איר פינאנציעלער נויט איז די יול־מאָנארכיע פונ סאמע אָנהייב אָנ אָפּהענגיק געווענ פונ דער גרויס־בורזשואזיע, אונ אָט די אָפּהענגיקייט אירע פונ דער גרויס־בורזשואזיע איז געוואָרנ פאר איר אנ אומויסשעפּלעכער קוואל פונ אנ אלצ וואקסנדיקער פינאנציעלער נויט. עס איז אומעגלעכ אונטערצוווארפנ די מעלוכע־פארוואלטונג אונטער די אינטערעסנ פונ דער נאציאָנאלער פּראָדוקציע קאָלזמאנ עס איז ניטאָ קיינ גלייכגעוויכט אינעמ ביודזשעט, קיינ גלייכגעוויכט צווישנ די מעלוכע־האכנאָסעס אונ מעלוכע־הויצאָעס. ווי זאָל מענ אָבער איינשטעלנ אזא גלייכגעוויכט, ניט באגרענעצנדיק די הויצאָעס פונ דער מעלוכע, ד. ה. ניט אָנרירנדיק די אינטערעסנ פונ די, וואָס זיינענ געווענ די זיילנ פונ דער הערשנדיקער סיסטעמ, אונ ניט רעגולירנדיק אפ א נייעמ אויפנ די שטייערנ־פארטיילונג, ד. ה. ניט ארייבערלייגנדיק א באדייטנדיקנ טייל פונ דער שטייערנ־לאסט אפ די אקסלענ פונ דער גרויס־בורזשואזיע גופע?

די פארשולדיקטקייט פונ דער מעלוכע איז אָבער, פארקערט, געווענ אינ די דירעקטע אינטערעסנ פונ דער פראקציע פונ דער בורזשואזיע, וועלכע האָט געהערשט אונ האָט ארויסגעגעבנ געזעצנ אינ די פאלאטעס. דער מעלוכע־דעפיציט איז טאָקע געווענ דער איקער קעגנשטאנד פונ איר ספעקוליאציע אונ דער הויפּט־קוואל פונ איר בארייכערונג. נאָכ יעדנ יאָר א נייער דעפיציט. נאָכ יעדע פיר־פינפ יאָר א נייע האלוואָע. אונ יעדע נייע האלוואָע האָט געגעבנ דער פינאנצאריסטאָקראטיע א נייע געלעגנהייט צו באנעמענ די מעלוכע, וואָס איז קינסטלעכ אופגעהאלטנ געוואָרנ אפנ שוועל פונ באנקראָט — זי האָט געמוזט מאכנ האלוואָעס בא די באנקירנ אפ די סאמע אומגינסטיקסטע באדינגונגענ. אכוצ דעמ, האָט יעדע נייע האלוואָע געגעבנ א געלעגנהייט צו בארויבנ דעמ אוילעמ, וואָס לייגט ארייַנ זיינע קאפּיטאלנ אינ דער מעלוכע־רענטע, בארויבנ אימ דורכ בערזע־אָפּעראציעס, וואָס זייערע סוידעס זיינענ באוווּסט געווענ דער רעגירונג אונ דער מערהייט פונ פארלאמענט. ביכלאל, האָט די ניט־

* Pays Lègal (דאָס לעגאלע לאנד) האָט אינ לוי־פיליפּס צייטנ געהייסנ די בישטיקע מינדערהייט פריווילעגירטע ווילער. איבערז.

פעסטע לאגע פונעמ מעלוכע־קרעדיט און דאָס, וואָס די באנקירנ זײַנענ באהאוונט געווענ אינ די מעלוכע־סוידעס, געגעבנ זיי און זייערע כאווײרימ אינ פארלאמענט און אפנ טראָנ די מעגלעכקײַט ארויסצורופנ אויסערגעוויינלעכע פלוצלינגע וואקלונגענ אינעמ קורס פונ די מעלוכע־פאפירנ, און אָט די וואקלונגענ האָבנ שטענדיק בעדאלעס געשטעלט א מאסע קליינע קאפיטאליסטנ און אומגלייבלעכ בארײַכערט די גרויסע שפילערס. דערמיט, וואָס דער מעלוכע־דעפיציט איז געווענ אינ די דירעקטע אינטערעסנ פונ דער הערשנדיקער פראקציע פונ דער בורזשואזיע, דערקלערט זיכ פארוואָס די אויסעראָרדנטלעכע מעלוכע־הויצאָעס האָבנ אינ די לעצטע יאָרנ פונ לוי־פיליפס הערשאפט מער ווי אינ צוויי מאָל איבערגעשטיגנ די אויסעראָרדנטלעכע מעלוכע־הויצאָעס אינ נאפאָלעאָנס צײַטנ, זיי האָבנ דערגרייכט יאָרערלעכ ביז 400 מיליאָנ פראנק, בעשאס ווענ דער גאנצער עקספאָרט פונ פראנקרײַכ האָט דורכשניטלעכ זעלטנ ווענ דערגרייכט ביז 750 מיליאָנ פראנק. די געוואלדיקע סומענ, וועלכע זײַנענ אפ אזא אויפנ דורכגעגאנגענ דורכ די הענט פונ דער מעלוכע, האָבנ אכוץ דעמ געגעבנ א געלעגנהײַט פאר שווינדלערישע פאָדריאדנ, פאר כאבאר, פעלשונגענ און שווינדל פונ אלע מינימ. דאָס באגאנווענענ די מעלוכע, וואָס פלעגט פאָרקומענ אנגראָ באמ שליסנ האלוואָעס, פלעגט זיכ איבערכאזערנ אינ דעטאל בא קאזיאָנע פאָדריאדנ. די געשעפטנ צווישנ דער פאלאטע און דער רעגירונג האָבנ זיכ אָנ א צאָל איבערגעכאזערט אינ די געשעפטנ צווישנ איינצלנע אנשטאלטנ מיט די איינצלע אונטערנעמער.

פונקט ווי די מעלוכע־הויצאָעס ביכלאל און ווי די מעלוכע־האלוואָעס, האָט דער הערשנדיקער קלאס עקספלואטירט אויכ די אײַזנבאנ־בויונגענ. די הויפט־לאסט האָבנ די פאלאטעס ארופגעוואָרפנ אפ דער מעלוכע און פאר דער ספעקולירנדיקער פינאנצ־אריסטאָקראטיע האָט ער געזיכערט די גאָלדענע פרוכטנ. מע געדענקט נאָכ די סקאנדאלנ אינ דעפוטאטנ־הויז, ווענ עס האָט זיכ צופעליק אנטפלעקט, אז אלע מיטגלידער פונ דער מערהײַט צוזאמענ מיט א טייל מיניסטאָרנ באטייליקנ זיכ אלס אקציאָנערנ אינ די זעלבע אײַזנבאנ־בויונגענ, וועלכע זיי האָבנ אלס געזעצגעבער געצוווּנגענ דורכצופירנ אפנ כעזשבנ פונ דער מעלוכע.

פארקערט, די קלענסטע פינאנצ־רעפאָרמ פלעגט צעקלאפט ווערנ אָנ דעמ ווידערשטאנד פונ די באנקירנ. אזוי איז, למשל, געווענ מיט דער פאָסט־רעפאָרמ. ראָטשילד האָט פראָטעסטירט. קאָנ זיכ דענ די מעלוכע דערלויבנ צו פארקלענערנ אָט די האכנאָסע־קוועלנ אירע,

פון וועלכע עס ווערן אָפּגעצאָלט די פּראָצענטן אַפ איר אלצ וואק־סנדיקן כויוו?

די יול־מאָנארכיע איז געוועזן ניט מער, ווי אַן אקציען־געזעלשאפט צו עקספּלואטירן דאָס פראנצויזישע נאציאָנאלע רײַכטום. אירע דיווידענדן פלעגן צעטיילט ווערן צווישן די מיניסטאָרן, די פּאלאַטעס, 240 טויזנט וויילערס און זייערע מעקוראָווים. לוי־פיליפּ איז געוועזן דער דירעקטער פון דער דאָזיקער געזעלשאפט — ראָבערט מאקער אפן טראָן. די דאָזיקע סיסטעם האָט געהאלטן אין א שטענדיקער געפאר און האָט שאָדן געבראכט די אינטערעסן פון האנדל, אינדוסטריע, לאנדווירטשאפט, שיפעריי, די אינטערעסן פון דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע, וועלכע האָט אין די יול־טעג אַפ איר פאָן אופגעשריבן: „א ביליקע רעגירונג (gouvernement á bon marché).

העיויס ווי די פינאנץ־אריסטאָקראט־יע האָט ארויסגעגעבן געזעצן, האָט פארוואלטעט מיט דער מעלוכע, האָט געהערשט איבער אלע אָרגאניזירטע געביטן פון דער מעלוכע־מאכט, האָט מיט איר פאקטישער קראפט און מיט דער הילף פון דער פרעסע געהאלטן אין אירע הענט די געזעלשאפטלעכע מיינונג, — האָט אין אלע ספערן, אָנהייבנדיק פונעם קיניגלעכן הויף און ביז צום Cafe-Borgne געהערשט די זעלביקע פּראָסטיטוציע, די זעלביקע אומפארשעמטע גענארעריי, די זעלביקע טײַווע באַרײַכערט צו ווערן ניט דורך דער פּראָדוקציע, נאָר דורכן צושלעפּן פרעמדן שוין פאראנענעם רײַכטום. גראָד אין די שפיצן פון דער בורזשואזער געזעלשאפט פלעגן זיך אָן אָפּהאלט אנטפּלעקן אומגעזונטע, אויסגעלאסענע גלוסטונגען, וועלכע פלעגן יעדע ווײַלע קומען אין צוזאמענשטויס אפילע מיט די בורזשואזע געזעצן, און אין וועלכע די אשירעס, וואָס איז אָנגעלעבט געוועזן אפ שפּיל (ספּעקוליאציע), זוכט נאטירלעך א באפרידיקונג פאר זיך, דערבײַ ווערט דער גענוס אויסגעלאסן און דאָס געלט פליסט צוזאמען מיט שמוץ און בלוט. אינעם אויפן פון איר באַרײַכערונג, פונקט ווי אין אירע פארגעניגנס, איז די פינאנץ־אריסטאָקראטיע בלויז א ווידערגעבורט פונעם לומפּן־פּראָלעטאריאט אפ די שפּיצן פון דער בורזשואזער געזעלשאפט.

און די פראקציעס פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע, וועלכע האָבן זיך ניט באטייליקט אין דער מאכט, האָבן געשריען: „קאָרופּציע!” דאָס פאָלק האָט געשריען „אראָפּ די גרויסע גאנאָווים! אראָפּ די מערדערס!”* — אין דער צייט ווען אין 1847 יאָר האָבן זיך אפ די דער־

* à bas les grands voleurs! à bas les assassi ,s!

הייבנסטע בינעס פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט אָפגעשפילט די זעלביקע סצענעס, וועלכע עטויסנ געוויינלעכ דעמ לומפנ־פראָלעטאריאט אינ די „הייזלעכ", אינ העקדיישימ, אינ מעשוגאָימ־הייזער, בועג־גענ אימ אפ דער באשולדיקונג־באנק, אפ קאטערגע אונ אפנ עשאַפאָט. די אינדוסטריעלע בורזשואזיע האָט געזענ, ווי אירע אינטערעסנ שטייענ אינ געפאר. די קליינבורזשואזיע איז מאָראליש געווענ אופגעבראכט, די פאָלק־פאנטאזיע האָט געקאָכט פונ אופרעגונג. פאריזש איז פארפלייצט געוואָרנ מיט פאמפלעטנ la dynastie „Rothschild“ („די דינאסטיע ראָטשילד"), „les juifs rois de l'èpoque“ („די ייִדנ זייַנענ די קיניגנ פונ אונדזער צייַט"), א. א. וו. — וועלכע האָבנ מיט מער אָדער ווייניקער שארפזיניקייַט דעמאסקירט אונ געשטעמפּלט די הערשאפט פונ דער פינאנצ־אריסטאָקראטיע.

Rien pour la gloire! (קיינ קאָפּעקע ניט צוליב רום) — דער רום ברענגט קיינ שום פראָפיט ניט! La paix partout et toujours! (שאָלעמ אומ וואָס פאר א פרייַז עס זאָל ניט זייַנ!) מילכאָמע ווארפט אראָפּ דעמ קורס פונ די דרייַ־ אונ פיר־פראָצענטיקע פאפירנ! — האָט אופגעשריבנ אפ איר פאָנ פראנקרייַכ פונ די בערזע־ייִדנ. זייַנ אויסערלעכע פּאָליטיק האָט זיכ דעריבער אויסגעלאָזנ צו א ריי באליידיקונגענ פארנ פראנצויזישנ נאציאָנאלנ געפיל. באזונדערס אופגעבראכט איז עס געווענ פונעמ פארייניקנ קראָקע צו עסטרייַכ, וואָס מיט דעמ האָט זיכ פארענדיקט דאָס צערויבנ פוילנ, אונ דערמיט, וואָס גיזאָ האָט זיכ אקטיוו געשטעלט אפ דער זייַט פונעמ הייליקנ בונד אינ דער סעפּאראטיסטישער מילכאָמע פונ די קאטוילישע קאנטאָנענ פונ דער שווייצ (Sonderbundskrieg). דער ניצאָכנ פונ די שווייצערישע ליבעראלנ אינ אָט דער קלוימערשטער מילכאָמע האָט אופגעהויבנ דאָס זעלבסטגעפיל בא דער פראנצויזישער בורזשואזער אָפּאָזיציע; דער בלוטיקער פאָלק־אופשטאנד אינ פאלערמאָ האָט געווירקט אפ דער פאראליזירטער מאסע ווי אנ עלעקטרישער שטויס אונ האָט אופגעוועקט אירע גרויסע רעוואָליוציאָנערע דערינערונגענ אונ לייַדנשאפטנ.*

דער אויסברוכ פונ דער אלגעמיינער אומצופרידנקייַט איז ענדלעכ פארגיכערט געוואָרנ, דאָס מורמלענ איז אויסגעוואקסנ אינ אנ אופשטאנד אדאנק צוויי עקאָנאָמישע וועלט־געשעענישנ.

---

* די אנעקסיע פונ קראָקע דורכ עסטרייַכ מיטנ העסקעמ פונ רוסלאנד אונ פרייַסנ איז פאָרגעקומענ דעמ 11־טנ נאָיאבער 1846 י. דער Sonderbundskrieg אינ דער שווייצ — פונ 4־טנ ביזנ 28־טנ נאָיאבער 1847 י. דער אופשטאנד אינ פאלערמאָ — דעמ 12־טנ יאנוואר 1848 י. סאָפּ יאנוואר האָבנ די נעאפּאָליטאנער נייַנ טעג באָמבארדירט די שטאָט. (פ. ענגעלסעס א באמערקונג).

די קאַרטאָפל־קראנקייט און די אומגערעטעניש אין די יאָרן 1845 און 1846 האָבן פארשטארקט די אלגעמיינע יווי־רונג אין פאָלק. דער יאקרעס פון 1847 יאָר האָט ארויסגערופן אין פראנקרייך, כּונקט ווי אפן גאנצן קאָנטינענט, בלוטיקע צוזאמענשטויסן. און איינזייט — די אומפארשעמטע אָרגיעס פון דער פינאנצ־אריסטאָקראטיע און פון דער צווייטער — דער קאמף פון פאָלק פאר די וויכטיקסטע לעבנס־מיטלען. אין ביוזאנסע זיינען געקעפט געוואָרן די אָנטיילנעמער פון הונ־גער־בונט, און אין פאריזש רייסט די קיניגלעכע פאמיליע ארויס באַם געריכט פון די הענט איבערגעזעטיקטע שווינדלער!

די צווייטע גרויסע עקאָנאָמישע געשעעניש, וואָס האָט פארגיכערט דעם אויסבּרוך פון דער רעוואָליוציע, איז געווען דער אלגעמיי־נער האנדל־און אינדוסטריע־קריזיס אין ענגלאנד. שוין אין הארבסט 1845 יאָר איז ער אָנגעזאָגט געוואָרן דורכן מאסנ־דורכפאל פון די ספּעקוליאנטן אף די אייזנבאנ־אקציעס; אין 1846 יאָר האָט אים פארהאלטן א ריי צווייטראנגיקע דערשיינונגען, ווי די פאַרשטייענדיקע אָפּשאפונג פון די ברויט־אָפּצאָלונגען, און אין הארבסט 1847 יאָר האָט ער ענדלעך אויסגעבראָכן אין דער פאָרם פון באנקראָטן פון די גרויסע לאָנדאָנער הענדלער מיט קאָלאָניאל־סכוירעס; נאָך זיי האָבן טייקעף אָנגעהויבן פּלאצן די לאנדווירטשאפטלעכע בענק און פארמאכן זיך די פאבריקן אין די אינדוסטריעלע ראיאָנען פון ענג־לאנד. אלע פאָלגן פון אָט דעם קריזיס זיינען נאָך ניט אויסגעשעפּט געווען אפן קאָנטינענט, ווען עס האָט אויסגעבראָכן די פעווראל־רע־וואָליוציע.

די פארוויסטונג, וואָס די עקאָנאָמישע עפּידעמיע האָט אָנגעמאכט אינעם האנדל און אין דער אינדוסטריע, האָט נאָך אומדערטרעגלעכער געמאכט די זעלבסטהערשונג פון דער פינאנצ־אריסטאָקראטיע. איבער גאנצ פראנקרייך אָרדנט איין די אָפּאָזיציאָנעלע בורזשואזיע אגי־טאציע־באנקעטן לטובת א וואל־רעפאָרם, וועלכע האָט איר געזאָלט געבן די מערהייט אין פּאלאטע און אראָפּוואַרפן דאָס בערזע־מיניסטעריום. אין פאריזש האָט דער אינדוסטריעלער קריזיס מיטגעבראכט מיט זיך נאָך איינעם א ספּעציעלן רעזולטאט: ער האָט ארויסגעוואָרפן אפן אינערלעכן מארק א מאסע פאבריקאנטן און גרויס־הענדלער, וועלכע האָבן בא דער געשאפענער לאגע מער ניט געקאָנט פירן קיין געשעפטן אפן אויסלענדישן מארק. זיי האָבן אָר־גאניזירט גרויסע פירמעס, וואָס האָבן מיט זייער קאָנקורענץ רויִנירט מאסנווייז קליינע באקאליי־הענדלער און קרעמערלעך. דערפון נעמט זיך די גרויסע צאָל באנקראָטן צווישן אָט דעם טייל פאריזשער בורזשו־

אזיע, דערפון נעמט זיך איר רעוואָליוציאָנערע ארויסטרעטונג אין די פעוור־ראל־טעג. עס איז באקאנט, וויאזוי גיזאָ און די פאַלאַטעס האָבן אפּ די פאָדערונגען פון רעפאָרמען געענטפערט מיט א ניט צווייידײַטיקן ארויסרוף, ווי לוי־פיליפ האָט באשלאָסן צו באשטימען באראָס מיניס־טעריום דעמלט, ווען עס איז שוין געווען צו שפּעט, ווי עס איז דערגאנגען צו א צוזאמענשטויס צווישן פאָלק מיט דער ארמיי, ווי די ארמיי איז אנטוואָפנט געוואָרן דורך דער פאסיווער אויפירונג פון דער נאציאָנאלער גווארדיע, און ווי די יול־מאָנארכיע האָט געמוזט אָפּטרעטן איר אָרט א צײַטווײַליקער רעגירונג.

לויט איר באשטאנד איז די צײַטווײַליקע רעגירונג, וועלכע איז אנטשטאנען אפּ די פעווראלער באריקאדן, אומפארמײַדלעך גע־ווען אן אָפּשפּיגלונג פון די פארשיידענע פארטייען, וועלכע האָבן צעטיילט צווישן זיך דעם ניצאָבן. זי האָט ניט געקענט אנדערש זײַן, ווי א קאָמפּראָמיס צווישן די פארשיידענע קלאסן, וועלכע האָבן מיט געמיינזאמע קויכעס אראָפּגעוואָרפן די יול־מאָנאר־כיע, וועמעס אינטערעסן עס זײַנען אָבער געווען פײַנטלעך איינע די אנדערע. די גרעסטע מערהײַט אירע איז באשטאנען פון פאָר־שטייער פון דער בורזשואזיע. דאָס רעפובליקאנישע קליינבירגערטום איז געווען פאָרגעשטעלט דורך לעדריו־ראָלען און פלאקאָן, די רע־פובליקאנישע בורזשואזיע — דורך מענטשן פון דער צײַטונג „נאסיאָנאל”, די דינאסטישע אָפּאָזיציע — דורך קרעמיע, דיופּאָן, דע לער א. א. וו. דער ארבעטער־קלאס האָט געהאט בלויז צוויי פאָרשטייער: לוי־בלאן און אלבער. לאמארטין, ענדלעך, איז אין דער צײַטווײַליקער רעגירונג ניט געווען, אייגנטלעך, קיין אויסדריקער פון וועמעס ניט איז רעאלע אינטערעסן, פון עפּעס א באשטימטן קלאס; דאָס איז געווען די פעוורואל־רעוואָליוציע אליין, דער אלגעמיינער אופשטאנד מיט זײַנע אילויזיעס, מיט זײַן פּאָעזיע, מיט זײַן אילויזארישן אינ־האלט און מיט זײַנע פראזעס. אגעוו, לויט זײַן לאגע און זײַנע אָנ־שויונגען האָט דער דאָזיקער וואָרטפירער פון דער פעווראל־רעוואָ־ליוציע געהערט צו דער בורזשואזיע.

אויב אדאנק דער פּאָליטישער צענטראליזאציע, הערשט פאריז איבער פראנקרײַך, הערשן די ארבעטער אין מאָמענטן פון רעוואָ־ליוציאָנערע אופטרייסלונגען איבער פאריז. דער ערשטער לעבנ־אקט פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג איז געווען דער פרווו זיך צו באפרײַען פון אָט דעם איבערוועגנדיקן אײַנפלוס דערמיט, וואָס זי האָט פון דעם ניצאָכנדיק־פארשיקערטן פאריזש אפּעלירט צום ניכ־טערן פראנקרײַך. לאמארטין האָט געוואָלט ארויסכײַבן, בא די בארי־

קאדן־קעמפערס דאָס רעכט צו פראָקלאמירן די רעפובליק. דאָס, האָט ער געזאָגט, קאָן טאָן נאָר די מערהײַט פראנצויזן; מע מוז אויסוואַרטן אפ זייער שטים, דער פאריזשער פראָלעטאריאט דארפ ניט פארפלעקן זײַן ניצאָכן דורך אוזורפאציע. די בורזשואזיע דערלויבט דעם פראָלעטאריאט נאָר איין אוזורפאציע — די אוזורפאציע פון קאמפ.

באטאָג דעם 25־טן פעווראל איז נאָך די רעפובליק ניט געווען פראָקלאמ־רט, אָבער אלע מיניסטאָרן־פאָרטפעלן זײַנען שוין געווען צעטיילט צווישן די בורזשואזע עלעמענטן פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג און צווישן די גענעראלן, באנקירן און אדוואָקאטן פון „נא־סיאָנאל". די ארבעטער זײַנען אָבער געווען אנטשלאָסן ניט צו דערלאָזן דאָס מאָל אזא שווינדל, ווי אין יול 1830 י. זיי זײַנען גרייט געווען צו באנײַען דעם קאמפ און דערשלאָגן זיך די רעפובליק מיט דער קראפט פון געווער. מיט אָט דער יעדיע איז ראספײַל אוועק אין האָטעל דע־ווי (de Ville) אין נאָמען פון פאריזשער פראָלעטאריאט האָט ער באפוילן דער צײַטווײַליקער רעגירונג צו פראָקלאמירן די רעפובליק: אויב אָט דער באפעל פונעם פאָלק וועט ניט אויסגעפילט ווערן אין מעשעך פון צוויי שאָ, — קערט ער זיך אום אהער בעראָש פון 200 טויזנט מאן. די קערפערס פון די געפאלענע קעמפערס האָבן נאָך ניט באוויזן אָפגעקילט צו ווערן, די באריקאדן זײַנען נאָך ניט געווען צוגענומען, די ארבעטער זײַנען נאָך ניט געווען אנטוואָפנט, און די איינציקע קראפט, וועלכע מע וואָלט זי געקאָנט אנטקעגנשטעלן, איז געווען די נאציאָנאלע גווארדיע. בא אזוינע אומשטענדן זײַנען פלוצלינג פארשוווּנדן געוואָרן אלע האשאָרעס פון מעלוכע־כאָכמע און די יורידישע שעמעוודיקײַט פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג. נאָך איידער עס איז אריבער דער צווײשאָעדיקער טערמין, זײַנען שוין אלע פאריזשער ווענט געווען באפוצט מיט די ריזיקע היסטאָרישע ווערטער:

Rèpublique Française! Liberté, Egalitè, Fraternitè!

(פראנצויזישע רעפובליק! פרײַהײַט, גלײַכהײַט, ברידערלעכקײַט!)

מיטן פראָקלאמירן די רעפובליק אפן גרונט פונעם אלגעמיינעם וואלרעכט איז פארשוווּנדן געוואָרן אפילע די דערינערונג וועגן יענע באגרענעצטע צילן און מאָטיוון, וועלכע האָבן געשטויסן די בורזשואזיע צו דער פעווראלער רעוואָליוציע. אָנשטאָט איינ־קע ווייניקע פראקציעס פון דער בורזשואזיע, זײַנען אלע קלאסן פון דער פראנצויזישער געזעלשאפט פלוצלינג ארײַנגעשלײַדערט געוואָרן אינעם קרײַז פון דער פאָליטישער מאכט. זיי זײַנען געצוווּנגען געווען צו פארלאָזן די לאָ־

זשעס, דעם פארטער און די גאלעריי‍ען, און אליין מיטשפּילן אפן דער רעוואָליוציאָנערער בינע. צוזאמען מיט דער קאָנסטיטוציאָנעלער מאָנארכיע איז פארשוואונדן געוואָרן אויך די פיקציע פון א זעלבשטענדיקער מעלוכע־מאכט, וואָס שטייט אנטקעגן דער בורזשואזער געזעלשאפט, און צוזאמען מיט דעם א גאנצע ריי צווייטראנגיקע צוזאמענשטויסן, וועלכע ווערן ארויסגערופן דורך דער דאָזיקער פיקציע.

צווינגענדיק די צייטווייליקע רעגירונג, און דורך דער צייטווייליקער רעגירונג — גאנצ פראנקרייך, אָנצונעמען די רעפּובליק, איז דער פּראָלעטאריאט טייקעף ארויסגעטראָטן אפן פאָדערגרונט אלס זעלבשטענדיקע פּארטיי, אָבער אין דער־זעלביקער צייט האָט ער ארויסגערופן צום קאמף קעגן זיך דאָס גאנצע בורזשואזע פראנקרייך. געוווּנען האָט ער נאָר דעם באָדן פארן קאמף פאר זיין רעוואָליוציאָנערער באפרייונג, אָבער בעשום־אופן ניט אָט די באפרייונג גופע.

פארקערט, די פעווראל־רעוואָליוציע האָט געדארפט בלויז פארפולשטענדיקן די הערשאפט פון דער בורזשואזיע: באגלייך מיט דער פינאנץ־אריסטאָקראטיע האָט זי געגעבן א צוטריט צו דער פּאָליטישער מאכט אלע באזיצערישע קלאסן. די מערהייט גרויסע ערדבאזיצערס, לעגיטימיסטן האָט זי באפרייט פון דער פּאָליטישער נישטיקייט, אפ וועלכער עס האָט זיי געהאַט פארמישפּעט די יול־מאָנארכיע. ניט אומזיסט האָט די Gazette de France אגיטירט צוזאמען מיט די אָפּאָזיציאָנעלע צייטונגען, ניט אומזיסט האָט זיך לאראָשזשאקלען אפ דער זיצונג פון פּארלאמענט דעם 24־טן פעוראל געשטעלט אפ דער זייט פון דער רעוואָליוציע. דורך דעם אלגעמיינעם וואלרעכט זיינען די נאָמינעלע אייגנטימער, די פּויערים, וועלכע בילדן די מערהייט צווישן די פראנצויזן, אוועקגעזעצט געוואָרן אלס בוירערים־ריכטער איבערן שיקזאל פון פראנקרייך. און ענדלעך, די פעווראלער רעפּובליק האָט צעהאַקט די קרוין, הינטער וועלכער עס האָט זיך אויסבאהאלטן דער קאפּיטאל אזוי, אז די הערשאפט פון דער בורזשואזיע איז איצט ארויסגעטראָטן אָפן.

פונקט ווי אין די יול־טעג האָבן די ארבעטער דעראָבערט די בורזשואזע מאָנארכיע, האָבן זיי אין די פעווראלער טעג דעראָבערט די בורזשואזע רעפּובליק. פונקט ווי די יול־מאָנארכיע איז געצוווּנגען געווען זיך צו דערקלערן פאר א מאָנארכיע, ארומגעשטעלט מיט רעפּובליקאנישע אינסטיטוציעס, אזוי איז אויך די פעווראלער רעפּובליק געצווּנגען געווען זיך צו דערקלערן פאר א רעפּובליק, ארומגעשטעלט מיט סאָצי־

אלע אינסטיטוציעס. דער פאריזשער פראלעטאריאט האט זיכ דערשלאגנ אויכ די האנאכע.

מארש, אנ ארבעטער, האט דיקטירט דעמ דעקרעט, אינ וועלכנ די נארוואס אויסגעבילדעטע צייטווייליקע רעגירונג האט זיכ פארפליכטעט צו פארזיכערנ די ארבעטער זייער עקזיסטענצ דורכ ארבעט, צו פארשאפנ ארבעט פאר יעדנ בירגער א.א.וו. ווענ זי האט אבער אינ עטלעכע טעג ארומ פארגעסנ אירע צוזאגנ אונ האט, ווכט זיכ, אינגאנצנ פונ זינענ ארויסגעלאזנ דעמ פראלעטאריאט, איז א מענגע פונ 20 טויזנט ארבעטער אוועק צומ האטעל דע ווי מיט אויסרופנ: ארגאניזאציע פונ ארבעט! שאפנ א באזונדער ארבעט־מיניסטעריומ! קעגנ איר ווילנ אונ נאכ לאנגע דעבאטנ האט די צייטווייליקע רעגירונג באשטימט א שטענדיקע ספעציעלע קאמיסיע, וועלכע איז באופטראגט געווארנ אויסצוגעפינענ מיטלענ צו פארבעסערנ די לאגע פונ די ארבעטנדיקע קלאסנ! די דאזיקע קאמיסיע איז געבילדעט געווארנ פונ דעלעגאטנ פונ די פאריזשער האנטווערקער־קארפאראציעס אונטערנ פארזיצ פונ לוי־בלאנ אונ אלבער. פאר די זיצונגענ איז איר אפגעגעבנ געווארנ דער ליוקסעמבורגער פאלאצ. אזויארומ זיינענ די פארשטייער פונעמ ארבעטער־קלאס פארטריבנ געווארנ פונעמ זיצ־פלאצ פונ דער צייטווייליקער רעגירונג, דער בורזשואזער טייל פונ דער רעגירונג האט איינגעהאלטנ די ווירקלעכע מעלוכע־מאכט אונ די פארוואלטונג־לייצעס אויסשליסלעכ אינ זיינע הענט. לעבנ די מיניסטעריומס פאר פינאנצנ, האנדל אונ געזעלשאפטלעכע ארבעטנ, לעבנ דעמ באנק אונ דער בערזע איז איינגעארדנט געווארנ א סאציאליסטישער בעסמעדרעש, ווו די קויהאנ־מ־גדויליִמ זיינע, לוי־בלאנ אונ אלבער, האבנ געהאט די אופגאבע צו אנטדעקנ א נייעמ ערעצ־יִסראעל, מעוואסער זיינ א נייע טוירע אונ אפציענ די אופמערקזאמקייט באמ פאריזשער פראלעטאריאט. צומ אונטערשייד פונ יעטווידער געוויינלעכער מעלוכע־מאכט האבנ זיי ניט געהאט אינ זייער רעשוס קיינ שומ בודזשעט, קיינ שומ אויספיר־מאכט. מיט זייערע אייגענע קעפ האבנ זיי געדארפט איינברעכנ די זיילנ פונ דער בורזשואזער ארדענונג. אינדער צייט, ווענ אינ ליוקסעמבורג האט מענ זיכ פארנומענ מיט אויסזוכנ דעמ פילאסאפישנ שטיינ, האט מענ אינ האטעל דע ווי געשמידט די גאנגבארע מאטבייעס.

אונ דאכ דארפ מענ זאגנ, אז די פאדערונגענ פונעמ פאריזשער פראלעטאריאט, אפ וויפל זיי זיינענ אריבערגעשטיגנ די גרענעצנ פונ דער בורזשואזער רעפובליק, האבנ ווירקלעכ ניט געקאנט געפינענ קיינ א[illegible]ער עקזיסטענצ, אכוצ דער נעפלהאפטיקער פארמ פונ ליוקסעמבורג.

צוזאַמען מיט דער בורזשואזיע האָבן די אַרבעטער געמאַכט די פעבראַר־רעוואָליוציע, איצט האָבן זיי זיך באַמיט לעבן דער בורזשואזיע צו פאַרטיידיקן זייערע אינטערעסן; האָבן זיי דאָך אוועקגעזעצט אין דער צייטווייליקער רעגירונג גלייך אַן אַרבעטער זייט בײַ זייט מיט אַ בורזשואזער מערהייט. אָרגאַניזאַציע פון אַרבעט! אָבער די לוין־אַרבעט איז די שוין עקזיסטירנדיקע בורזשואזע אַרבעט־אָרגאַניזאַציע! און איר איז ניטאָ קיין קאַפּיטאַלן, קיין בורזשואזיע, קיין בורזשואזע געזעלשאַפט. אַן אייגן אַרבעט־מיניסטעריום! אָבער צי זיינען דען די מיניסטעריומס פאַר פינאַנצן, האַנדל, געזעלשאַפטלעכער אַרבעט ניט קיין בורזשואזע אַרבעט־מיניסטעריומס? זייט בײַ זייט מיט זיי האָט אַ פּראָלעטאַרישער אַרבעט־מיניסטעריום געמוזט זיין אַ מיניסטעריום פון אָנמאַכט, אַ מיניסטעריום פון פרומע ווונטשן, אַ לוקסעמבורגער קאָמיסיע. פונקט ווי די אַרבעטער האָבן געגלויבט אין דער מעגלעכקייט פון זייער באַפרייונג זייט בײַ זייט מיט דער בורזשואזיע, אַזוי האָבן זיי געהאָפט אויך צו פאַרווירקלעכן זייער פּראָלעטאַרישע רעוואָלוציע אין די נאַציאָנאַלע גרענעצן פון פראַנקרייך, זייט בײַ זייט מיט די איבעריקע בורזשואזע נאַציעס. די פראַנצויזישע פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן ווערן אָבער באַדינגט דורך פראַנקרייכס אויסערלעכן האַנדל, דורך זיין לאַגע אויפן וועלט־מאַרק און דורך די געזעצן פון אָט דעם מאַרק. האָט זיי דען פראַנקרייך געקאָנט ברעכן אָן אַן אייראָפּעיִשן רעוואָלוציאָנערן קריג, וועלכער זאָל זיך אָפּשפּיגלען אויף ענגלאַנד, דער הערשערן פונעם וועלט־מאַרק?

ווען עס שטייט אויף אַ קלאַס, אין וועלכן עס זיינען קאָנצענטרירט די רעוואָלוציאָנערע אינטערעסן פון דער געזעלשאַפט, געפינט ער דירעקט אין זיין אייגענער לאַגע דעם אינהאַלט און דעם מאַטעריאַל פאַר זיין רעוואָלוציאָנערער טעטיקייט: ער פאַרניכטעט די סאָנים, נעמט אָן מיטלען, וועלכע ווערן דיקטירט דורך די באַדערפענישן פון קאַמף, און די פאָלגן פון זיינע אייגענע מעשׂים שטויסן אים ווייטער. אָט דער קלאַס פאַרנעמט זיך ניט מיט טעאָרעטישע אויספאָרשונגען פון זיינע אייגענע אויפגאַבן. דער פראַנצויזישער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך ניט געפונען אין אַזאַ לאַגע; ער איז נאָך ניט פייִק געווען דורכצופירן זיין רעוואָלוציע.

די אַנטוויקלונג פונעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאַריאַט ווערט בכלל באַדינגט דורך דער אַנטוויקלונג פון דער אינדוסטריעלער בורזשואזיע. ערשט אונטער איר הערשאַפט דערשלאָגט ער זיך אַ ברייטע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ, וועלכע איז אימשטאַנד צו דערהייבן זיין רעוואָ־

ליוציע ביז צו א נאציאָנאלער, ערשט אונטער איר הערשאפט שאפט ער די מאָדערנע פראָדוציר־מיטלענ, וועלכע ווערנ גלײַכצײַטיק מיטלענ פאר זײַנ רעוואָליוציאָנערער באפרײַונג. ערשט איר הערשאפט רײַסט ארויס די מאטעריעלע וואָרצלענ פונ דער פעאָדאלער געזעלשאפט אונ גרייט צו דעם באָדנ, אפ וועלכנ עס איז אײנציק מעגלעכ א פראָלעטארישע רעוואָליוציע. די פראנצויזישע אינדוסטריע איז די סאמע אנטוויקלטע אפנ גאנצנ קאָנטינענט, אונ די פראנצויזישע בורזשואזיע איז די סאמע רעוואָליוציאָנערסטע. אָבער צי איז דענ די פעווראל־רעוואָליוציע ניט געווענ געווענדט דירעקט קעגנ דער פינאנצ־אריסטאָקראטיע? אָט דער פאקט האָט באוויזנ, אז די אינדוסטריעלע בורזשואזיע האָט ניט באהערשט פראנקרײַכ. די אינדוסטריעלע בורזשואזיע קאָנ נאָר דאָרט הערשנ, וווּ די מאָדערנע אינדוסטריע בילדעט אויס אפ איר שטייגער אלע אײגנטום־פארהעלטענישנ; אונ אזא קראפט קאָנ די אינדוסטריע דערגרייכנ נאָר דאנ, ווענ זי האָט דעראָבערט דעם וועלט־מארק, ווײַל די נאציאָנאלע גרענעצנ זײַנענ ניט גענוג פאר איר אנטוויקלונג. די פראנצויזישע אינדוסטריע האלט אָבער פאקטיש אײַנ אפילע דעם נאציאָנאלנ מארק נאָר דורכ א מער אָדער ווייניקער מאָדיפיצירטער סיסטעמ פונ גרענעצ־אָפצאָלנ. דעריבער איז כאָטש אינ א מאָמענט פונ רעוואָליוציע פארמאָגט דער פראנצויזישער פראָלעטאריאט אינ פאריזש אזא פאקטישע קראפט אונ אזא אײַנפלוס, וואָס שטויסנ אימ ווײַטער, איידער עס דערלויבנ אימ זײַנע מיטלענ, איז אָבער אינעמ איבעריקנ פראנקרײַכ איז ער צונויפגעזאמלט אינ אײנצלנע, צעוואָרפענע אינדוסטריעלע צענטערס, אונ ער ווערט קימאט פארשווונדנ צווישנ דער גוואלדיקער מערהײַט פויערימ אונ קליינבירגער. דער קאמפ קעגנ קאפיטאל אינ זײַנ אנטוויקלטער, מאָדערנער פאָרמ, אינ זײַנ העכסטער שטופע, דער קאמפ פונעמ אינדוסטריעלנ לוינ־ארבעטער קעגנ דעמ אינדוסטריעלנ בורזשוא איז אינ פראנקרײַכ א טיילווײַזער פאקט. נאָכ די פעווראל־טעג האָט ער נאָכ ווייניקער געקאָנט דינענ אלס נאציאָנאלער אינהאלט פונ דער רעוואָליוציע, ווײַל דער קאמפ קעגנ די צווייטראנגיקע אויפאנימ פונ קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע, — דער קאמפ פונעמ פויער קעגנ דעמ פראָצענטניק אונ קעגנ דער היפאָטעק, דער קאמפ פונעמ קליינבירגער קעגנ דעמ גרויסהענדלער, באנקיר אונ פאבריקאנט, מיט אײנ וואָרט, קעגנ באנקראָט — איז נאָכ אײַנגעהילט געווענ אינעמ הײַטל פונעמ אלגעמײנעמ אופשטאנד קעגנ דעמ אלגעמײנעמ יאָכ פונ דער פינאנצ־אריסטאָקראטיע. עס איז דעריבער זייער לײַכט צו דערקלערנ, פארוואָס דער פאריזשער פראָלעטאריאט האָט זיכ באמיט צו פארטיידיקנ

זײַנע אינטערעסן לעבן די בורזשואזע אינטערעסן, אַנשטאָט דורכ־צופירן זיי אין לעבן אַלס רעוואָליוציאָנערן אינטערעס פון דער געזעלשאַפט גופא; עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס ער האָט אראָפּגעבויגן די רויטע פאָן קעגן דער דרײַפאַרביקער. די פראנצויזישע ארבעטער האָבן ניט געקאָנט מאכן קיין איין טריט פאָרויס, זיי האָבן קיין איין האָר ניט געקאָנט אָנרירן פון דער בורזשואזער אָרדענונג, קאָלומאַן דער גאנג פון דער רעוואָליוציע האָט ניט אופגעהויבן קעגן דער דאָזיקער אָרדענונג, קעגן דער הערשאפט פונעם קאפיטאל, די מאסע פון דער נאציע, וועלכע שטייט צווישן דעם פּראָלעטאריאט און דער בורזשואזיע, — די פויערים און קלײנבירגער, — און האָט זיי ניט געצוווּנגען אָנצושליסן זיך אין דעם פּראָלעטאריאט, אנערקענענדיק אים אַלס זייער פאָרקעמפּער. נאָר פארן פּרײַז פון דער שרעקלעכער יונ־מאפּאָלע האָבן די ארבעטער געקאָנט קויפן אָט דעם ניצאָכן.

פאר דער ליוקסעמבורגער קאָמיסיע, אָט דעם קינד פון די פּא־רייזער ארבעטער, פארבלײַבט דער פארדינסט, וואָס פון דער הייך פון אן אייראָפּײַישער טריבונע האָט זי אויסגעזאָגט דעם סאָד פון דער רעוואָליוציע פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. די באפרײַונג פונעם פּראָלעטאריאט. דער Moniteur * איז געווען אויסער זיך, ווען ער האָט געמוזט אָפיציעל פּראָפּאגאנדירן די „ווילדע כא־לוימעס“, וואָס זיינען ביז אהער געלעגן באגראָבן אין די אפּאָקריפי־שע ווערק פון די סאָציאליסטן און נאָר פון צייט צו צייט האָבן זיי זיך דערטראָגן צו די אויערן פון דער בורזשואזיע ווי ווײַטע, האלב־שרעקלעכע, האלב־לעכערלעכע לעגענדעס. אייראָפּע האָט זיך אן איבערראשטע אופגעכאפּט פון איר בורזשואזן דרעמל. אלזאָ, אינעם געדאנק פון די פּראָלעטאריער, וועלכע האָבן געהאלטן, אז פינאנצ־אריסטאָקראטיע און בורזשואזיע ביכלאל איז איינס און דאָס זעלבע; אין דער פאנטאזיע פון די רעפּובליקאנישע נאַיווע לײַט, וועלכע האָבן געלייקנט אין זייער עצעם עקזיסטענץ פון קלאסן, אָדער, העכסטנס, האָבן זיי עס גערעכנט פאר א פּויעל־יוצא פון דער קאָנסטיטוציאָנע־לער מאָנארכיע; אין די צוויִעסדיקע פראזעס פון יענע פראקציעס פון דער בורזשואזיע, וועלכע זיינען ביז דעמאָלט באזייטיקט געווען פון דער מאכט, — איז די הערשאפט פון דער בורזשואזיע אָפּגעשאפט געוואָרן צוזאמען מיטן אײַנפירן די רעפּובליק. אלע ראָ־יאליסטן האָבן זיך דעמאָלט פארוואנדלט אין רעפּובליקאנער און

* „Moniteur“ — א רעגירונג־צײַטונג. איבערז.

אלע מיליאָנערן פון פאריזש — אין ארבעטער. די פראזע, וואָס האָט אנטשפּראָכן דער דאָזיקער קלוימערשטער פאַרניכטונג פון קלאסן־פאַרהעלטענישן, איז געווען fraternité, דאָס אלגעמיינע ברידערן זיך און ברודערשאפט. אָט דאָס גוטמוטיקע אבסטראהירן זיך פון די קלאסן־סטירעס, אָט דאָס סענטימענטאלע שאלעמ מאכן צווישן סטירעסדיקע קלאסן־אינטערעסן, אָט דאָס פאנטאזיאָרישע שוועבן איבערן קלאסן־קאמף, אָט די fraternité — דאָס איז געווען דער עמעסער לאָזונג פון דער פעווראלער רעוואָליוציע. א פּאָשעטע מיספארשטייעניש האָט צעשפּאָלטן די געזעלשאפט אף קלאסן, און דעם 24 פעווראל האָט לאמארטין אזוי א נאָמען געגעבן די צייטווייליקע רעגירונג: „די רעגירונג, וועלכע מאכט א סאָף צו דער שרעקלעכער מיספארשטייעניש, וואָס עקזיסטירט צווישן פארשיידענע קלאסן". דער פּאריזשער פּראָלעטאריאט איז פארשיקערט געווען פון אָט דער גרויסמוטיקער היספּײלעס פון אלגעמיינער ברידערשאפט.

די צייטווייליקע רעגירונג פון איר זייט, זייענדיק איינמאָל געצווונגען צו פּראָקלאמירן די רעפּובליק, האָט געטאָן אלץ, קעדיי צו מאכן זי אָנעמבאר פאר דער בורזשואזיע און פאר דער פּראָווינצ. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די בלוטיקע שרעקן פון דער ערשטער פראנצויזישער רעפּובליק, — אָפּשאפנדיק טויט־שטראָף פאר פּאָליטישע פארברעכנס; די פּרעסע איז פריי געעפנט געוואָרן פאר אלע מיינונגען; די ארמיי, דאָס געריכט, די אדמיניסטראציע, אויסער קליינע אויסנאמען, זיינען פארבליבן אין די הענט פון די אלטע באאמטע, קיין איינער פון די גרויסע פארברעכערס פון דער יול־מאָנארכיע איז ניט צוגעצויגן געוואָרן צו פאראנטוואָרטלעכקייט. די בורזשואזע רעפּובליקאנער פון „נאסיאָנאל" האָבן זיך געשפּילט אין אומבייטן די מאָנארכיסטישע נעמען און קאָסטיומען אף אלט־רעפּובליקאנישע. פאר זיי איז די רעפּובליק געווען ניט מער, ווי א נייער באל־קאָסטיום פאר דער אלטער בורזשואזער געזעלשאפט. איר הויפּט־פארדינסט האָט די יונגע רעפּובליק געמיינט צו זען דערין, וואָס זי זאָל קיינעם ניט שרעקן, נאָר פארקערט, אליין פאר אלצדינג מוירע האָבן און דורכ ווייכער נאָכגיביקייט, ווידערשטאנדלאָזיקייט פארניידיקן איר עקזיסטענצ און אנטוואָפענען אירע קעגנער. די פּריווילעגירטע קלאסן אינווייניק אין לאנד און די דעספּאָטישע מאכטן פון אויסן איז אויך דערקלערט געוואָרן, אז די רעפּובליק באציט זיך צו זיי פּ יד עכ. לעבן און לעבן לאָזן — אָט דאָס איז געווען איר לאָזונג. גראָד אין דער צייט, באלד נאָך דער פעוורא־ל רעוואָליוציע, זיינען אופגעשטאנען די דייטשן, די פּאָליאקן, די עסטרייכער, די אונגארן, די אי־

טאַליענער — יעדעס פאָלק לויט די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען פון זײַן לאַגע. רוסלאַנד און ענגלאַנד — דאָס לעצטע אַליין אַרומגעכאַפּט מיט באַוועגונג, דאָס ערשטע אָנגעשראָקן פון רעוואָלוציע, זײַנען געווען ניט צוגעגרייט. אַזוי־אַרום האָט די רעפּובליק ניט באַגעגנט אויף איר וועג קיין איינע נאַציאָנאַלע שׂונאָ. עס זײַנען אַלזאָ ניט געווען קיין גרויסע אויסערלעכע פאַרוויקלונגען, וועלכע וואָלטן געקאָנט אָנצינדן די טאַטקראַפט, פאַרגיכערן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָצעס, טרײַבן פאָרויס די צײַטווײַליקע רעגירונג, אָדער אַרויסוואַרפן זי אויף יענער זייט. דער פּאַריזשער פּראָלעטאַריאַט, וועלכער האָט אין דער רעפּובליק געזען זײַנס אַן אייגן קינד, האָט, פאַרשטייט זיך, באַגריסט יעטווידער טריט פון דער צײַטווײַליקער רעגירונג. וואָס האָט איר מיטגעהאָלפן צו פאַרפעסטיקן איר לאַגע אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. ער האָט גערן געלאָזן קאָסידיערן אויסנוצן זיך פאַר דער פּאָליציי־דינסט צו באַשיצן דאָס אייגנטום אין פּאַריזש און האָט געלאָזן לוי־בלאַנען רעגולירן די לוין־קאָנפליקטן צווישן די אַרבעטער און באַלעבאַטים. ער האָט געהאַלטן פאַר אַן ערן־פראַגע פאַר זיך — אײַנצוהיטן אין די אויגן פון אייראָפּע אומבאַפלעקט דעם בורזשואַזן קאָוועד פון דער רעפּובליק.

די רעפּובליק האָט ניט באַגעגנט קיין שום ווידערשטאַנד ניט פון אויסן, ניט פון אינווייניק. דאָס האָט זי אַנטוואָפנט. איר אויפגאַבע איז שוין ניט געווען רעוואָלוציאָנער איבערצוגעשטאַלטן די וועלט, איר אויפגאַבע איז באַשטאַנען בלויז דערין, אַז זי זאָל זיך אַליין צופּאַסן צו די באַדינגונגען פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט. מיט וואָס פאַר אַ פאַנאַטיזם די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט זיך אַ נעם געטאָן דורכצופירן די דאָזיקע אויפגאַבע, דערווײַזן בעסער פון אַלץ אירע פינאַנציעלע מאָסמיטלען.

דער מעלוכע־קרעדיט און דער פּריוואַטער קרעדיט זײַנען, נאַטירלעך, געווען צעטרייסלט. דער מעלוכע־קרעדיט האָט זיך באַזירט אויף דער זיכערקײַט דערין, אַז די מעלוכע לאָזט זיך עקספּלואַטירן פון די יידן פינאַנסיסטן. אָבער די אַלטע מעלוכע איז פאַרשוווּנדן, און די רעוואָלוציע איז פריער פון אַלץ געווען געווענדט קעגן דער פינאַנץ־אַריסטאָקראַטיע. די קאָנוווּלסיעס פונעם לעצטן אייראָפּייִשן האַנדל־קריזיס האָבן נאָך ניט אויפגעהערט. עס איז נאָך אַלץ געגאַנגען אַ באַנקראָט נאָך אַ באַנקראָט.

דער פּריוואַטער קרעדיט איז, אַלזאָ, געווען פּאַראַליזירט, די סכוירע־צירקולאַציע פאַרהאַמעוועט, די פּראָדוקציע ווידער האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָך איידער ס'איז אויסגעבראָכן די פעברואַר־רעוואָלוציע,

דער רעוואָליוציאָנערער קריזיס האָט פארשטארקט דעם קאָמערציעלן. דער פריוואטער קרעדיט באזירט זיך אפ דער זיכערקייט, אז דער גאנצער קאָמפּלעקס פארהעלטענישן פון דער בורזשואזער פּראָדוקציע, די בורזשואזע אָרדענונג, בלייבן ניט געשטערט, אומבארירלעך. ווי־זשע האָט אפ אים געדארפט ווירקן א רעוואָליוציע, וועלכע האָט געשטעלט אונטער א פראגע־צייכן דעם יעסאָד פון דער בורזשואזער פּראָדוקציע, די עקאָנאָמישע שקלאפעריי פונעם פּראָלעטאריאט, — די רעוואָליוציע, וועלכע האָט אופגעשטעלט קעגן דער בערזע דע ליוקסעמבורגער ספינקס? די באפרייונג פונעם פּראָלעטאריאט איז געגליכן צו דער פארניכטונג פונעם בורזשואזן קרעדיט, ווייל זי באטייט די פארניכטונג פון דער בורזשואזער פּראָדוקציע און פון דער בורזשואזער אָרדענונג. דער מעלוכע־קרעדיט און דער פּריוואטער קרעדיט — דאָס איז דער עקאָנאָמישער טערמאָמעטער, מיט וועלכן מע קאָן אויסמעסטן די אינטענסיווקייט פון א רעוואָליוציע. אין דער זעלביקער מאָס, אין וועלכער זיי פאלן, הייבט זיך די טעמפּעראטור פון דער רעוואָליוציע און עס וואקסט איר שאפונג־קראפט.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט געוואָלט אָפּמעקן פון דער רעפּובליק איר אנטיבורזשואזן אויסזען. דערצו איז נייטיק געווען פריער פון אלץ צו פארזיכערן דעם אויסטויש־ווערט פון אָט דער נייער מעלוכע־פאָרם, איר קורס אפ דער בערזע. צוזאמען מיטן פּרייז־קוראנט פון דער רעפּובליק אפ דער בערזע האָט זיך אומבאדינגט געמוזט צוריק הייבן דער פּריוואטער קרעדיט.

קעדיי צו באזייטיקן אפילע דעם חשאד, אז די רעפּובליק וויל ניט אָדער קאָן ניט אויספילן די היסכייוועסן, וועלכע זי האָט באקומען בעירושע פון דער מאָנארכיע, קעדיי איינצופלאנצן צוטרוי צו דער בורזשואזער מאָראל און צאָלפייִקייט פון דער רעפּובליק, האָט זיך די צייטווייליקע רעגירונג באנוצט מיט אומווירדיקער און קינדערשער בארימעריי. נאָך פארן געזעצלעכן טערמין האָט זי אָפּגעצאָלט די מעלוכע־קרעדיטאָרן די פּראָצענטן לויט די 5־$4\frac{1}{2}$־ און 4־פּראָצענטיקע פּאפּירן. דער בורזשואזער אפּלאָמב, דאָס זעלבסטגעפיל בא די קאפּיטאליסטן האָט פלוצלינג אופגעוואכט, ווען זיי האָבן דערזען, מיט וואָס פאר א פּאכדאָנישער איילעוודיקייט מע באמיט זיך צו קויפן זייער צוטרוי.

פארשטייט זיך, אז די געלט־שוועריקייטן פון דער צייטווייליקער רעגירונג זיינען ניט קלענער געוואָרן פון דעם טעאטראלישן זשעסט, וואָס האָט בא איר צוגענומען אירע זאפּאסן מעזומענע געלט. עס איז אומגעלעך געווען ווייטער צו באהאלטן די געלט־נויט, און די

קלײנבירגער, די דינער, די ארבעטער איז אויסגעקומענ צו באצאלנ פאר דעמ אנגענומענע סיורפריז, וואס איז אונטערגעטראגנ געווארנ די מעלוכע־קרעדיטארנ.

די רעגירונג האט דערקלערט, אז די שפאר־קאסעס וועלנ לויט די שפאר־ביכלעכ ניט אומקערנ קײנע סומענ, העכער פונ 100 פראנק. די סומענ, וועלכע זײנענ אריײנגעלײגט געווארנ אינ די שפאר־קאסעס זײנענ קאנפיסקירט געווארנ אונ א דעקרעט פונ דער רעגירונג האט זײ פארוואנדלט אינ א ניט־אויסצאלבארנ מעלוכע־כויוו. דאס האט פארביטערט קעגנ דער רעפובליק דעמ קלײנבירגער, וואס האט זיכ אזוי אויכ געפונענ אינ א געדריקטער לאגע. באקומענדיק אנשטאט זײנע שפאר־ביכלעכ מעלוכישע וועקסלענ, איז ער געצווונגענ געווענ גײנ אפ דער בערזע זײ צו פארקויפנ אונ איבערגעבנ זיכ אפ אזא אויפנ דירעקט אינ די הענט פונ די זעלביקע בערזע־יידנ, קעגנ וועלכע ער האט די פעווראל־רעוואליוציע געמאכט.

דער באנק איז געווענ דער טעמפל פונ דער פינאנצ־אריסטאקראטיע, וואס האט געהערשט בעשאס דער יול־מאנארכיע. פונקט ווי די בערזע רעגירט איבערנ מעלוכע־קרעדיט, אזוי רעגירט דער באנק איבערנ האנדל־קרעדיט.

די פעווראל־רעוואליוציע האט געשטעלט אינ דירעקטער געפאר ניט נאר די הערשאפט פונעמ באנק, נאר זײנ עקזיסטענצ גופע; דעריבער האט ער זיכ פונ סאמע אנהײב אנ באמיט צו דיסקרעדיטירנ די רעפובליק דורכ דעמ, וואס ער האט געמאכט די קרעדיטלאזיקײט פאר אנ אלגעמײנער. ער האט פלוצלינג איבערגעריסנ דעמ קרעדיט פאר באנקירנ, פאבריקאנטנ אונ סאכרימ. ניט ארויסרופנדיק קײנ באלדיקע קאנטררעוואליוציע, האט דער דאזיקער מאנעווער אומפארמײדלעכ צוריקגעשלאגנ דעמ באנק גופע. די קאפיטאליסטנ האבנ צוריקגעצויגנ זײער געלט, וואס איז געלעגנ אינ די באנק־קעלערס. די באזיצער פונ באנק־בילעטנ האבנ זיכ א ווארפ געטאנ צו דער באנק־קאסע, קעדײ אויסצוטוישנ זײ אפ גאלד אונ זילבער.

די צײטווײליקע רעגירונג וואלט געקאנט אנ א גוואלד־אריײנמישונג, אפ א לעגאלנ אויפנ צווינגענ דעמ באנק באנקראטירנ. זי האט בלויז געדארפט פארבלײבנ פאסיוו אונ איבערלאזנ דעמ באנק אפ זײנ אײגענעמ באראט. דער באנקראט פונעמ באנק — דאס איז געווענ דער שטראמ, וועלכער וואלט אינ אײנ אויגנבליק ארפגעראמט פונעמ פראנצויזישנ באדנ די פינאנצ־אריסטאקראטיע, דעמ מעכטיקסטנ אונ געפערלעכסטנ סוינע פונ דער רעפובליק, דעמ גאלדענעמ פיעדעסטאל פונ דער יול־מאנארכיע. אונ ווענ דער באנק וואלט שוינ באנקראט־

טירט, וואָלט עס די בורזשואזיע אליין געמוזט באטראכטן „ווי א לעצטן פארצווייפלטן רעטונג־פרוו, ווען די רעגירונג וואָלט אָרגאניזירט א נאציאָנאלן באנק און געשטעלט דעם נאציאָנאלן קרעדיט אונטער א קאָנטראָל פון זע־ נאציע.

אָבער אָנשטאָט דעם האָט די צייטווייליקע רעגירונג איינגעפירט א צוואנג־קורס פאר די באנק־בילעטן. זי האָט אפילע געטאָן נאָך מער, זי האָט אלע פראָווינציעלע בענק פארוואנדלט אין אָפּטיילונגען פונעם Banqûe de France (פראנצויזישער באנק) און האָט אים אפ אזא אויפן געגעבן די מעגלעכקייט צו פארשפרייטן זיין נעץ איבער גאנץ פראנקרייך. שפעטער האָט זי בא אים געמאכט א האלוואָע און אלס גאראנטיע פארזעצט בא אים די מעלוכע־וועלדער. אָט אזוי־ארום האָט די פעברואל־רעוואָליוציע דירעקט פארפעסטיקט און פארברייטערט די באנקאָקראטיע, וועלכע זי האָט געזאָלט אראָפּווארפן.

אין דער זעלביקער צייט האָט זיך די צייטווייליקע רעגירונג אלץ געשטיקט אונטערן קאָשמאר פונעם אלץ וואקסנדיקן דעפיציט. אומזיסט האָט זי געבעטלט פאטריאָטישע קאָרבאָנעס. בלויז די ארבעטער האָבן איר צוגעוואָרפן א נעדאָווע. עס איז איר אויסגעקומען זיך צו באנוצן מיט א העראישן מיטל, איינפירן א נייעם שטייער. וועמען אָבער באשטייערן? די בערזע־וועלף, די באנק־קיניגן, די מעלוכע־קרעדיטאָרן, די ראנטיעס, די פאבריקאנטן? דאָס איז ניט געווען קיין מיטל דערצו, אז די רעפובליק זאָל געווינען סימפאטיע בא דער בורזשואזיע. דאָס וואָלט געהייסן פון איין זייט שטעלן אין געפאר דעם מעלוכע־קרעדיט און האנדל־קרעדיט, בייס פון דער אנדערער זייט שטרעבט מען מיט אזוינע קאָרבאָנעס און דערנידעריקונגען זיך דערשלאָגן צו אים. עמעצער האָט דאָך אָבער געמוזט צאָלן. ווער־זשע איז געבראכט געוואָרן פאר א קאָרבן דעם בורזשואר און קרעדיט? Jacqûes le bonhomme * דער פויער.

די צייטווייליקע רעגירונג האָט איינגעפירט א צוגאָב־שטייער, וואָס האָט פארגרעסערט אפ 45 סאנטים יעדן פראנק פון די פיר דירעקטע שטייערן. דעם פאריזער פראָלעטאריאט האָט די רעגירונג־פרעסע שווינדלעריש פארזיכערט, אז דער דאָזיקער שטייער פאלט דעריקער אפן גרויסן ערדבאזיץ, אפ די באזיצער פון די מיליארדן, וואָס די רעסטאווראציע האָט פאנאנדערגעשאָנקען. אינדערעמעסן אָבער האָט ער פריער פון אלץ געטראָפן דאָס פויערטום, ד. ה. די גרעסטע מערהייט פונעם פראנצויזישן פאָלק. די פויערים איז אויסגע־

* „זשאק דער טאמ" — אזוי האט די פראנצויזישע אריסטאָקראטיע גערופן דעם פויער. איבערז.

קומען צו צאָלן די הויצאָעס פון דער פעווראל־רעוואָליוציע — און זיי זײַנען געוואָרן די הויפּט־ארמיי פון דער קאָנטררעוואָליוציע. דער 45־סאַנטימיקער שטייער איז געווען א לעבנ־פראגע פארן פראנצויזישן פויער און ער האָט זי געמאכט פאר א לעבנ־פראגע פאר דער רעפּובליק. פון דעם מאָמענט אָן איז די רעפּובליק אין די אויגן פונעם פראנצויזישן פויער געווען דער 45־סאַנטימיקע־שטייער, און אינעם פּאריזשער פּראָלעטאריאט האָט ער דערזען א פארשווענדער, וואָס לאָזט זיך ווילגיין אפ זײַן כעזשבן.

אין דער צײַט, ווען די רעוואָליוציע פון 1789 יאָר האָט זיך אָנגעהויבן דערפון, וואָס זי האָט באפרײַט די פויערים פונעם יאָך פון די פעאָדאלישע פליכטן, האָט די רעוואָליוציע פון 1848 יאָר, קעדיי ניט צו ברענגען קיין שאָדן דעם קאפּיטאל און זיכערן דעם גאנג פון איר מעלוכע־מאשין, פריער פון אלץ אונטערגעטראָגן דער דאָרפישער באפעלקערונג א נײַעם שטײַער.

נאָר מיט איין מיטל וואָלט די צײַטווײַליקע רעגירונג געקאָנט באזײַטיקן די אלע שוועריקײַטן און ארויסשלאָגן די מעלוכע פון איר אלטן וועג — דורכ דערקלערן א מעלוכע־באנקראָט. עס איז באקאנט, ווי לעדריו־ראָלין האָט דערנאָך שטאָלצירט פאר דער נאציאָנאלער פארזאמלונג דערמיט, וואָס ער האָט מיט פאראכטונג אָפּגעוואָרפן אזא מין פארשלאָג פונעם יידישן בערזע־מאן פולד, דעם איצטיקן פינאנצ־מיניסטער. פולד האָט אים אונטערגעטראָגן אן עפּל פונעם „אייצ־האדאס".

דערמיט, וואָס זי האָט אנערקענט די וועקסלען, וועלכע די אלטע בורזשואזע געזעלשאפט האָט צוגעשטעלט דער מעלוכע, האָט זיך די צײַטווײַליקע רעגירונג פארשקלאפט בא דער דאָזיקער געזעלשאפט. אָנשטאָט זיך צו שטעלן קעגן איר, ווי א הארבער קרעדיטער, וואָס מאָנט אופ די פיליאָריקע רעוואָליוציאָנערע כויוועס, איז זי געוואָרן אירער א געדריקטער באלכויוו. זי האָט געמוזט פארפעסטיקן די צעטרייסלטע בורזשואזע פארהעלטעניש, קעדיי אויסצופילן די היסכײַוועסן, וועלכע קאָנען אויסגעפילט ווערן נאָר אין די ראַמען פון די דאָזיקע פארהעלטעניש. דער קרעדיט ווערט פאר איר א לעבנ־באדינג, און די האנאָכעס דעם פּראָלעטאריאט, די צוזאָגן, וואָס זײַנען אים געגעבן געוואָרן, ווערן די קייטן, וועלכע מוזן אום וואָס פאר א פרײַז עס זאָל ניט זײַן צעקלאפּט ווערן. די באפרײַונג פון די ארבעטער, — אפילע אלס פראזע אליין, — איז געוואָרן אן אומדערטרעגלעכע געפאר פאר דער נײַער רעפּובליק, — ווײַל דאָס איז געווען א שטענדיקע שטערונג פאר דער צוריק־אופשטעלונג פונעם

קרעדיט, וועלכער באזירט זיכ אפ דער פעסטער, אומבארירלעכער אנערקענונג פונ די עקזיסטירנדיקע עקאָנאָמישע קלאסנ־פארהעלטעניסנ. מע האָט דעריבער געמוזט א סאָפ מאכנ מיט די ארבעטער.

די פעווראל־רעוואָליוציע האָט ארויסגעוואָרפנ די ארמיי פונ פאריזש. די נאציאָנאלע גווארדיע, ד. ה. די בורזשואזיע פונ אלע מינימ איז געווענ די איינציקע מיליטערישע קראפט אינ דער הויפּט־שטאָט. זי האָט זיכ אָבער ניט געפילט בעקוועמ מיט אירע אייגענע קרעפטנ גוי־ווער צו זײַנ דעמ פראָלעטאריאט. ביפראט נאָכ, אז איר איז אויסגעקומענ, האגאמ נאָכ אנ אקשאָנעסדיקנ ווידערשטאנד, שטעלנדיק הונדערטער פארשיידענע שטערונגענ, ביסלעכווײַז, טיילווײַז, צוצולאָזנ אינ אירע רייענ באוואָפנטע פראָלעטאריער. עס איז, אפ אזא אויפנ, פארבליבנ איינ אויסוועג: אנטקעגנשטעלנ איינ טייל פראָלעטאריער קעגנ דעמ אנדערנ.

מיט דעמ דאָזיקנ צוועק האָט די צײַטווײַליקע רעגירונג אָרגאניזירט 24 באטאליאָנענ מאָבילע גווארדיע, פונ יונגעלײַט, אינ עלטער פונ 15 ביז 20 יאָר, צו טויזנט מאנ אינ יעדנ באטאליאָנ. זיי האָבנ געהערט מערסטנטייל צומ לומפּנ־פראָלעטאריאט, וועלכער איז פאראנ אינ אלע גרויסע שטעט אונ אונטערשיידט זיכ שארפ פונעמ אינדוסטריעלנ פראָלעטאריאט. דער דאָזיקער שיכט איז אנ אָרט, פונוואנענ עס ווערנ רעקרוטירט גאנאָווימ אונ פארברעכער פונ אלע מינימ, עלעמענטנ, וועלכע לעבנ פונ די ברעקלעכ פונעמ געזעלשאפט־לעכנ מי, מענטשנ אָנ באשטימטע באשעפטיקונגענ, בראָדיאגעס, gens sans feu et sans aveu*; זיי זײַנענ פארשיידנ, אָפהענגיק פונעמ קולטורעלנ צושטאנד פונ דער נאציע, צו וועלכער זיי געהערנ, אָבער שטענדיק אונ אומעטומ פארמאָגנ זיי די כאראקטער־שטריכנ פונ לאצאראָני. ביז גאָר ניט שטאנדהאפטיק אינ די יונגע יאָרנ, אינ וועלכע עס האָט זיי גענומענ די צײַטווײַליקע רעגירונג, זײַנענ זיי פייִק געווענ אפ דער גרעסטער העלדישקײַט אונ זעלבסטאָפּפערונג, אָבער צוזאמענ דערמיט אויכ אפ די געמיינסטע באנדיטישע מעשׂימ אונ אפ דער שמוציקסטער פארקויפטקײַט. די צײַטווײַליקע רעגירונג האָט זיי געצאָלט 1 פראנק מיט 50 סאנטימ א טאָג, ד. ה. זי האָט זיי אָפּגעקויפט. זי האָט זיי אָנגעטאָנ אינ א ספּעציעלער אוניפאָרמ, ד. ה. זי האָט זיי אונטערגעשיידט אויסערלעכ פונ די בלוזעס. אלס אָנפירער האָט מענ זיי טיילווײַז געגעבנ אָפיצערנ פונ דער רעגולערער ארמיי, טיילווײַז האָבנ זיי זיכ אליינ אויסגעקליבנ יונגע בורזשואזע זינדלעכ,

---

* — מענטשנ אָנ א היימ (אָנ פײַער) אונ אָנ א דאָקומענט. ז י ב ע ר ז.

וועלכע האָבנ זיי אונטערגעקויפט מיט הויכע דראָשעס וועגנ שטאַרבנ פאַרנ פאָטערלאַנד אונ וועגנ מאַקריוו זייַנ זיכ פאַר דער רעפּובליק.

קעגנ דעמ פּאַריזשער פּראָלעטאַריאַט איז אַפ אַזאַ אופנ געשטאַנענ אַנ אַרמיי פונ 24.000 יונגע, פונ זייַנע אייגענע רייענ אָנגעקליבענע, קרעפטיקע, דרייסטע יאַטנ. דער פּראָלעטאַריאַט האָט באַגריסט די מאָבילע גוואַרדיע אַפ די פּאַריזשער גאַסנ מיט הוראַ־געשרייענ. ער האָט אינ זיי דערקענט די, וואָס האָבנ אינ זייַנע פאָדערשטע רייענ געקעמפט אַפ די באַריקאַדנ. ער האָט זי באַטראַכט, ווי א פּראָלעטאַרישע גוואַרדיע, אינ קעגנזאַצ צו דער בורזשואַזער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. דאָס איז פונ זייַנ זייַט געווענ א טאָעס, וואָס לאָזט זיכ פאַרצייַענ.

צוזאַמענ מיט דער מאָבילער גוואַרדיע האָט די רעגירונג באַשלאָסנ צוזאַמענקלייַבנ אַרומ זיכ אויכ אַנ אַרמיי פונ אינדוסטריעלע אַרבעטער. אינ די אויפגערופענע נאַציאָנאַלע ווערקשטאַטנ האָט דער מיניסטער מאַרי אייַנגעאָרדנט הונדערט טויזנט אַרבעטער, וועלכע דער קריזיס אונ די רעוואָליוציע האָבנ אַרויסגעוואָרפנ אַפנ גאַס. אונטער דעמ הויכ־קלינגענדיקנ נאָמענ איז באַהאַלטנ געווענ ניט קיינ אַנדער זאַכ, ווי דאָס פאַרווענדנ די אַרבעטער צו לאַנגווייַליקע, איינאַרטיקע אונ ניט־פּראָדוקטיווע ערדאַרבעטנ, מיט אַנ אַרבעט־לוינ פונ 23 סו. ענגלישע „אַרבעט־הייַזער" אונטערנ פרייַענ הימל — אָט וואָס עס זייַנענ געווענ די נאַציאָנאַלע ווערקשטאַטנ אונ ניט מער. די צייַטווייַליקע רעגירונג האָט געמיינט, אַז אינ זיי האָט זי אויסגעבילדעט א צווייטע אַרבעטער־אַרמיי קעגנ די אַרבעטער גופע. דאָס מאָל האָט זיכ די בורזשואַזיע אָפּגענאַרט אינ די נאַציאָנאַלע ווערקשטאַטנ פּונקט ווי די אַרבעטער האָבנ זיכ אָפּגענאַרט אינ דער מאָבילער גוואַרדיע — זי האָט אינ זיי באַשאַפנ אַנ אויפשטאַנד־אַרמיי.

איינ ציל איז אָבער דערגרייכט געוואָרנ.

Ateliers nationaux — אַזוי האָבנ געהייסנ די נאַציאָנאַלע ווערקשטאַטנ, וועלכע עס האָט געפּרעדיקט לוי בלאַנ אינ ליוקסעמבורג. מאַריס ווערקשטאַטנ זייַנענ באַשאַפנ געוואָרנ לויט א פּלאַנ, וואָס איז פּונקט דער היפּעכ פונ לוי בלאַנס, נאָר אַדאַנק דער געמיינזאַמקייַט פונ דער פירמע האָבנ זיי געגעבנ מאַטעריאַל פאַר א טאָעסנ־אינטריגע, וואָס איז ווערט צו זייַנ א טעמע פאַר א שפּאַנישער דינער־קאָמעדיע. די צייַטווייַליקע רעגירונג האָט אַליינ בעסאָד פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז די דאָזיקע נאַציאָנאַלע ווערקשטאַטנ זייַנענ לוי בלאַנס דערפינדונג, אונ דאָס האָט נאָכ מער אויסגעזענ צו זייַנ גלייבלעכ דער־

פאר, ווײַל לוי בלאנ, דער נאָווי פונ די נאציאָנאלע ווארשטאטנ, איז געווענ א מיטגליד פונ דער צײַטווײַליקער רעגירונג. פאר דער פאריזשער בורזשואזיע, וואָס האָט האלב נאַיִוו אונ האלב מיט א מיינ צונויפגעמישט ביידע זאכנ, פאר דער קינסטלעכ־באארבעטער געזעלשאפטלעכער מיינונג פונ פראנקרײַכ אונ אייראָפע, האָבנ זיכ די דאָזיקע ארבעט־הײַזער פאָרגעשטעלט אלס ערשטער טריט צו דער פארווירקלעכונג פונעמ סאָציאליזמ, וועלכער איז דורכ דעמ ארויסגעשטעלט געוואָרנ צומ שאנדסלופ.

ניט לויט זייער אינהאלט, אָבער לויט זייער נאָמענ, זײַנענ די נאציאָנאלע ווארשטאטנ געווענ א פארקערפערטער פראָטעסט פונעמ פראָלעטאריאט קעגנ דער בורזשואזער אינדוסטריע, קעגנ דעמ בורזשואזנ קרעדיט, קעגנ דער בורזשואזער רעפובליק. דעריבער איז אפ זיי ארויסגעפאלנ דער גאנצער האס פונ דער בורזשואזיע. אינ זיי האָט זי צוגלײַכ געפונענ דעמ פונקט, אפ וועלכנ זי האָט געקאָנט ווענדנ אירע אָנפאלנ, ווי נאָר זי האָט זיכ גענוג פארשטארקט, קעדיי אָפנ צו צערײַסנ מיט די פעווראלער איליוזיעס. דאָס קליינבירגערטומ האָט אויכ געווענדט זײַנ גאנצע אומצופרידנקײַט, זײַנ גאנצנ פארדראָס קעגנ די נאציאָנאלע ווארשטאטנ, וואָס זײַנענ געוואָרנ א ציל־ברעט פאר אלעמענס אָנפאלנ. מיט ציינ־קריצערײַ האָבנ זיי בארעכנט, וויפל געלט עס שלינגנ איינ אָט די פראָלעטאריער די אומזיסטיקע פרעסערס, בייס זייער אייגענע לאגע איז מיט יעדנ טאָג געוואָרנ אלצ אומדערטרעגלעכער. מעלוכע־פענסיע פאר קלוימערשטער ארבעט — אָט דאָס איז דער סאָציאליזמ! האָבנ זיי געמורמלט פאר זיכ. אינ די נאציאָנאלע ווארשטאטנ, אינ די ליוקסעמבורגער דעבאטנ, אינ די גאסנ־דעמאָנסטראציעס פונ די פאריזשער ארבעטער האָבנ זיי געזוכט די סיבע פונ זייער קלאָגעדיקער לאגע, אונ קיינער האָט זיכ אזוי ניט געהיצט קעגנ די קלוימערשטע מאכינאציעס פונ די קאָמוניסטנ, ווי דער קליינבירגער, וועלכער איז אָנ שומ האָפענונג אפ א רעטונג געשטאנענ באמ אָפגרונט פונ באנקראָט.

אפ אזא אויפנ זײַנענ אינעמ פאָרשטייענדיקנ געפעכט צווישנ דער בורזשואזיע אונ דעמ פראָלעטאריאט אלע פאָרצוגנ, אלע וויכטיקסטע פאָזיציעס, אלע מיטעלע שיכטנ פונ דער געזעלשאפט, געווענ אינ די הענט פונ דער בורזשואזיע; אונ אינ דער זעלביקער צײַט האָבנ זיכ די כוואליעס פונ דער פעווראלער רעוואָליוציע הויכ געהויבנ איבערנ גאנצנ קאָנטינענט, יעדע פאָכשט האָט געבראכט נײַע רעוואָליוציאָנערע ידיעס אָט פונ איטאליע, אָט פונ דײַטשלאנד, אָט פונ ווײַטסטנ דאָרעמ־מיזרעכ פונ אייראָפע. אונ דאָס האָט אונטערגעהאלטנ די אלגע־

מיינע פאַרשיקערטקייט פונעם פאָלק, ברענגענדיק אים קעסיידער אלץ נײַע באווײַזן פון זײַן ניצאָכן, וואָס די פּרוכטן זײַנע זײַנען שוין פאַרשוווּנדן פון זײַנע הענט.

דעם 17־מאַרט און דעם 16 אַפּרעל זײַנען פאָרגעקומען די ערשטע פאָרגעפעכטן אין דעם גרויסן קלאַסנקאַמף, וועלכן די בורזשואַזע רעפּובליק האָט באַהאַלטן אונטער אירע פליגלען.

דעם 17־מאַרט האָט זיך אַנטפּלעקט די צווייִדײַטיקע לאַגע פונעם פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָט ניט דערלאָזן צו קיינע אַנטשיידע־נע מעשים. דער לעכאַטכילעדיקער ציל פון זײַן דעמאָנסטראַציע איז געווען אומצוקערן די צײַטווײַליקע רעגירונג אפן וועג פון רעוואָלוּ־ציע, צווינגען זי, אין פאַל, אויב דאָס איז נייטיק, אויסצושליסן פון איר באַשטאַנד די בורזשואַזע מיטגלידער און אָפּלייגן דעם טאָג פון די וואַלן צו דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און אין דער נאַציאָנאַ־לער גוואַרדיע. דעם 16־טן מאַרט אָבער האָט די בורזשואַזיע, וואָס איז געווען פאַרטראָטן אין דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, געמאַכט אַ פײַנטלעכע דעמאָנסטראַציע קעגן דער צײַטווײַליקער רעגירונג. מיט אויסגעשרייען: „אַראָפּ לעדריו־ראָלען!“ האָט זיך די דע־מאָנסטראַציע אַ לאָז געטאָן צום האָטעל „דע ווי“, און דאָס האָט גע־צוווּנגען דאָס פאָלק דעם 17־טן מאַרט צו שרײַען: „זאָל לעבן לעד־ריו־ראָלען! זאָל לעבן די צײַטווײַליקע רעגירונג!“ דאָס פאָלק איז געווען געצוווּנגען, קעגן דער בורזשואַזיע, צו שטעלן זיך אַף דער זײַט פון דער בורזשואַזער רעפּובליק, וועלכע האָט אים געשײַנט צו שטיין אין געפאַר. עס האָט פאַרפעסטיקט די לאַגע פון דער צײַטווײַ־ליקער רעגירונג, אָנשטאָט זי צו באַהערשן. דער 17־טער מאַרט האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ מעלאָדראַמאַטישער סצענע, און אַף וויפל דער פּאַריזשער פּראָלעטאַריאַט האָט דעם טאָג נאָכאַמאָל פאַ־נאַנדערגעשפּרייט זײַנע גיגאַנטישע גלידער, האָט דאָס בלויז נאָך אַנטשלאָסענער געמאַכט די בורזשואַזיע און דער צײַטווײַליקער רע־גירונג און אויסער איר צו ברעכן דעם פּראָלעטאַריאַט.

דער 16־טער אַפּרעל איז געווען אַ מיספאַרשטייעניש, אָרגאַניזירט דורך דער צײַטווײַליקער רעגירונג צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע. אַ גרויסע צאָל אַרבעטער האָט זיך צונויפגעקליבן אפן מאַרס־פעלד און אפן היפּאָדראָם צו באַטראַכטן די פראַגע וועגן די פאָרשטייענדיקע וואַלן אין גענעראַל־שטאַב פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. פּלוצלינג האָט זיך מיט אַ בליץ־שנעלקייט פאַרשפּרייט אַ קלאַנג איבער גאַנץ פּאַריזש, אַז אפן מאַרס־פעלד האָבן זיך צונויפ־געקליבן באַוואָפנטע אַרבעטער אונטער דער אָנפירונג פון לוי בלאַן,

בלאנקי, קאבע און ראספײַל מיטן מיין זיך צו לאָזן פון דאָרט צום
האָטעל דע ווי, אראָפּוואַרפן די צײַטווײַליקע רעגירונג און פּראָקלא־
מירן א קאָמוניסטישע רעגירונג. עס ווערט אויסגערופן א גענעראַל־
מארש — שפּעטער האָבן לעדריו־ראָלען, מאראַ און לאַמארטין אײַ־
נער באַם אנדערן באַשטריטן דעם קאָוועד פון דער דאָזיקער איני־
ציאַטיוו — און אין א שאָ ארום שטייען הונדערט טויזנט מענטשן אונ־
טערן ביקס, דער האָטעל דע ווי איז אין אלע פּונקטן פאַרנומען דורך
דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. איבער גאַנץ פּאַריז דונערט דער געש־
ריי: „אראָפּ די קאָמוניסטן! אראָפּ לוי בלאַן, אראָפּ בלאַנקי, ראַס־
פּײַל און קאַבע!", צו דער צײַטווײַליקער רעגירונג קומען אָן אָן א
צאָל דעלעגאַציעס, אלע גרייט צו ראַטעווען דאָס פאָטערלאַנד און די
געזעלשאַפט; ווען די אַרבעטער באַווײַזן זיך ענדלעך באַם האָטעל דע
ווי, קעדיי איבערצוגעבן דער צײַטווײַליקער רעגירונג דאָס געלט פון
דער פּאַטריאָטישער זאַמלונג, וואָס זיי האָבן דורכגעפירט אפן מאַרס־
פעלד, דערוויסן זיי זיך צו זייער גרויס פאַרוואונדערונג, אז דאָס בור־
זשואַזע פּאַריז האָט נאָרוואָס מיט די גרעסטע פאָרזיכטיקייטן אָפּגע־
האַלטן אין א פיקטיוון קאַמף א ניצאָכן איבער זייער שאָטן. דער
שויעקלעכער אטענטאַט פון 16טן אַפּרעל האָט געדינט פאַר א מאָטיוו
אומצוקערן די אַרמיי קיין פּאַריז — אָט דאָס איז אייגנ־
טלעך געווען דער ציל פון דער גראָב־אָפּגעאַרבעטער קאָמעדיע, —
און פאַר רעאַקציאָנערע פעדעראַליסטישע דעמאָנסטראַציעס אין דער
פּראָווינץ.

דעם 4טן מײַ האָט זיך צונויפגעקליבן די נאַציאָנאַלע פאַר־
זאַמלונג, וואָס איז געקומען פון די דירעקטע אַלגעמיינע וואַלן.
דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט האָט ניט פאַרמאָגט יענע מאַגישע קראַפט,
וועלכע עס האָבן אים צוגעשריבן די רעפּובליקאַנער פון אַלטן שניט.
אין גאַנץ פראַנקרײַך אָדער לעכאָלאַפּאָכעס אינעם גרעסטן טייל
פראַנצויזן האָבן זיי געזען citoyens (בירגער) מיט אייניקע אינ־
טערעסן, אייניקע אָנשויונגען א.א.וו. דאָס איז געווען זייער א
מין פאָלק־קולט. די וואַלן האָבן אָבער אָנשטאָט זייער אויסגעטראַכטן
פאָלק געבראַכט דאָס ווירקלעכע פאָלק, ד.ה. פאַרטרעטער פון די
פאַרשיידענע קלאַסן, אין וועלכע דאָס פאָלק צעפאַלט זיך. מיר האָבן
שוין געזען, פאַרוואָס די פּויערים און דאָס קליינבירגערטום האָבן גע־
מוזט וויילן אונטער דער אָנפירונג פון דער קריגערישער בורזשואַזיע
און פון די גרויסע ערדבאַזיצער, וואָס האָבן געדורשט נאָך א רעס־
טאַווראַציע. אויב דאָס אַלגעמיינע וואַלרעכט איז אפילו ניט געווען
אָט די וואונדער־שאַפנדיקע קישעף־רוט, פאַר וועלכער עס האָבן אים

געהאלטן די נאַיִווע רעפובליקאנער, האָט עס דאָכ פארמאָגט אן אנדערע, אָן אן ערעכ העכערע מײַלע: עס האָט צעבונדן דעם קלאסנקאמפ, עס האָט געצווּונגען די פארשיידענע מיטעלע שיכטן פון דער בורזשואזער געזעלשאפט גיכ אויסצולעבן זייערע אילוזיעס און אנטוישונגען, עס האָט מיטאמאָל אופגעהויבן אפן שפיץ פון דער מעלוכע אלע פראקציעס פונעם עקספלואטירנדיקן קלאס און אזויארום אראָפגעריסן פון זיי די ליגנערישע מאסקע, אין דער צײַט, ווען די מאָנארכיע מיט איר צענז האָט קאָמפּראָמעטירט בלויז באשטימטע פראקציעס פון דער בורזשואזיע און די אנדערע האָט זי געגעבן די מעגלעכקײַט זיכ אויסצובאהאלטן הינטער די קוליסן און ארומרינגלען זיכ מיט הייליקן שײַן פון א געמיינזאמער אָפּאָזיציע.

אין דער נאציאָנאלער גרינדונג־פארזאמלונג, וואָס האָט זיכ צונויפגעקליבן דעם 4־טן מײַ, האָבן פרעוואלירט די **בורזשואזע רעפובליקאנער**, די רעפובליקאנער פון „נאסיאָנאל“. אפילע די לעגיטימיסטן און אָרלעאניסטן האָבן פון אָנהייב געוואגט ארויסצוטרעטן נאָר אונטער דער מאסקע פון בורזשואזן רעפובליקאניזם. נאָר אינעם נאָמען פון דער רעפובליק האָט מען געקאָנט אָנהייבן דעם קאמפ קעגן פראָלעטאריאט.

פונעם 4־טן מײַ, און ניט פונעם 25־טן פעווראל, ווערט דאטירט די רעפובליק, ד.ה. די רעפובליק, וועלכע דאָס פראנצויזישע פאָלק האָט אנערקענט; דאָס איז ניט די רעפובליק, וועלכע דער פאריזשער פראָלעטאריאט האָט אָנגעבונדן דער צײַטווײַליקער רעגירונג, ניט די רעפובליק מיט סאָציאלע אינסטיטוציעס, ניט דאָס טרוים־בילד, וואָס האָט געשוועבט פאר די קעמפער אפ די באריקאדן. די איינציק געזעצלעכע רעפובליק, וועלכע עס האָט פראָקלאמירט די נאציאָנאלע פארזאמלונג, איז ניט געווען קיין רעוואָליוציאָנער געווער קעגן דער בורזשואזער אָרדענונג, נאָר פארקערט, איר פּאָליטישע רעסטאווראציע, וואָס האָט אפסנײַ פּאָליטיש פארפעסטיקט די בורזשואזע געזעלשאפט, — מיט איין וואָרט, **א בורזשואזע רעפובליק**. אָט די באהויפטונג האָט זיכ דערהערט פון דער טריבונע פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג, און זי האָט באקומען אן אָפּקלאנג אין דער גאנצער רעפובליקאנישער און אנטירעפובליקאנישער בורזשואזער פרעסע.

מיר האָבן געזען, אז די פעוראל־רעפובליק איז ניט געווען און האָט ניט געקאָנט זײַן קיין אנדער זאכ, ווי א **בורזשואזע** רעפובליק; אז נאָר אונטערן דירעקטן דרוק פונעם פראָלעטאריאט איז די צײַטווײַליקע רעגירונג געצוווּנגען געווען צו דערקלערן זי פאר

א רעפובליק, וואָס איז ארומגערינגלט מיט סאָציאלע אינסטיטוציעס; אז דער פאריזשער פראָלעטאריאט איז נאָך ניט פייִק געווען ארויסצוטרעטן פון די ראמען פון דער בורזשואזער רעפובליק אנדערש, ווי אין זײַנע טרוימען, אין דער פאנטאזיע; אין דער ווירקלעכקײַט אָבער, מיט זיינע האנדלונגען האָט ער איר שטענדיק געדינט, ווי נאָר עס איז געקומען צו ווירקלעכער האנדלונג, אז די צוזאָגן, וואָס זײַנען אים געגעבן געוואָרן, זײַנען געוואָרן אן אומדערטרעגלעכע געפאר פאר דער נײַער רעפובליק, און די גאנצע צײַט פון איר עקזיסטענץ איז די צײַטווײַליקע רעגירונג פארנומען געווען מיט אן אומופהערלעכן קאמף קעגן די פאָדערונגען פונעם פראָלעטאריאט.

אין געשטאלט פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג איז גאנץ פראנקרײַך געזעסן ווי א ריכטער איבערן פאריזשער פראָלעטאריאט. זי האָט גלייך צעריסן מיט די סאָציאלע איליוזיעס פון דער פעווראל־רעוואָליוציע און האָט פראָסט און פּאָשעט פראָקלאמירט די בורזשואזע רעפובליק, ניט מער, ווי די בורזשואזע רעפובליק. פון דער אויספיר־קאָמיסיע, וואָס זי האָט אויסגעקליבן, האָט זי טייקעף אויסגעשלאָסן די פאָרשטייער פונעם פראָלעטאריאט, לוי בלאַנג און אלבער; זי האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאַג צו אָרגאניזירן א באזונדער ארבעט־מיניסטעריום און האָט מיט שטורמישע אפּלאָדיסמענטן אופגענומען די ווערטער פונעם מיניסטער טרעלא: „איצט האנדלט זיך נאָר וועגן דעם, וויאזוי אומצוקערן די ארבעט צו אירע פריערדיקע באדינגונגען”.

דאָס אלץ איז נאָך אָבער ניט גענוג געווען. די פעווראל־רעפובליק האָבן אויסגעקעמפט די ארבעטער בא דער פאסיווער שטיצע פון דער בורזשואזיע. די פראָלעטאריער האָבן זיך מיט פולן רעכט געהאלטן פאר די זיגער אין פעווראל און האָבן ארויסגעשטעלט הויכע פאָדערונגען פון א זיגער. מע האָט זיי געמוזט באזיגן אין גאסנקאמף, מע האָט זיי געמוזט באווייזן, אז זיי מוזן לײַדן א מאפּאָלע, ווי נאָר זיי גייען ארויס זיך שלאָגן ניט אין בונד מיט דער בורזשואזיע, נאָר קעגן איר. פונקט ווי די פעווראל־רעפובליק, מיט אירע האנאָכעס פארן סאָציאליזם, האָט זיך גענייטיקט אין א שלאכט פונעם פראָלעטאריאט, פאראייניקט מיט דער בורזשואזיע, קעגן דער מאָנארכיע, אזוי איז איצט נייטיק געווען א צווייטע שלאכט, קעדיי צו באפרײַען די רעפובליק פון די האנאָכעס, וואָס זי האָט געמאכט דעם סאָציאליזם, קעדיי אָפּיציעל צו פארפעסטיקן די הערשאפט פון דער בורזשואזער רעפובליק. מיט געווער אין די הענט האָט די בורזשואזיע געדארפט אָפּוואַרפן די פאָדערונגען פונעם פראָלעטארי־

יאט. די עמעסע וויג פון דער בורזשואזער רעפּובליק **איז ניט דער פעווראלער ניצאָכן, נאָר די יוניער מאפּאָלע.**

דער פּראָלעטאריאט האָט פארגיכערט די אַנטשיידונג, ווען ער האָט זיך דעם 15־טן מײַ אַרײַנגעריסן אין דער נאַציאָנאַלער פארזאמלונג. דאָס איז געווען א דערפּאָלגלאָזער פּרווו פון די ארבעטער צוריק צו דעראָבערן זייער פריערדיקע רעוואָליוציאָנערע ווירקונג — דערגרייכט האָבן זיי נאָר, אז זייערע ענערגישע פירער זײַנען ארײַנגעפאלן צו די טורמע־מײַסטערס פון דער בורזשואזיע. Il faut en finir! — מע מוז מאכן א סאָף דערצו! אין אָט דעם אויסרוף האָט זיך אויסגעדריקט די אנטשלאָסנקייט פון דער נאַציאָנאַלער פארזאמלונג צו צווינגען דעם פּראָלעטאריאט צו אן אנטשיידענעם קאמף. די אויספיר־קאָמיסיע האָט ארויסגעגעבן א ריי ארויסרופנדיקע דעקרעטן, ווי, לעמאָשל, דעם פארבאָט פון גאסן־פארזאמלונגען א.א.וו. פון דער טריבונע פון דער נאַציאָנאַלער גרינדונג־פארזאמלונג זײַנען די ארבעטער אָפן פּראָוואָצירט געוואָרן, געזידלט, אויסגעלאכט געוואָרן. דער הויפּט־פּונקט פונעם אָנגריף זײַנען אָבער געווען, ווי מיר האָבן געזען, די **נאציאָנאַלע ווארשטאטן.** אָפּ זיי האָט די גרינדונג־פארזאמלונג באפוילעריש אָנגעוויזן דער אויספיר־קאָמיסיע, וועלכע האָט בלויז געווארט צו דערהערן פון דער נאַציאָנאַלער פארזאמלונג, אין דער פאָרם פון א באפעל, איר אייגענעם פּלאן.

די אויספיר־קאָמיסיע האָט אָנגעהויבן דערפון, וואָס זי האָט פארשווערקט דעם צוטריט אין די נאַציאָנאַלע ווארשטאטן, האָט דעם טאָג־לוין פארביטן אָפּ שטיק־לוין און האָט צוליב דער קלוימערשטער נויטווענדיקייט פון ערד־בוי־ארבעטן אין סאָלאָן, ארויסגעשיקט פון די פּאריזשער ווארשטאטן אלע ארבעטער, וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן ניט אין פּאריזש. די דאָזיקע ארבעטן, — ווי עס האָבן מיטגעטיילט זייערע כאוויירים די ארבעטער, וואָס זיינען אנטוישטע פון דאָרטן צוריק געקומען, — זײַנען געווען ניט מער, ווי א ריטאָרישע פאָרמולע, וואָס האָט געזאָלט באפוצן זייער ארויסשיקונג. ענדלעך, דעם 21 יונ איז אין „מאָניטער” דערשינען א דעקרעט, וועלכער האָט באפוילן איבערגוואלד ארויסצוטרייבן פון די נאַציאָנאַלע ווארשטאטן אלע ניט־פארהייראטע ארבעטער, אָדער אָפּשיקן זיי אין דער ארמיי.

די ארבעטער איז געבליבן אײן ברירע — אָדער אויסשטארבן פון הונגער אָדער ארויסטרעטן אין קאמף. זיי האָבן געענטפערט דעם 22 יונ מיט אן אומגעהייערן אופשטאנד. דאָס איז געווען די ערשטע גרויסע שלאכט צווישן די צוויי קלאסן, אָפּ וועלכע עס איז צעשפּאָלטן די מאָדערנע געזעלשאפט. דאָס איז געווען א קאמף פאר

דער פֿאַרהיטונג אָדער פֿאַרניכטונג פֿון דער בורזשואַזער אָרדענונג. דער שלייער, וואָס האָט איינגעהילט די רעפּובליק, איז צעריסן געוואָרן.

עס איז באַקאַנט, מיט וואָס פֿאַר א זעלטענער מוטיקייט און געניאַלקייט, אָן פֿירער, אָן אַן אַלגעמיינעם פּלאַן, אָן מיטלען און ס׳ראָוו אָן געווער, האָבן די אַרבעטער גאַנצע פֿינף טעג זיך געהאַלטן קעגן דער אַרמיי, קעגן דער מאָבילער גוואַרדיע, קעגן דער פּאַריזשער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע און קעגן דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע, וועלכע איז צוגעקומען פֿון דער פּראָווינץ. עס איז באַקאַנט, ווי די בורזשואַזיע האָט זיך מיט אומדערהערטער אַכזאָריעס נוקעם געווען פֿאַר דער טויט־שרעק, וואָס זי האָט איבערגעלעבט, און האָט אויסגעהאַרגעט 3000 געפֿאַנגענע.

די אָפֿיציעלע פֿאָרשטייער פֿון דער פֿראַנצויזישער דעמאָקראַטיע האָבן זיך געפֿונען אונטער אַזאַ שטאַרקער ווירקונג פֿון דער רעפּובליקאַנישער אידעאָלאָגיע, אַז ערשט אין עטלעכע וואָכן אַרום האָבן זיי זיך אָנגעהויבן אָנשטויסן, וואָס פֿאַר א באַדײַטונג דער יוני־קאַמף האָט געהאַט. זיי זײַנען ווי באַטויבט געווען פֿונעם פּולווער־רויך, פֿון וועלכן זייער פֿאַנטאַסטישע רעפּובליק איז צערונען געוואָרן.

דער לעזער וועט אונדז דערלויבן איבערגעבן מיט די ווערטער פֿון דער „נייער ריינישער צייטונג” דעם אומיטלבאַרן אײַנדרוק, וועלכע עס האָט געמאַכט אַף אונדז די יוני־מאַפּאָלע:

„דער לעצטער אָפֿיציעלער רעשט פֿון דער פֿעוראַל־רעוואָלוציע — די אויספֿיר־קאָמיסיע — איז צעשוווּמען געוואָרן ווי א געשפּענסט פֿאַר דער קראַפֿט פֿון די געשעענישן. לאַמאַרטינס פֿײַערווערק האָבן זיך פֿאַרוואַנדלט אין קאַוועניאַקס צינד־ראַקעטן. די Fraternité — די ברידערלעכקייט פֿון קעגנזעצלעכע קלאַסן, פֿון וועלכע איינער עקספּלואַטירט דעם אַנדערן, אָט די ברידערלעכקײַט, וואָס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן אין פֿעוראַל, וואָס איז מיט גרויסע אויסיעס אָנגעשריבן געווען אַפֿן שטערן פֿון פּאַריזש, אַף יעדער טורמע, אַף יעדער קאַזאַרמע — איר עמעסער, ניט געפֿעלשטער, פּראָזאַישער אויסדרוק — דאָס איז דער בירגער־קריג, דער בירגער־קריג אין זיין שרעקלעכסטער געשטאַלט, דער קריג צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל. די דאָזיקע ברידערלעכקייט האָט געפֿלאַמט אין אַלע פֿענצטער פֿון פּאַריזש דעם 25־טן יוני, ווען דאָס בורזשואַזע פּאַריזש איז געווען איליומינירט, אין דער צייט, ווען דאָס אַרבעטער־פּאַריזש האָט געברענט, איז אויסגעגאַנגען מיט בלוט און געקרעכצט. די ברידערלעכקײַט האָט געדויערט פּונקט אַזויפֿיל צײַט, ווי לאַנג די אינטערעסן פֿון דער בור־

זשואזיע און פונעם פּראָלעטאריאט זיינען געווען פארברידערט. פּעדאנטן פון די אַלטע רעוואָליוציאָנערע טראדיציעס פון 1793 יאָר; סאָציאַליסטישע דאָקטרינערן, וועלכע האָבן אויסגעבעטלט בא דער בורזשואזיע א נעדאָווע פארן פאָלק און באקומען די דערלויבעניש צו האלטן לאנגע דראָשעס און קאָמפּראָמעטירן זיך, קאָלזמאן עס איז נייטיק געווען איינצושלעפערן דעם פּראָלעטארישן לייב; רעפּובליקאנער, וועלכע האָבן פארלאנגט די גאנצע אלטע בורזשואזע אָרדענונג, אכוץ איר געקרוינטן קאָפּ; דינאסטישע אָפּאָזיציאָנערן, וועמען דער צופאל האָט אנשטאָט אן אומבייט פון מיניסטעריום אונטערגערוקט דאָס פאלן פון דער דינאסטיע; לעגיטימיסטן, וועלכע האָבן געוואָלט ניט אראָפּווארפן די ליווריי, נאָר בלויז איבערבייטן דעם שניט אירן, — אָט מיט וואָס פאר א פארבינדעטע דאָס פאָלק האָט אָפּגעהאלטן זיין פעווראַל־ניצאָכן. אין לוי־פיליפּן האָט דאָס פאָלק אינסטינקטיוו געהאסט ניט לוי־פיליפּן אלס אזעלכן, נאָר די געקרוינטע הערשאפט פון א קלאס, — דעם קאפּיטאל אפן טראָן. אָבער גרויסמוטיק, ווי שטענדיק, האָט עס געהאלטן, אז עס האָט פארניכטעט זיין סוינע, אין דער צייט, ווען אראָפּגעוואָרפן האָט עס בלויז זיין סוינעס סוינע — דעם אלגעמיינעם סוינע. די פעווראל־רעוואָליוציע איז געווען א שיינע רעוואָליוציע, א רעוואָליוציע, וואָס האָט געהאט אלעמענס סימפּאטיע, ווייל די ווידערשפּרוכן, וועלכע האָבן זיך אין איר אנטפּלעקט קעגן דער קיניגלעכער מאכט, האָבן זיך נאָך ניט באוויזן צו אנטוויקלען און האָבן פרידלעך געדרעמלט זייט בא זייט, ווייל דער סאָציאלער קאמף, וואָס האָט געבילדעט דעם פאָן פאר דער דאָזיקער רעוואָליוציע, האָט נאָך דערווייל עקזיסטירט א פארנעפּלטער, עקזיסטירט אין פראזעס און הויכע ווערטער. די יוני־רעוואָליוציע איז א מיעסע רעוואָליוציע, אן אָפּשטויסנדיקע רעוואָליוציע, ווייל דאָ זיינען שוין די פראזעס פארביטן געוואָרן אפּ מייסים, ווייל די רעפּובליק האָט אנטבלויזט דעם קאָפּ פון דער ווילדער כייע, אראָפּרייסנדיק פון איר די קרוין, וואָס האָט זי באשיצט און באדעקט. אָרדענונג! — איז געווען גיזאָס שלאכט־רוף. אָרדענונג! — האָט געשריען דער גיזאָטיסט סעבאסטיאַנ, ווען די רוסן האָבן גענומען ווארשע. אָרדענונג! — שרייט קאוועניאק, די ברוטאַלע עכאָ פון דער פראנצויזישער נאציאָנאלער פארזאמלונג און פון דער רעפּובליקאנישער בורזשואזיע. אָרדענונג! — האָט געדונערט זיין קארטעטש, צערייסנדיק אפּ שטיקער דאָס לייב פונעם פּראָלעטאריאט. קיין איינע פון די פילצאָליקע רעוואָליוציעס פון דער פראנצויזישער בורזשואזיע פון 1789 יאָר אָן איז ניט געווען קיין

אטענטאט אפ דער אָרדענונג, ווייל זיי האָבנ געלאָזנ אומגערירט די קלאסנ־הערשאפט, זיי האָבנ געלאָזנ די שקלאפערײַ פונ די ארבעטער, זיי האָבנ ניט באַרירט די בורזשואזע אָרדענונג, ווי אָפט עס זאָל זיכ ניט ענדערנ די פּאָליטישע פּאָרמ פונ דער דאָזיקער הערשאפט אונ פונ דער דאָזיקער שקלאפערײַ. דער יונ־אופשטאנד האָט געמאכט אנ אַטענטאט אפ אָט דער אָרדענונג! וויי צומ יונ!"
„(נ. ר. צ. 29 יונ 1848 י.)

וויי צומ יונ!—ענטפערט אָפּ די איירָאָפּיישע עכאָ.

די בורזשואזיע האָט געצוווּנגענ דעמ פּאריזשער פּראָלעטאריאט צומ יונ־אופשטאנד. שוינ דערינ אלײנ איז געלעגנ זײַנ פארורטײלטקײַט אפ א דורכפאל. ניט די אומיטלבארע, באגריפענע באדערפעניש האָט געשטויסנ דעמ פּראָלעטאריאט דערצו, אז ער זאָל וועלנ מיט גוואלד אראָפּווארפנ די בורזשואזיע; ער איז נאָכ ניט בעקויעכ געווענ אויסצופילנ אזא אופגאבע. דער „מאָניטער" האָט אימ אָפיציעל געמוזט דערקלערנ, אז עס איז אוועק די צײַט, ווענ די רעפּובליק האָט געהאלטנ פאר נײטיק צו קאָקעטירנ מיט זײַנע אילויזיעס. בלויז די מאפּאָלע זײַנע האָט פאר אימ אנטפּלעקט דעמ עמעס, אז די מינדעסטע פארבעסערונג פונ זײַנ לאגע אינ די ראמענ פונ דער בורזשואזער רעפּובליק פארבלײַבט אנ אוטאָפּיע, אונ אז די דאָזיקע אוטאָפּיע ווערט א פארברעכנ באמ ערשטנ פּרוּוו זי צו פארווירקלעכנ. אָנשטאָט די פאָדערונגענ, וואָס דער פּראָלעטאריאט האָט ארויסגעשטעלט צו דער פעוורואלער רעפּובליק, בריײטקלינגענדיקע לויט זײער פאָרמ, אָבער קלײנלעכע אונ אפילע בורזשואזע לויטנ טאָכ,—אָנשטאָט זיי טרעט דעמלט ארויס דער דרייסטער, רעוואָליוציאָנערער קאמפ־לאָזונג: אראָפּווארפנ די בורזשואזיע! דיקטאטור פונ ארבעטער־קלאס!

פארוואנדלענדיק די קוואָרימ זײַנע אינ א געבורט־אָרט כו: דער בורזשואזער רעפּובליק, האָט זי דער פּראָלעטאריאט גלײכצײַטיק געצווּנגענ ארויסטרעטנ אינ איר רײנער פאָרמ, אלס מעלוכע, וואָס איר אנערקענטער ציל איז צו פארײביקנ די הערשאפט פונעמ קאפּיטאל אונ די שקלאפערײַ פונ דער ארבעט. האָבנדיק שטענדיק פאר די אויג: דעמ מיט ווונדנ־שפּורנ באדעקטנ, אומבעשאָלעמדיקנ, אומבאזיגבארנ סוינע—אומבאזיגבאר דערפאר, ווייל זײַנ עקזיסטענצ איז א באדינג פאר דער בורזשואזיעס אײגענעמ לעבנ,—האָט זיכ די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע, א באפרײַטע פונ אלע קײטנ, אומבאדינגט געמוזט פארוואנדלענ אינעמ טעראָריזמ פונ דער בורזשואזיע. נאָכדעמ, ווי דער פּראָלעטאריאט איז צײַטווײַליק אראָפּ פונ דער

סצענע און עס איז אָפיציעל אנערקענט געוואָרן די דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע, האָבן די מיטעלע שיכטן פון דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אין דער מאַסע געמוזט אַלץ נעענטער צושטיין צום פּראָלעטאַריאַט, אַף אַזויפיל, אַף וויפל זייער לאַגע איז אַלץ ערגער געוואָרן און עס איז שאַרפער געוואָרן דער אַנטאַגאָניזם צווישן זיי און צווישן דער בורזשואַזיע. פונקט ווי פריער האָבן זיי די סיבע פון זייערע צאָרעס געזען אינעם ניצחון פונעם פּראָלעטאַריאַט, האָבן זיי זי איצט געמוזט זען אין זײַן מאַפּלע.

דער יונ־אופשטאַנד האָט אומעטום אַפן קאָנטינענט צוגעגעבן מוט דער בורזשואַזיע און האָט זי באַוועגט אָפן אַריינצוטרעטן אין אַ בונד מיט דער פעאָדאַלער מאָנאַרכיע קעגן דעם פאָלק. ווער־זשע איז געווען דער ערשטער קאָרבן פון אָט דעם בונד? דאָס איז די קאָנטינענטאַלע בורזשואַזיע גופא. די יונ־מאַפּלע האָט איר געשטערט צו פאַרפעסטיקן איר הערשאַפט און צו לאָזן דאָס פאָלק האַלב־באַפרידיקט, האַלב־אַנטוישט אַף דער נידעריקסטער שטופע פון דער בורזשואַזער רעוואָליוציע.

די יונ־מאַפּלע האָט ענדלעך אַנטפּלעקט פאַר די דעספּאָטישע מעלוכעס פון אייראָפּע דעם סאָד, אַז פראַנקרײַך נייטיקט זיך אום יעדן פּרײַז אין אויסערלעכן שאָלעם, כדי צו פירן דעם בירגער־קריג בא זיך אין דער היים. דאָס האָט איבערגעגעבן אין די הענט פון רוסלאַנד, עסטרײַך און פּרײַסן די פעלקער, וועלכע האָבן אָנ־געהויבן אַ קאַמף פאַר זייער נאַציאָנאַלער אומאָפּהענגיקייט, אָבער גלײַכצײַטיק איז דער גורל פון אָט די נאַציאָנאַלע רעוואָליוציעס אָפּהענגיק געוואָרן פונעם גורל פון דער אַרבעטער־רעוואָליוציע; עס איז פאַרשוווּנדן זייער קלוימערשטע זעלבשטענדיקײַט, זייער אומאָפּהענגיקײַט פון דער גרויסער סאָציאַלער איבערקערעניש. ניט דער אונגאַר, ניט דער פּאָליאַק, ניט דער איטאַליענער וועלן ניט זײַן פרײַ, קאָלזמאַן דער אַרבעטער וועט פאַרבלײַבן אַ שקלאַף.

און ענדלעך, דורך די ניצחונעס פונעם „הייליקן בונד" האָט אייראָפּע באַקומען אַזאַ אויסזען, אַז יעטווידער נײַע פּראָלעטאַרישע רעוואָליוציע אין פראַנקרײַך מוז אומפאַרמײַדלעך אַרויסרופן אַ וועלט־מילכאָמע. די נײַע פראַנצויזישע רעוואָליוציע וועט געצוווּנגען זײַן גלײַך צו פאַרלאָזן דעם נאַציאָנאַלן באָדן און צו־דעראָבערן פאַר זיך אַן אייראָפּעיִשע אַרענע, וואָס בלויז אַף איר קאָן דורכ־געפירט ווערן די סאָציאַלע רעוואָליוציע פון XIX יאָרהונדערט.

אַלזאָ, נאָר די יונ־מאַפּלע האָט געשאַפן אַלע באַדינגונגען, בא וועלכע פראַנקרײַך קאָן נעמען אַף זיך די איניציאַטיוו פון אַן

אייראָפּייִשער רעוואָליוציע. נאָר אײַנגעטונקט אינעם בלוט פון די יוניער אינסורגענטן איז די דרײַפארביקע פאָן פארוואנדלט גע־וואָרן אין דער פאָן פון דער אייראָפּייִשער רעוואָליוציע—אין דער רויטער פאָן.

און מיר רופן אויס: די רעוואָליוציע איז טויט!— זאָל לעבן די רעוואָליוציע!

II. פון יונ 1848 ביזנ 13-טנ יונ 1849

(פונעמ צווייטנ העפט)

דער 25־טער פעווראל 1848 האָט געגעבנ פראַנקרײַך די רע־פובליק, דער 25־טער יונ האָט אימ אָנגעבונדנ א רעוואָ־ליוציע. אונ נאָכ יונ האָט א רעוואָליוציע באַטײַט: אנ איבער־קערעניש פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט, בײַט אינ פעווראל האָט דאָס באַטײַט אנ איבערקערעניש פונ דער מעלוכע־פאָרמ.

דעמ יונ־קאמפ האָט אָנגעפירט די רעפובליקאַנישע פראַקציע פונ דער בורזשואזיע; אונ דער ניצאָכנ האָט נאַטירלעכ אָפּגעגעבנ די מאכט אינ אירע הענט. דער באַלאַגערונג־צושטאַנד האָט אוועקגעלייגט צו אירע פיס פאַריזש א געבונדענעמ, אנ אומ־פייִקנ צו געבנ א ווידערשטאַנד, אונ אינ דער פראָווינצ האָט גע־הערשט א מאָראַלישער באַלאַגערונג־צושטאַנד, די ברוטאַלע מעגושעמע כוצפע פונעמ טריִומפירנדיקנ ניצאָכנ פונ דער בורזשואזיע אונ אפ דער פריי ארויסגעלאָזענער אייגנטומ־פאַנאַטיזמ פונ די פויערימ. אַזוי, פונ אונטנ איז ניט געווענ קיינ שומ סאַקאָנע.

צוזאמענ מיט דער רעוואָליוציאָנערער קראַפט פונ די ארבעטער איז צעקלאַפּט געוואָרנ אויכ די פּאָליטישע ווירקונג פונ די דעמאָקראַ־טישע, ד. ה. פ די קלייִנבירגערלעכע רעפובליקאַנער, ווּעמעס פאָרשטייער אינ דער עקזעקוטיוו־קאָמיסיע עס איז געווענ לעדרי־ראָלענ, אינ דער גרינדונג־פאַרזאמלונג—די „בארג“־פּאַרטיי (די מאָנטאַניארנ), אינ דער פרעסע—די „רעפאָרמ“. צוזאמענ מיט די בורזשואזע רעפּובליקאַנער האָבנ זיי דעמ 16־טנ אפּרעל קאָנספּירירט קעגנ דעמ פּראָלעטאַריאַט, צוזאמענ מיט זיי האָבנ זיי געקעמפט קעגנ אימ אינ די יונ־טעג. זיי האָבנ אזויארומ אַלייִנ ארונטערגע־ריסנ דעמ באָדנ, אפ וועלכנ עס האָט זיכ באַזירט די קראַפט פונ זייער פּאַרטיי, ווײַל די קלייִנבורזשואזיע קענ רעוואָליוציאָנער ארויס־טרעטנ קעגנ דער בורזשואזיע נאָר אזוי לאַנג, קאָלזמאַנ זי שטיצט

זיכ אפנ פּראָלעטאַריאַט. זיי האָט מענ מעשאַלייעכ געווענ. די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער האָבנ אָפּנ צעריסנ דעמ פּיקטיוונ בונד, וועלכנ זיי האָבנ געהאַט געשלאָסנ מיט זיי קעגנ זייער ווילנ אונ מיט אַ הינטערגעדאַנק אינ דער עפּאָכע פונ דער צייטווייליקער רעגירונג אונ פונ דער עקזעקוטיוו-קאָמיסיע. מיט פאַראַכטונג אָפּגעשטויסענע אַלס פאַרבינדעטע, האָבנ זיכ די דעמאָקראַטישע רעפּובליקאַנער אַראָפּגעלאָזנ ביז צו דער ראָליע פונ לייבהיטער פונ די דרייפאַרביקע רעפּובליקאַנער; דערביי האָבנ זיי זיכ ניט געקאָנט דערשלאָגנ בא זיי קיינ שומ האַנאָכע, נאָר זיי האָבנ געמוזט פאַרטיידיקנ זייער הערשאַפט יעדעס מאָל, ווענ איר, אונ צוזאַמענ דערמיט אויכ דער רעפּובליק, האָט קלוימערשט גערדראָט אַ געפאַר מיצאַד די אַנטירעפּובליקאַנישע פראַקציעס פונ דער בורזשואַזיע. ענדלעכ, אָט די פראַקציעס, די אָרלעאַניסטנ אונ לעגיטימיסטנ, זיינענ פונ סאַמע אָנהייב אָנ געווענ אינ דער גרינדונג-פאַרזאַמלונג אינ דער מינדערהייט. ביז די יונ-טעג האָבנ זיי זיכ ניט דערוועגט אפילע אַרויסצוטרעטנ אַנדערש, סיידנ אונטער דער מאַסקע פונ בורזשואַזנ רעפּובליקאַניזמ; דער יונ-ניצאָכנ האָט אָפּ אַ ווײַלע פאַראייניקט דאָס גאַנצע בורזשואַזע פראַנקרייכ אַרומ קאַווענ יאַקנ, אינ ווע מענ עס האָט באַגריסט זיינ רעטער; אונ ווענ די אַנטירעפּובליקאַנישע פּאַרטיי איז אינגיכנ נאָכ די יונ-געשעענישנ ווידער אַרויסגעטראָטנ זעלבשטענדיק, האָט איר די מיליטער-דיקטאַטור אונ דער באַלאַגערונג-צושטאַנד אינ פּאַריז דערלויבט בלויז זייער ניטדרייסט אונ פאָרזיכטיק אַרויסצושטרעקנ אירע טאַפּ-פינגער.

פונ 1830 יאָר אָנ האָט זיכ די בורזשואַז-רעפּובליקאַנישע פראַקציע, אינ געשטאַלט פונ אירע שריפטשטעלער, פונ אירע רעדנער, פונ אירע פירער, פונ אירע קאַריערריסטנ, דעפּוטאַטנ, גענעראַלנ, באַנקירנ אונ אַדוואָקאַטנ גרופּירט אַרומ דער פּאַריזשער צייטונג „נאַסיאָנאַל“. אינ דער פּראָווינצ האָט די „נאַסיאָנאַל“ געהאַט אירע פיליאַלע צייטונגענ. די קליקע פונ „נאַסיאָנאַל“ איז געווענ די דינאַסטיע פונ דער דרייפאַרביקער רעפּובליק. זי האָט גלייכ באַהערשט אַלע הויכע מעלוכע-אַמטנ, די מיניסטעריומס, די פּאָליציי-פּרעפעקטור, די פּאָטשט-דירעקציע, די פּרעפעקטנ-שטעלעס, פרייגעוואָרענע העכערע אָפיצערנ-פּאָסטנס אינ דער אַרמיי. בעראָש פונ דער אויספיר-מאַכט איז געשטאַנענ איר גענעראַל קאַווענ יאַק; איר הויפּט-רעדאַקטער מאַראַ איז געוואָרנ דער שטענדיקער פּרעזידענט אינ דער נאַציאָנאַלער גרינדונג-פאַרזאַמלונג. אינ זיינע סאַלאָנענ האָט ער אַלס צערעמאָניע-מייסטער אויסגע-

פֿילט גלײַכצײַטיק אויכ דעמ כויוו פֿונ גאסטפֿרײַנטלעכקײַט אינ נאָמענ פֿונ דער פֿײַנער רעפּובליק.

אפֿילע די רעוואָליוציאָנערע פֿראנצויזישע שרײַבערס האָבנ, אונטער דער ווירקונג פֿונ עפּעס אנ אייגנארטיקנ אָפּשײַ פֿאר דער רעפּובליקאנישער טראדיציע, פֿארפֿעסטיקט די פֿאלשע מיינונג, אז אינ דער נאציאָנאלער גרינדונג־פֿארזאמלונג האָבנ קלוימערשט געהערשט די ראָיאליסטנ. פֿארקערט, פֿונ די יונ־טעג אָנ איז די גרינדונג־פֿארזאמלונג פֿארבליבנ די אויסשליסלעכע פֿאָרשטייערנ פֿונעמ בורזשואזנ רעפּובליקאניזמ אונ וואָס נידעריקער עס איז געפֿאלנ די ווירקונג פֿונ די דרײַפֿארביקע רעפּובליקאנער אויסער דער פֿארזאמלונג, אלצ אנטשלאָסענער האָט די לעצטע ארויסגעשטעלט איר רעפּובליקאניזמ. בעשאס עס האָט זיכ געהאנדלט וועגנ דער רעפּובליקאנישער פֿאָרמ, האָט זי אפּ איר זײַט געהאט די שטימונג פֿונ די דעמאָקראטישע רעפּובליקאנער; אָבער ווענ עס האָט זיכ גערעדט וועגנ דעמ אינהאלט, האָט זיכ די דאָזיקע פֿארזאמלונג אפֿילע לויט אירע רעדעס ניט אונטערשיידט פֿונ די ראָיאליסטישע פֿראקציעס פֿונ דער בורזשואזיע, ווײַל גראָד די אינטערעסנ פֿונ דער בורזשואזיע, די מאטעריעלע באדינגונגענ פֿונ איר קלאסנ־הערשאפֿט אונ קלאסנ־עקספּלואטאציע בילדנ דעמ אינהאלט פֿונ דער בורזשואזער רעפּובליק.

אלזאָ, ניט דער ראָיאליזמ, נאָר דער בורזשואזער רעפּובליקאניזמ האָט זיכ פֿארקערפּערט אינעמ לעבנ אונ טעטיקײַט פֿונ דער דאָזיקער גרינדונג־פֿארזאמלונג, וועלכע איז סאָפּקאָלסאָפּ ניט געשטאָרבנ אונ אויכ ניט געהארגעט געוואָרנ, נאָר פּאָשעט צעפֿוילט געוואָרנ.

אינ מעשעכ פֿונ דער גאנצער הערשאפֿט אירער, אָט די גאנצע צײַט, וואָס זי האָט אפּנ פֿאָדערגרונט געשפּילט די פּאראדנע מעלוכע־פּיעסע, איז אינ הינטערגרונט געגאנגענ א קעסיידערדיקער יאָנטעוו פֿונ שעכטנ די געפֿאנגענע יונ־אינסורגענטנ, וועלכע זײַנענ אָנ אופּהער פֿארמישפּעט געוואָרנ דורכנ קריגס־געריכט אָדער פֿארשיקט געוואָרנ אָנ א שום אורטייל. די גרינדונג־פֿארזאמלונג האָט פֿארמאָגט טאקט זיכ מוידע צו זײַנ, אז אינ די יונ־אינסורגענטנ מישפּעט זי ניט קיינ פֿארברעכער, נאָר זי פֿארניכטעט סאָנים.

די ערשטע ארבעט פֿונ דער נאציאָנאלער גרינדונג־פֿארזאמלונג איז געווענ אוועקצוזעצנ אנ אויספֿאָרשונג־קאָמיסיע וועגנ די געשעענישנ אינ יונ אונ דעמ 15־טנ מײַ, ווי אויכ וועגנ דעמ אָנטייל, וועלכנ עס האָבנ אינ זיי גענומענ די פֿירער פֿונ דער סאָציאליסטישער אונ דעמאָקראטישע פּארטייענ. די אויספֿאָרשונג איז געווענ

דירעקט געווענדט קעגן לוי בלאן, לעדריו־ראָלען און קאָסידיער. די בורזשואַ־רעפּובליקאנער האָבן געבערענט פון אומגעדולד זיך צו באַפרייען פון אָט די קאָנקורענטן. אָפּ אויספירן זייער נעקאָמע האָבן זיי ניט געקענט געפינען קיין פּאַסיקערן סוביעקט, ווען דאָס אָנצונרויען, ווי דעם ה׳ אָדילאָן באראָ, דעם געוועזענעם אָנפירער פון דער דינאַסטישער אָפּאָזיציע, אָט דער פארקערפּערונג פונעם ליבעראַליזם, אָט דער אָנגעבלאָזענער נישטיקייט (nullité grave),—אָט דער פונדאַמענטאַלער אויבערפלעכלעכקייט, וואָס האָט געוואָלט ניט נאָר נעקאָמע נעמען פאר דער דינאַסטיע, נאָר אכוץ דעם אויך צוציען די רעוואָלוציאָנערן צו פאראנטוואָרטלעכקייט פאר דעם פּאָסטן פון מיניסטער־פּרעזידענט, וואָס איז אים פון די הענט ארויסגעפאלן. א זיכערע גאראנטיע פאר זיין אומדערבארעמדיקייט. אָט דער באראָ, אלזאָ, איז באשטימט געוואָרן אלס פּרעזידענט פון דער אויספאָרשונגקאָמיסיע, און ער האָט איינגעאָרדנט א פולשטענדיקן מישפּעט איבער דער פעווראל־רעוואָלוציע, וועלכע איז פאר אים באשטאנען אָט אין וואָס: דעם 17־טן מארט—א מאניפעסטאציע, דעם 16־טן אפּרעל—א פארשווערונג, דעם 15 טן מיי—אן אטענטאט, דעם 23־טן יוני—דער בירגערקריג! פארוואָס האָט ער זיינע וויסנשאפטלעכע און קרימינאליסטישע אויספאָרשונגען ניט דערפירט ביזן 24־טן פעווראל? דער „זשורנאל דע דעבא" («Journal des Débats») האָט געגעבן אן ענטפער דערויף: דער 24־טער פעווראל—דאָס איז די גרינדונג פון רוים. די אנטשטייונג פון מעלוכעס ווערט פארלאָרן צווישן לעגענדעס, וועלכע מע מוז גלייבן, קעגן וועלכע מע טאָר ניט דיסקוטירן. לוי בלאן און קאָסידיער זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום געריכט. די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט פארענדיקט די ארבעט פון איר זעלבסטריייניקונג, וואָס זי האָט אָנגעהויבן דעם 15־טן מיי.

דעם פּלאן פון באשטייערן דעם קאפּיטאל אין דער פאָרם פון א היפּאָטעקן־שטייער, וואָס די צייטווייליקע רעגירונג האָט אים אָנגעמערקט און גודשאָ האָט אים דערנאָך פאָרגענומען, האָט די גרינדונגפארזאמלונג אָפּגעוואָרפן; דער געזעץ, וואָס באגרענעצט דעם ארבעטטאָג מיט צען שאָ, איז אָפּגעשאפט געוואָרן; דאָס איינזעצן פאר כויוועס איז צוריק איינגעפירט געוואָרן; די אנאלפאבעטן, וועלכע בילדן א באדייטנדיקן טייל פון דער פראנצויזישער באפעלקערונג, זיינען באזייטיקט געוואָרן פונעם צעטל געשוואָרענע ריכטער. פארוואָס־זשע זאָל מען שוין ניט צונעמען בא זיי אויך דאָס וואלרעכט? ווידער איז איינגעפירט דאָס ארייינטראָגן קויציע (גאראנטיע־געלט) פאר צייטונגען; דאָס רעכט פון פאריייניקונגען איז באגרענעצט געוואָרן.

אינ זייער אײַלעניש אומצוקערנ צוריק די אלטע בורזשואזע פארהעלטענישנ, זייערע אלטע גאראנטיעס אונ פארניכטנ אלע שפורנ, וואָס די רעוואָליוציאָנערע כוואליעס האָבנ איבערגעלאָזנ, האָבנ זיכ אָבער די בורזשואזע רעפובליקאנער אָנגעשטויסנ אפ א ווידערשטאנד, וועלכער האָט זיי געדראָט מיט אנ אומגעריכטער סאקאָנע.

אינ די יונ־טעג האָט קיינער אזוי פאנאטיש ניט געקעמפט פאר דער רעטונג פונעם אייגנטום אונ פאר דער צוריק־אופשטעלונג פונ קרעדיט, ווי די פאריזשער קליינבירגער, — די באלעבאטים פונ די קאפע־הייזער, רעסטאָראנענ, די שענקער, קליינהענדלער, קרעמער, באלמעלאָכעס א. א. וו. דאָס קלייטל איז אופגערודערט געוואָרנ אונ האָט זיכ א לאָז געטאָנ קעגנ די באריקאדעס, קעדיי צוריק אופצושטעלנ די באוועגונג אפ די גאסנ, וואָס פירט פונ גאס אינ קלייטל ארײַנ. אָבער הינטער דער באריקאדע זײַנענ געשטאנענ דעם קרעמערס קונדנ אונ באלעכויועס, אונ פאר איר — זיינע קרעדיטאָרנ. אונ ווענ די באריקאדעס זײַנענ צעשטערט געוואָרנ אונ די ארבעטער זײַנענ צעקלאפט געוואָרנ, ווענ די קרעמערלעכ האָבנ זיכ, פארשיקערטע פונ ניצאָכנ, א לאָז געטאָנ צוריק צו זייערע קלייטלעכ, האָבנ זיי דערזענ, אז דעם ארײַנגאנג אהינ האָט פארבאריקאדירט א רעטער פונ אייגנטום, אנ אָפיציעלער אגענט פונ קרעדיט, וועלכער האָט זיי באגעגנט מיט דראָענדיקע פאָדערונגענ: דער טערמינ פונעם וועקסל איז אריבער! ס'איז אריבער דער טערמינ פונ צאָלנ דירע־געלט! ס'איז אריבער דער טערמינ פונ קרעדיט! פארפאלנ דאָס קלייטל! פארפאלנ דער קרעמער!

ראטעווענ דאָס אייגנטום! אָבער דאָס הויז, אינ וועלכנ זיי האָבנ געוווינט, איז ניט געווענ זייערס קיינ אייגנטום; דאָס בײַדל, אינ וועלכנ זיי האָבנ געהאנדלט, איז ניט געווענ זייערס קיינ אייגנטום; די סכוירעס, וועלכע זיי האָבנ פארקויפט, זײַנענ ניט געווענ זייערס קיינ אייגנטום. ניט זייער געשעפט, ניט דער טעלער, פונ וועלכנ זיי האָבנ געגעסנ, ניט דאָס בעט, אפ וועלכנ זיי זײַנענ געשלאָפנ, האָט שוינ צו זיי ניט געהערט. קעגנ זיי אליינ האָט מענ געדארפט ראטעווענ אָט דאָס אייגנטום, ראטעווענ עס פארנ הויזבאזיצער, וועלכער האָט זיי פארדונגענ זײַנ הויז, פארנ באנקיר, וועלכער האָט דיסקאָנטירט זייערע וועקסלענ, פארנ קאפיטאליסט, וועלכער האָט זיי געליענ מעזומענ געלט, פארנ פאבריקאנט, וועלכער האָט פארטרויט די קרעמער זײַנ סכוירע צום פארקויפנ, פארנ אנגראָ־סויכער, וואָס האָט געגעבנ די באלמעלאָכעס אפ קרעדיט רוי־מאטעריאלנ. צוריק־אופשטעלונג פונ קרעדיט! אָבער אז דער קרעדיט האָט זיכ צוריק פארפעסטיקט, האָט ער זיכ ארויסגעוויזנ

פאר א לעבעדיקן, אייפערדיקן גאָט, — דעם ניט צאָלפייִקן באַלכויוו האָט ער ארויסגעטריבן פונ זײַנע װענט, ארויסגעטריבן אים מיט װײַב אונ קינדער, זײַנ קלוימערשט פארמעגנ האָט ער אָפּגעגעבן דעם קאפיטאל, אונ אים אליינ ארײַנגעװאָרפנ אינ די כויוועס־טורמעס, װעלכע האָבן זיך װידער גרויזאמ אופגעהויבנ איבער די טויטע קערפּערס פונ די יוניער אינסורגענטנ.

די קליינבירגער האָבן מיט שרעק פארשטאנענ, אז דערמיט, װאָס זיי האָבן צעקלאפּט די ארבעטער, האָבן זיי זיך אליינ פּאראטנ אונ איבערגעגעבן זיך אָנ שום װידערשטאנד אינ די הענט פונ זייערע קרעדיטאָרנ. דער באנקראָט זייערער, װאָס האָט זיך כראָניש געצויגנ פונ סאמע פעווראל אונ װעלכנ די קרעדיטאָרנ האָבן ביז אהער קלוי־מערשט איגנאָרירט, איז נאָך יונ דערקלערט געװאָרנ אָפּנ.

זייער נאָמינעל אייגנטומ האָט מענ צורו געלאָזנ אזוי לאנג, קאָלזמאנ עס איז נייטיק געװענ צו טרײַבנ זיי צומ קאמפ אינ נאָמענ פונעמ אייגנטומ. איצט, נאָכדעם, װי דער גרויסער איניענ מיטנ פּראָלעטאריאט איז שוינ רעגולירט געװאָרנ, האָט מענ זיך געקאָנט א נעמ טאָנ רעגולירנ די קליינע כעזשבוינעס מיט די קרעמער. אינ פּאריזש האָט די מאסע װעקסלענ מיט אויסגעגאנגענע טערמינענ בא־טראָפנ העכער 21 מיליאָנ פראנק, אינ דער פּראָװינצ — העכער 11 מיליאָנ. די באלעבאטימ פונ העכער 7000 האנדל־אנשטאלטנ אינ פּאריזש האָבן ניט געהאט אײַנגעצאָלט קיינ דירע־געלט פונ פעווראל אָנ.

אונ אז די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט באשטימט אנ אויספּאָר־שונג װעגנ די פּאָליטישע שולדנ, אָנגעהויבנ פונ פעווראל אָנ, האָט די קליינבורזשואזיע, פונ איר זײַט, איצט געפאָדערט אנ אויספּאָר־שונג װעגנ די בירגערלעכע שולדנ ביז צומ 24 פעווראל. די קליינ־בירגער האָבן זיך צונויפגעקליבנ אינ א גרויסער צאָל אינ זאל פונ דער בערזע אונ מיט דראָונגענ ארויסגעשטעלט זייערע פאָדערונגענ: יעדער סויכער, װאָס קאָנ דערװײַזנ, אז ער איז געװאָרנ באנקראָט נאָר צוליב דעמ שטילשטאנד אינ די געשעפטנ, װאָס איז ארויסגע־רופנ געװאָרנ דורכ דער רעװאָלוציע, אונ אז ביזנ 24־טנ פעווראל איז דער מאצעװ פונ זײַנע געשעפטנ געװענ א גוטער, — װערט זײַנ כויװ דורכנ האנדל־געריכט פּראָלאָנגירט, אונ דער קרעדיטער איז מעכ־כויעװ צו ליקװידירנ זײַנ כויװ פאר א מעסיקנ פּראָצענט. די דאָזיקע פראגע איז באטראכט געװאָרנ אינ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג אינ דער פאָרמ פונ א געזעצפּראָיעקט װעגנ די אזויגערופענע concordats à l'amiable (פרײַנטלעכע אויסגלײַכנ). די פארזאמלונג האָט זיך געװאקלט; פּלוצלינג דערװיסט זי זיך, אז בא די טויערנ סענ־דעני

גרייטנ גלײַכצײַטיק טויזנטער ווײַבער אונ קינדער פונ די אינסורגענטנ א פעטיציע וועגנ אמניסטיע.

אינ דער אָנווענזנהײַט פונעמ צוריק־אופגעשטאנענעמ יונ־געשפענסט זײַנענ די קלײנבירגער פארצאפלט געוואָרנ, אונ די פארזאמלונג איז ווידער געוואָרנ אָנראכמאָנעסדיק. די פרײַנטלעכע אויסגלײַכנ צווישנ קרעדיטער אונ באלכויוו זײַנענ אָפּגעוואָרפנ געוואָרנ אינ די וויכטיקס־טע פונקטנ.

די רעפובליקאנישע פאָרשטייער פונ דער בורזשואזיע אינ דער נאציאָ־נאלער פארזאמלונג האָבנ שוינ לאנג פונ זיכ אָפּגעשטויסנ די דעמאָ־קראטישע פאָרשטייער פונעמ קלײנבירגערטומ. איצט האָט די דאָזיקע פארלאמענטארישע שפאלטונג באקומענ איר בורזשואזנ, רעאל־עקאָנאָ־מישנ זינ: די קלײנבירגער — די באלכויוועס, זײַנענ איבערגעגעבנ גע־וואָרנ אפנ ווילקיר פונ די בורזשוא — די קרעדיטאָרנ. א גרויסער טייל פונ די דאָזיקע באלכויוועס איז אינגאנצנ רויִנירט געוואָרנ, די איבע־ריקע איז דערלויבט געוואָרנ צו פירנ זייערע געשעפטנ בא אזוינע באדינגונגענ, וועלכע האָבנ זיי געמאכט פאר עמעסע לײַבאייגענע פונעמ קאפיטאל. דעמ 22 אווגוסט 1848 יאָר האָט די נאציאָנאלע פארזאמ־לונג אָפּגעוואָרפנ די concordats à l'amiable , דעמ 19־טנ סענטיאבער 1848 יאָר, בעשאס דעמ באלאגערונג־צושטאנד, זײַנענ אלס פאָרשטייער פונ פאריזש אויסגעקליבנ געוואָרנ: דער פרינצ לוי־באָנאפארט אונ דער ווענסענער געפאנגענער, דער קאָמוניסט ראספײַל. די בורזשואזיע האָט אָבער אויסגעקליבנ דעמ יידישנ וועקסלער אונ אָרלעאניסט — פולד. פונ אלע זײַטנ איז, אלזאָ, מיטאמאָל דערקלערט געוואָרנ אנ אָפענער קריג קעגנ דער נאציאָנאלער גרינדונג־פארזאמלונג, קעגנ דעמ בורזשו־אזנ רעפובליקאניזמ, קעגנ קאווענ'יאקנ.

עס איז זעלבסטפארשטענדלעכ, אז די מאסנ באנקראָטנ פונעמ פאריזשער קלײנבירגערטומ האָבנ געמוזט פארשפרייטנ זייער ווירקונג ווײַט אריבער די גרענעצנ פונ די אומיטלבאר געליטענע אונ ווײַ־טער אופטרייסלענ דעמ בורזשואזנ פארקער, אינ דער צײַט, ווענ די הויצאָעס אפנ יונ־אופשטאנד האָבנ נאָכ מער פארגרעסערט דעמ מע־לוכע־דעפיציט, אונ די מעלוכע־האכנאָסעס זײַנענ קעסיידער געפאלנ אדאנק דעמ שטילשטאנד אינ דער פראָדוקציע, דער פארקלענערונג פונעמ געברויכ אונ פונעמ אימפאָרט. קאווענ'יאק אונ די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָבנ ניט געקאָנט געפינענ קיינ אנדער אויסוועג אכוצ א נײַער האלוואָע, וועלכע האָט זיי נאָכ פעסטער ארײַנגעפרעסט אינעמ פרעס פונ דער פינאנצ־אריסטאָקראטיע.

אויב די קלײנ בורזשואזיע האָט פונעמ יונ־ניצאָכנ געווונענ נאָר

באנקראָטנ אונ אאוקציאָנענ, האָט די מאָבילע גווארדיע, קאוועניאקס „יאניטשארנ״, באקומענ איר באלוינונג אינ די ווייכע אָרעמס פונ די לארעטנס אונ אינ די באגריסונגענ, מיט וועלכע מע האָט באשאָטנ די „יונגע רעטער פונ דער געזעלשאפט״ אינ די סאלאָנענ בא מארא, אָט דעמ אדלמאנ פונ דער דרײַפארביקער פאָנ, וועלכער האָט גלײַכצייטיק געשפּילט די ראָליע פונ אנ אמפיטריאָנ אונ טרובאדור פונ דער „פײַנער״ רעפּובליק. אָט דאָס בכּוירע־רעכט, וואָס איז געגעבנ געוואָרנ די מאָבילנ מיצאד דער געזעלשאפט, ווי אויכ זייער אומגעווײנלעכ הויכער געהאלט, האָט ארויסגערופנ א געפיל פונ פארביטערונג בא דער ארמיי; גלײַכצײַטיק זײַנענ פארשווּנדנ געוואָרנ אלע נאציאָנאלע איליוזיעס, מיט וועלכע דער בורזשואזער רעפּובליקאניזמ, אינ געשטאלט פונעמ „נאסיאָנאל״, האָט באוויזנ צוצובינדנ צו זיכ אינ לוי־פיליפּס צײַטנ א טייל פונ דער ארמיי אונ פונעמ פויערטומ. די פארמיטלונג־ראָליע, וועלכע קאוועניאק אונ די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָבנ געשפּילט אינ צאָפנ־איטאליע, ווענ זי האָט זיכ, צוזאמענ מיט ענגלאנד, איבערגעגעבנ אינ די הענט פונ עסטרײַכ — אָט דער אייינציקער טאָג פונ הערשאפט — האָט צונישט געמאכט די רעזולטאטנ פונ דער 18־יאָריקער אָפּאָזיציע פונעמ „נאסיאָנאל״. קיינ איינ רעגירונג איז ניט געווענ אזוי ווייניק נאציאָנאל, ווי די רעגירונג פונ „נאסיאָנאל״, קיינע איז נאָכ ניט געווענ אזוי אָפּהענגיק פונ ענגלאנד, — אונ דאָס איז אינ דער צײַט, ווענ בעשאס לוי־פיליפּס הערשאפט האָט „נאסיאָנאל״ געלעבט פונ איבערכאזערנ טאָג־איינ טאָג־אויס קאטאָנס Carthaginem esse delendam,* קיינ איינ רעגירונג האָט זיכ ניט אזוי טיפ דערנידעריקט פארנ הייליקנ בונד, אינ דער צײַט, ווענ פונ אוועלכנ־ניט־איז גיזאָ האָט דער „נאסיאָנאל״ געפאָדערט צו צערײַסנ די ווינער טראקטאטנ. די איראָניע פונ דער געשיכטע האָט געמאכט באסטידנ, דעמ עקס־רעדאקטער פונ דער אויסלענדישער אָפּטיילונג אינ „נאסיאָנאל״, פארנ אויסערנ־מיניסטער פונ פראנקרייכ, קעדיי ער זאָל יעדנ איינציקנ פונ זײַנע ארטיקלענ אָפּלייקענענ מיט יעטווידער דעפּעשע זײַנער.

איינ אויגנבליק האָבנ די ארמיי אונ דאָס פויערטומ געגלויבט, אז די מיליטער־דיקטאטור וועט אוועקשטעלנ אפנ טאָג־סיידער אנ אויסערלעכע מילכאָמע אונ gloire.** אָבער קאוועניאק איז געווענ ניט קיינ דיקטאטור פונעמ שווערד איבער דער בורזשואזער געזעל־

* — קארטאגאָ מוז צעשטערט ווערנ. איבערז.

** — רומ. איבערז.

שאפט, נאָר די דיקטאטור פונ דער בורזשואזיע מיט דער הילפ פונעמ שווערד. אונ זיי האָבנ געדארפט האָבנ דעמ סאָלדאט נאָר אינ דער ראָליע פונ א זשאנדארמ. אונטער דער שטרענגער מאסקע פונ אלט־רעפובליקאנישער באשיידנקייַט האָט קאווענייאק באהאלטנ די געמיינע האכנאָע פאר די דערנידערנדיקע באדינגונגענ פונ זייַנ בורזשואזנ אמט. L'argent n'a pas de maître! — געלט האָט קיינ באלעבאָס ניט! קאווענייאק, ווי בכלל די גרינדונג־פארזאמלונג, האָבנ אידעאליזירט אָט דעמ אלטנ דעוויז פונעמ דריטנ שטאנד, פארטייַטשנדיק אימ אפ דער שפראכ פונ פאָליטיק מיט די ווערטער: די בורזשואזיע האָט ניט קיינ קיניג, איר עמעסע הערשאפט־פאָרמ איז די רעפובליק.

אויסארבעטנ אָט די פאָרמ, צוגרייטנ א רעפובליקאנישע קאָנסטיטוציע — דערינ איז באשטאנענ די גרויסע „אָרגאנישע ארבעט" פונ דער נאציאָנאלער גרינדונג־פארזאמלונג. אויב מע זאָל דעמ קריסטלעכנ קאלענדאר איבערשמאדנ אפ א רעפובליקאנישנ, דעמ הייליקנ בארטאָלאמייוס אפנ הייליקנ ראָבעספיער, וועט עס ענדערנ דעמ וועטער ניט מער, ווי די דאָזיקע קאָנסטיטוציע האָט געענדערט אָדער געדארפט ענדערנ די בורזשואזע געזעלשאפט. זי האָט בלויז פארביטנ די אלטע שילדנ אפ נייַע, אונ דאָרט, ווו זי האָט זיכ דערמיט ניט באגרענעצט, האָט זי בלויז פארפראָטאָקאָלירט שוינ עקזיסטירנדיקע פאקטנ. אזוי האָט זי פייַערלעכ פארעגיסטרירט דעמ פאקט פונ אייַנשטעלנ די רעפובליק, דעמ פאקט פונ אלגעמיינעמ וואל־רעכט, דעמ פאקט פונ אנ איינציקער סוווערענער נאציאָנאלער פארזאמלונג אָנשטאָט צוויי באגרענעצטע קאָנסטיטוציאָנעלע פאלאטעס. אזוי האָט זי רעגיסטרירט אונ רעגולירט דעמ פאקט פונ קאווענייאקס דיקטאטור, פארבייַטנדיק דאָס אומבאוועגלעכע, אומפאראנטוואָרטלעכע, בעירושע־איבערגייענדיקע קיניגטומ אפ א באוועגלעכער, פאראנטוואָרטלעכער אונ געוויילטער קיניגלעכער מאכט, אפ דער פיר־יאָריקער פרעזידענטשאפט. אזוי האָט זי ניט פארמיטנ אופצוהייבנ ביז צו דער מאדרייגע פונ א גרונט־געזעצ די אויסעראָרדנטלעכע מאכט מיט וועלכער די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט נאָכ די שרעקנ פונ 15 מייַ אונ 25 יונ פארזאָרגט איר פאָרזיצער אינ די אינטערעסנ פונ איר אייגענער זיכערקייַט. אלדאָס איבעריקע אינ דער קאָנסטיטוציע איז געווענ א זאכ פונ טערמינאָלאָגיע. פונעמ מעכאניזמ פונ דער אלטער מאָנארכיע זיינענ אראָפגעריסנ געוואָרנ די אלטע ראָיאליסטישע עטיקעטקעס, אונ אפ זייער אָרט זייַנענ צוגעקלעפט געוואָרנ רעפובליקאנישע מארא, דער געוועזענער הויפט־רעדאקטער פונ „נאסיאָנאל" אונ איצט

הויפּט־רעדאַקטער פון דער קאָנסטיטוציע, האָט ניט קײן טאַלאַנט אָפּגעפּאַטערט די דאָזיקע אַקאַדעמישע אויפגאַבע.

די גרינדונג־פאַרזאַמלונג איז געגליכן געווען צו יענעם טשיליער באַאַמטן, וואָס האָט זיך געקליבן מעסטן די ערד אויף צו פאַנאַנדער־גרענעצן דאָס ערד־אייגנטום גראָד אין דעם זעלביקן אויגנבליק, ווען אַן אונטערערדישער דונער האָט אָנגעזאָגט, אַז עס הייבט זיך אָן אַ וווּלקאַן־אויסברוך, וועלכער האָט געדאַרפט אַרויסרײַסן פון אונטער זײַנע פיס אָט די זעלביקע ערד. אין דער צײַט, ווען זי האָט אין דער טעאָריע אויסגעצירקלט די פאָרמעס, אין וועלכע די הערשאַפט פון דער בורזשואַזיע דאַרף באַקומען איר רעפּובליקאַנישן אויסדרוק, האָט זי זיך אין דער עמעסן געהאַלטן בלויז דערויף, וואָס זי האָט אָפּגעלייקנט אַלע פאָרמולעס, אויף דער הוילער קראַפט sans phrase,* מיט דער הילף פון באַלאַגערונג־צושטאַנד. צוויי טעג פאַר דעם, איידער עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס אויסאַרבעטן די קאָנסטיטוציע, האָט זי פאַרלענגערט דעם טערמין פון באַלאַגערונג־צושטאַנד. פריער פלעגן קאָנסטיטוציעס צוזאַמענגעשטעלט און אָנגענומען ווערן, ווען דער פּראָצעס פון דער געזעלשאַפטלעכער איבערקערעניש פלעגט קומען צו אַ רו־פּונקט, ווען די נײַע געשאַפענע קלאַסן־פאַרהעלטע־נישן פלעגן זיך פאַרפעסטיקן און די קעמפנדיקע פראַקציעס פונעם הערשנדיקן קלאַס פלעגן אָנווענדן אַ קאָמפּראָמיס, וועלכער פלעגט זיי געבן די מעגלעכקײַט ווײַטער צו פירן דעם קאַמף צווישן זיך און צוזאַמען דערמיט אויסצושליסן פון אים די פאַרמאַטערטע פאָלק־מאַסע. די דאָזיקע קאָנסטיטוציע האָט אָבער ניט סאַנקציאָנירט קײן שום געזעלשאַפטלעכע רעוואָליוציע — פאַרקערט, זי האָט סאַנקציאָנירט דעם צײַטווײַליקן ניצחון פון דער אַלטער געזעלשאַפט איבער דער רעוואָליוציע.

אינעם ערשטן פּראָיעקט פון דער קאָנסטיטוציע, וואָס איז צו־נויפגעשטעלט געוואָרן נאָך פאַר די יוני־טעג, ווערט נאָך דערמאָנט דאָס רעכט אויף אַרבעט („droit au travail“) — אָט די ערשטע אומבאַ־האָלפענע פאָרמולע, אין וועלכער עס האָבן זיך אויסגעדריקט די רע־וואָליוציאָנערע פאָדערונגען פונעם פּראָלעטאַריאַט. איצט איז עס פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין droit à l'assistance — רעכט אויף געזעלשאַפט־לעכער אונטערשטיצונג — אָבער וואָס פאַר אַ מאָדערנע מלוכה דער־נערט עס ניט אין דער אָדער אין יענער פאָרם אירע אָרעמע־לײַט? דאָס רעכט אויף אַרבעט איז אינעם בורזשואַזנס זינען פון וואָרט אַן

---

* — אָן פראַזעס. איבערז.

אומזינ, א נעבעכדיקער פרומער ווונטש. הינטער דעם רעכט אפ אר־בעט שטייט די מאכט איבערנ קאפיטאל, הינטער דער מאכט איבערנ קאפיטאל שטייט דאס עקספראפריִרנ די פראדוציר־מיטלענ, אונטערוואַרפנ זיי דעם אסאציִרטנ ארבעטער־קלאס — דאס הייסט, אלזא, פארניכטנ די לוינארבעט אונ דעם קאפיטאל אונ זייערע קעגנזייטיקע פארהעלטענישנ. הינטער דעם „רעכט אפ ארבעט" איז געשטאנענ דער יונ־אופשטאנד. די גרינדונג־פארזאמלונג, וועלכע האט פאקטיש אוועקגעשטעלט דעם רעוואָליוציאָנערנ פראלעטאריאט hors la lois — אויסערנ געזעצ — האט פרינציפיעל געמוזט ארויסוואַרפנ זײַנ פאר־מול פונ דער קאנסטיטוציע, פונ אט דעם געזעצ פונ געזעצנ, אונ ארײַנוואַרפנ אינ כיירעם דאס „רעכט אפ ארבעט". דערמיט האט זי זיכ אבער ניט באנוגנט. פונקט ווי פלאטא האט פונ זײַנ רעפובליק פארטריבנ די פאעטנ, אזוי האט זי אפ אייביקע צײַטנ פאר־טריבנ פונ איר רעפובליק דעם פראגרעסיוונ שטײַער. אונ דער פראגרעסיווער שטײַער איז ניט נאר א בורזשואז מיטל, וואס קאנ אינ א גרעסערנ אדער אינ א קלענערנ מאסשטאב דורכגעפירט ווערנ אינ די ראמענ פונ די עקזיסטירנדיקע בורזשואזע פארהעלטע־נישנ — ער איז געווענ דאס איינציקע מיטל צוצובינדנ די מיטעלע שיכטנ פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט צו דער „פײַנער" רעפוב־ליק, צו פארקלענערנ דעם מעלוכע־כויוו אונ צו געבנ א ווידער־שטאנד דער אנטירעפובליקאנישער מערהײַט פונ דער בורזשואזיע.

מיטנ אפוואַרפנ די concordats à l'amiable האבנ די דרײַפאר־ביקע רעפובליקאנער מאקריוו געווענ דאס קליינבירגערטום לטויוועס דער גרויס־בורזשואזיע. אט דעם איינצלנעם פאקט האבנ זיי פאר־וואנדלט אינ א פרינציפ, דורכפירנדיק אינ א געזעצגעבערישער פארמ דאס פארווערנ דעם פראגרעסיוונ שטײַער. די בורזשואזע רעפארם האבנ זיי אוועקגעשטעלט אפ איינ ברעט מיט דער ארבעטער־רעוואָ־ליוציע. וואס־זשע פאר א געזעלשאפטלעכער קלאס איז נאכ דעם געבליבנ דער אנהאלט פאר זייער רעפובליק? די גרויס־בורזשואזיע. אבער איר מאסע איז געווענ אנטירעפובליקאניש. אויב זי האט זיכ באנוצט מיט די רעפובליקאנער פונ „נאסיאנאל" קעדיי צוריק צו פארפעסטיקנ די אלטע עקאנאמישע לעבנ־פארהעלטענישנ, האט זי זיכ פונ דער אנדערער זײַט געקליבנ אויסצונוצנ די פארפעסטיקונג פונ די אלטע געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישנ, קעדיי צוריק אופ־שטעלנ די פאליטישע פארמענ, וועלכע אנטשפרעכנ זיי. שוינ אינ אנהייב אקטיאבער האט קאווענִיאק דערזענ, אז ער איז געצוווּנגענ צו באשטימענ פאר מיניסטארנ פונ דער רעפובליק דיופאר אונ ווי־

וויען, לוי־פיליפס געוועזענע מיניסטאָרן, ניט קוקנדיק אפ דעם גאנצן ראש און טומל מיצאד די קליינקעפּדיקע פוריטאנער פון זייַן אייגענער פארטיי.

אָפּוואַרפנדיק יעטווידער קאָמפּראָמיס מיט דער קליינבורזשואזיע און ניט זייענדיק אימשטאנד צוצובינדן צו דער רעפּובליק קיין שום נייַע געזעלשאפטלעכע עלעמענטן, האָט זיך די דרייַפּארביקע קאָנסטיטוציע דערפאר געייַלט אומצוקערן די טראדיציאָנעלע אומבארירלעכקייַט פון א קאָרפּאָראציע, וועלכע איז געוועזן די פארביסנסטע און פאנאטישסטע פארטיידיקערן פון דער אלטער אָרדענונג. זי האָט אריינגעפירט אלס א גרונט־געזעצ אין דער קאָנסטיטוציע די אומאראָפּזעצבארקייַט פון די ריכטער, אפ וואָס די צייטווייליקע רעגירונג האָט זיך פארמאָסטן. דער איינצלנער קיניג, וועלכן זי האָט אראָפּגעוואָרפן, איז אופגעשטאנען פיל מאָל טכיאסאמייסים אין אָט די באשטענדיקע אינקוויזיטאָרן פון דער געזעצלעכקייַט.

די פראנצויזישע פרעסע האָט אָנגעוויזן אפ א סאך ווידערשפּרוכן אין העד מאראס קאָנסטיטוציע, ווי לעמאָשל, אפ דער גלייַכצייַטיקער עקזיסטענץ פון צוויי סוווערענען — פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג און דעם פּרעזידענט א. א. וו. א. א. וו.

אָבער דער הויפּט־ווידערשפּרוך אין דער דאָזיקער קאָנסטיטוציע באשטייט אָט אין וואָס: דורך דעם אלגעמיינעם וואל־רעכט גיט זי איבער די פּאָליטישע מאכט אין די הענט פון די זעלביקע קלאסן, — וועמעס געזעלשאפטלעכע שקלאפערייַ זי האָט געזאָלט פארייביקן, — אין די הענט פונעם פּראָלעטאריאט, פונעם פּויערטום און פון דער קליין־בורזשואזיע, און בא דעם קלאס, וועמעס אלטע מאכט זי סאנקציאָנירט — בא דער בורזשואזיע — נעמט זי אָפּ די פּאָליטישע גאראנטיעס פון דער דאָזיקער מאכט. די פּאָליטישע הערשאפט פון דער בורזשואזיע איז דורך איר אריינגעקוועטשט געוואָרן אין דעמאָקראטישע באדינגונגען, וועלכע העלפן מיט יעדן אויגנבליק צום ניצאָכן פון די קעגנער פון דער בורזשואזיע און שטעלן אין געפאר די גרונט־יעסוידעס פון דער בורזשואזער אָרדענונג גופע. פון איינע פאָדערט זי, אז זיי זאָלן פון דער פּאָליטישער באפרייַונג ניט גיין פאָרויס צו דער סאָציאלער, און פון די אנדערע, — אז זיי זאָלן פון דער סאָציאלער רעסטאווראציע ניט גיין צוריק צו דער פּאָליטישער.

די בורזשואזע רעפּובליקאנער האָבן די דאָזיקע ווידערשפּרוכן קנאפּ וואָס געקימערט. אפ אזויפיל, אפ וויפל זיי האָבן אופגעהערט צו זייַן נייטיק, — און נייטיק זייַנען זיי געווען בלויז ווי אן אוואנגארד פון דער אלטער געזעלשאפט קעגן דעם רעוואָלוציאָנערן פּראָ־

לעטאריאט,—זיינען זיי אינ עטלעכע וואכן ארום נאך זייער זיג גע־פאלן פון דער לאגע פון א פארטיי ביז צום מאצעוו פון א קליקע. די קאנסטיטוציע איז געווען פאר זיי א גרויסע אינטריגע. זי האט געדארפט פריער פון אלץ פארפעסטיקן די הערשאפט פון זייער קליקע. פרעזידענט האט געזאלט ווערן דער זעלביקער קאווענייאק. די געזעצגעבערישע פארזאמלונג האט געזאלט ווערן די פארזעצונג פון דער גרינדונג־פארזאמלונג. די פאליטישע מאכט פון די פאלק־מאסן האבן זיי געהאפט צו דערפירן ביז א פיקציע, זיי האבן אפילע אויס־גערעכנט, אז זיי וועלן לייכט קאנען שפילן מיט איר, קעדיי שטענ־דיק האלטן אינ שרעק די בורזשואזע מערהייט, אוועקשטעלנדיק פאר איר די דילעמע פון די יונ־טעג: די הערשאפט פון „נא־סיאנאל" אדער די הערשאפט פון אנארכיע.

די קאנסטיטוציע־ארבעט, וואס איז אנגעהויבן געווארן דעם 4־טן סענטיאבער, איז פארענדיקט געווארן דעם 23־טן אקטיאבער. דעם 2־טן סענטיאבער האט די קאנסטיטואנטע * באשלאסן זיך ניט פאנאנדער־צולאזן אזוי לאנג, ביז עס וועלן ניט ארויסגעגעבן ווערן די ארגאנישע גע־זעצן, וועלכע דערגאנצן די קאנסטיטוציע. דאך האט זי באשלאסן ארויסצורופן צום לעבן איר אייגן קינד, דעם פרעזידענט, שוין פונעם 10־טן דעקאבער, א סאך פריער פאר דעם, איידער איר אייגענער לעבנ־וועג האט זיך פארענדיקט. אזוי זיכער איז זי געווען דערינ, אז אינ אט דעמ האמונקולוס פון דער קאנסטיטוציע וועט זי קאנען באגריסן א זון פון זיין מוטער. פון פארזיכטיקייט וועגן איז בא־שלאסן געווארן, אז אויב קיינ איינער פון די קאנדידאטן וועט ניט באקומען קיינ צוויי מיליאן שטימען, גייט דאס רעכט פון וויילן אריבער פון דער נאציע צו דער קאנסטיטואנטע.

אומזיסטע זארג! דער ערשטער טאג פון פארווירקלעכן די קאנ־סטיטוציע איז געווען דער לעצטער טאג פאר דער הערשאפט פון דער קאנסטיטואנטע. אינ דער טיפעניש פון דער וואל־אורנע איז געלעגן איר טויט־אורטייל. זי האט געזוכט דעם „זון פון זיין מוטער" און האט געפונען דעם „פלימעניק פון זיין פעטער". ** שאול — קא־וועניאק האט באקומען איינ מיליאן שטימען און דאוויד—נאפאלעאן—זעקס מיליאן. זעקס מאל איז געשלאגן געווארן שאול—קאווענייאק.***

* — די גרינדונג־פארזאמלונג. איבערז.

** לוי נאפאלעאן, וואס איז אויסגעקליבן געווארן פאר א פרעזידענט, איז געווען נאפאל אן דעם ערשטנס א פלימעניק. איבערז.

*** דערמאנט די ביבלישע לעגענדע וועגן שאולן און דאווידן. איבערז.

דער 10־טער דעקאבער 1848 יאָר איז געווענ דער טאָג פונעמ פויערימ־אופשטאנד. ערשט פונ דעמ טאָג הייבט זיכ אָנ דער פעוראל פאר די פראנצויזישע פויערימ. דער דאָזיקער סימבאָל, וועלכער האָט אויסגעדריקט זייער ארײַנטריט אינ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג,—אומבאהאָלפנ געגארעריש, שווינדלעריש־נאיוו, טאמעוואטע־מאיעסטעטיש, אָט דער אויסגערעכנטער אבערגלויבנ, אָט דער פאטעטישער פארס, געניאל־נארישער אנאכראָניזמ, אָט דער מיעסער שפאס פונ דער וועלט־געשיכטע, דער אומפארשטענדלעכער היעראָגליפ* פארנ ציווילירטנ מויעכ,—אָט דער דאָזיקער סימבאָל האָט געטראָגנ א בליסאָפעקדיקנ שטעמפל פונ דעמ קלאס, וועלכער איז דער פאָרשטייער פונעמ בארבאריזמ אינ דער ציוויליזאציע. צו אימ איז די רעפובליק געקומענ אינ דער פערזאָנ פונעמ שטײַערנ־זאמלער, ער איז דערשינענ פאר דער רעפובליק אינ דער פערזאָנ פונעמ קייסער. נאפאָלעאָנ איז געווענ דער איינציקער מענטש, אינ וועלכנ עס האָבנ געפונענ זייער אויסדרוק די אינטערעסנ און די פאנטאזיע פונעמ אינ 1789 יאָר נײַ־אויסגעבילדעטנ פויערישנ קלאס. אָנשרײַבנדיק זײַנ נאָמענ אפנ פראָנטאָנ פונ דער רעפובליק, האָט דאָס פויערטומ דערמיט אליינ דערקלערט א מילכאָמע די אויסלענדישע מעלוכעס און א קאמפ פאר זײַנע קלאסנ־אינטערעסנ אינעווייניק אינ לאנד. נאפאָלעאָנ איז פאר די פויערימ געווענ ניט קיינ פערזענלעכקײַט, נאָר א פראָגראמ. מיט פאָנעס, מיט מוזיק זײַנענ זיי געגאנגענ צו די וואלאורנעס, אויסרופנדיק: „Plus d'impôts, à bas lbes riches, à bas la république, vive e'Empereur! — קיינע שטײַערנ מער, אראָפ די רײַכע, אראָפ די רעפובליק, זאל לעבנ דער קייסער! הינטערנ קייסערס פלייצע איז באהאלטנ געווענ דער פויערימ־קריג. די רעפובליק, וועלכע זיי האָבנ אפ די וואלנ דורכגעוואָרפנ, איז געווענ די רעפובליק פונ די רײַכע.

דער 10־טער דעקאבער איז געווענ דער טאָג פונ דעמ פויערשנ coup d'état, וואָס האָט אראָפגעוואָרפנ די עקזיסטירנדיקע רעגירונג. פונ דעמ טאָג אָנ, זינט די פויערימ האָבנ צוגענומענ בא פראנקרײַכ איינ רעגירונג און געגעבנ איר א צווייטע, זײַנענ זייערע בליקנ קעסיידער געווענדט געווענ אפ פאריזש. איינ אויגנבליק זײַנענ זיי געווענ אקטיווע העלדנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער דראמע, און נאָכדעמ האָט מענ זיי שוינ ניט געקאָנט מער צוריק אָפשטופנ צו דער פאסיווער ווילנלאָזער ראָליע פונ א כאָר.

* היעראָגליפנ—אוראלטע מיזרעכישע שריפטצייכנס. איבערז.

די איבעריקע קלאסנ האָבנ מיטגעהאָלפנ צו פארפולקומענ דעמ וואל־ניצאָכנ פונעמ פויערטומ. דער פראָלעטאריאט האָט אינעמ אויסוויילנ נאפאָלעאָנעג געזענ פריער פאר אלצ דאָס אראָפּזעצנ קאַוועניאקנ, דאָס אראָפּוואַרפנ די קאָנסטיטואַנטע, דאָס באזייַטיקנ דעמ בורזשואַזנ רעפּובּליקאניזמ — פאר אימ האָט עס געהייסנ קאסירנ דעמ יונ־ניצאָכנ. פאר דער קליינ־בורזשואזיע האָט נאפּאָלעאָנ באטייַט די הערשאפט פונ די באלכויוועס איבער די קרעדיטאָרנ. פאר דער מערהייַט פונ דער גרויס־בורזשואזיע האָט דאָס אויסוויילנ נאפּאָלעאָנען באטייַט אנ אָפענעמ איינרייַס מיט דער פראקציע, מיט וועלכער זי האָט זיכ א געוויסע צייט געמוזט באנוצנ ווי מיט א געווער קעגנ דער רעוואָליוציע, וועלכע איז איר אָבער געוואָרנ אומדערטרעגלעכ, פונ זינט זי האָט באשאַפנ צו פארפעסטיקנ איר צייַטווייַליקע לאגע דורכ דער קאָנסטיטוציע. נאפּאָלעאָנ אָנשטאָט קאַוועניאקנ — דאָס האָט פאר דער מערהייַט גרויס־בורזשואזיע באטייַט: א מאָנארכיע אָנשטאָט א רעפּובליק, אנ אָנהייב פונ דער ראָיאליסטישער רעסטאווראציע, א פּאכדאָנישער ווונק אינ דער זייַט פונעמ הערצאָג פונ אָרלעאנ, אפ דער ליליע, וואָס איז באהאלטנ צווישנ פייַלכנס.* די ארמיי, ענדלעכ, האָט, אויסקלייַבנדיק נאפּאָלעאָנען, געשטימט קעגנ דער מאָבילער גוואַרדיע, קעגנ דער אידיליע פונ שאָלעמ, פאר א מילכאָמע.

אפ אזא אויפנ האָט דער סאמע טאמעוואטער מענטש אינ פראנקרייַכ, ווי עס האָט געזאָגט די „נייַע ריינישע צייַטונג״, באקומענ די אלזייַטיקסטע באדייַטונג.** טאקע דערפאר, ווייַל ער איז געווענ א גאָרנישט, האָט ער געקאָנט באטייַטנ אלצ, — נאָר ניט זיכ אליינ. אונ דאָכ, כאָטש נאפּאָלעאָנס נאָמענ האָט געהאט א פארשיידענעמ זינענ אינעמ מויל בא פארשיידענע קלאסנ, האָבנ זיי אלע צוזאמענ מיט דעמ נאָמענ אפ זייער וואלצעטל אופגעשריבנ: אראָפּ די פארטיי פונ „נאסיאָנאל״, אראָפּ קאווועניאקנ, אראָפּ די קאָנסטיטואנטע, אראָפּ די בורזשואזע רעפּובליק! דער מיניסטער דיופּאָר האָט עס אָפּנ דערקלערט אינ דער גרינדונג־פארזאמלונג: דער 10־טער דעקאבער — דאָס איז א צווייטער 24־טער פעווראל.

דאָס קליינבירגערטומ אונ דער פּראָלעטאריאט האָבנ געשטימט

* די ליליע — דאָס איז דער הערב פונ די בורבאָנענ, — די פראנצויזישע קיניגלעכע דינאסטיע. איבערז.

** אינ אָריגינאל — א ווערטער־שפּיל: einfältig (טאמעוואטע) אונ vielfältig (אלזייַטיקער). איבערז.

„אַן־בלאָק" פאַר נאַפּאָלעאָנען, קעדיי צו שטימען קעגן קאַוועניאַקן און דורך קאָנצענטרירן אַלע שטימען אויף איין קאַנדידאַט ניט לאָזן פאַר דער קאָנסטיטואַנטע דעם לעצטן אַנטשיידנדיקן באַשלוס. דאָך, דער פּראָגרעסיווסטער טייל פון די ביידע קלאַסן האָט אַרויסגעשטעלט זייערע אייגענע קאַנדידאַטן. נאַפּאָלעאָן איז געווען דער קאָלעקטיווער נאָמען פאַר אַלע פּאַרטייען, וואָס האָבן זיך פאַראייניקט קעגן דער בורזשואַזער רעפּובליק; לעדריו־ראָלען און ראַספּײַל זײַנען געווען אייגננעמען: איינער איז געווען דער נאָמען פונעם דעמאָקראַטישן קליינבירגערטום, דער צווייטער — דער נאָמען פון רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. די שטימען פאַר ראַספּײַלן — די אַרבעטער און זייערע סאָציאַליסטישע פירערס האָבן עס אָפן דערקלערט — האָבן געדאַרפט זײַן בלויז אַ דעמאָנסטראַציע, אַ מאַסן־פּראָטעסט קעגן יעטווידער פּרעזידענטערײַ בכלל, ד. ה. קעגן דער קאָנסטיטוציע גופא; צוזאַמען דערמיט האָבן די אַרבעטער, שטימענדיק פאַר ראַספּײַלן, געשטימט קעגן לעדריו־ראָלען; דאָס איז געווען דער ערשטער אַקט, אין וועלכן עס האָט זיך אויסגעדריקט די אָפּשפּאַלטונג פונעם פּראָלעטאַריאַט, אַלס זעלבשטענדיקע פּאָליטישע פּאַרטיי, פון דער דעמאָקראַטישער פּאַרטיי. פאַרקערט, אָט די פּאַרטיי, — דאָס דעמאָקראַטישע קליינבירגערטום און זײַן פאָרשטייערן אין פּאַרלאַמענט — די באַרג (Montagne) — האָבן זיך צו לעדריו־ראָלענס קאַנדידאַטור באַצויגן מיט דער גאַנצער ערנסטקײַט, מיט וועלכער זי איז געוווינט געווען זיך אַליין פּײַערלעך אָפּצונאַרן. דאָס איז, אַגעוו, געווען איר לעצטער פּרוּוו אַרויסצוטרעטן זעלבשטענדיק באַגלײַך מיטן פּראָלעטאַריאַט. ניט נאָר די פּאַרטיי פון דער רעפּובליקאַנישער בורזשואַזיע, נאָר אויך דאָס דעמאָקראַטישע קליינבירגערטום מיט זײַן באַרג זײַנען צעקלאַפּט געוואָרן דעם 10־טן דעקאַבער.

פראַנקרײַך האָט איצט, באַגלײַך מיט אַ באַרג, געהאַט אַ נאַפּאָלעאָן — אַ באַווײַז, אַז סײַ די ערשטע, סײַ דער אַנדערער זײַנען געווען בלויז לעבנלאָזע קאַריקאַטורן אויף די גרויסע אָריגינאַלן, וועמעס נעמען זיי האָבן געטראָגן. לוי נאַפּאָלעאָן מיט זיין קייסער־הוט און מיטן אָדלער איז געווען פּונקט אַזאַ נעבעכדיקע פּאַראָדיע אויפן אַלטן נאַפּאָלעאָנען, ווי די באַרג מיט אירע דעמאַגאָגישע פּאָזעס און מיט די פראַזעס, וואָס זי האָט געבאָרגט באַם 1793 יאָר, איז געווען אַ פּאַראָדיע אויף דער אַלטער „באַרג"־פּאַרטיי. אַזוי־אַרום איז גלײַכצײַטיק געמאַכט געוואָרן אַ סאָף צו דעם טראַדיציאָנעלן אָבערגלויבן אין 1793־טן יאָר, פּונקט ווי צום טראַדיציאָנעלן אָבערגלויבן אין נאַפּאָלעאָנען. די רעוואָלוציע איז געוואָרן באַ זיך זעלבשטענדיק ערשט דאַן,

ווען זי האָט באקומען איר אייגענעם, אָריגינעלן נאָמען, און דאָס איז מעגלעך געוואָרן ערשט דאַן, ווען אפּן פּאָדערגרונט איז איז הערשנד ארויסגעטראָטן דער מאָדערנער רעוואָלוציאָנערער קלאַס, דער אינדוסטריעלער פּראָלעטאריאַט. מע קאָן זאָגן, אז דער 10־טער דעקאַבער איז געווען א סיורפּריז פאַר דער בארג און האָט זי אין־גאנצן צעטומלט שוין דערפאַר אליין, וואָס אין דעם טאָג האָט דער גראָבער פויערשער שפּאַס מיט א געלעכטער ארונטערגעוואָרפן די קלאַ־סישע אנאלאָגיע מיט דער אלטער רעוואָלוציע.

דעם 20־טן דעקאַבער איז קאַוועניאַק אוועק פון זיין אמט, און די גרינדונג־פארזאמלונג האָט פּראָקלאַמירט לוי־נאפּאָלעאָנען פארן פּרעזידענט פון דער רעפּובליק. דעם 19־טן דעקאַבער, אינעם לעצטן טאָג פון איר זעלבסטהערשונג, האָט זי אָפּגעוואָרפן זעם פּאָרשלאָג וועגן אמניסטיע פאַר די יוניער אינסורגענטן. צוריקנעמען דעם דעק־רעט פון 27 יוני, דורך וועלכן זי האָט אָן א געריכט־אורטייל פאַר־מישפּעט צום פארשיקן 15.000 אינסורגענטן,—וואָלט עס דען ניט באַ־טייט אנולירן די יוני־שלאכט גופא?

אָדילאָן באַראָ—לוי־פיליפּס לעצטער מיניסטער—איז געווען לוי־נאפּאָלעאָנס ערשטער מיניסטער. לוי נאפּאָלעאָן האָט דעם אָנהייב פון זיין מאכט גערעכנט ניט פון 10־טן דעקאַבער, נאָר פונעם סענאַט־באשלוס פון 1806 יאָר, און ער האָט פאַר זיך געפונען א פּאַסיקן ערשטן מיניסטער: יענער האָט אויך גערעכנט דעם אָנהייב פון זיין מיניסטעריום ניט פונעם 20 דעקאַבער, נאָר פונעם קיניגלעכן דעק־רעט פון 24 פעברואַל. אלס לוי־פיליפּס געזעצלעכער יורשע האָט לוי נאפּאָלעאָן וויכער געמאכט די רעגירונג־אומענדערונג, איבערלאָזנ־דיק דאָס אלטע מיניסטעריום, וואָס האָט נאָך דערצו קיין צייט ניט געהאט אָפּצונוצן זיך, ווייל עס האָט קיין צייט ניט געהאט ארייננ־צוטרעטן אין לעבן.

צו דעם אויסוואַל האָבן אים צוגערעדט די פירער פון די ראָיאַ־ליסטישע פראקציעס פון דער בורזשואזיע. דער ראָש פון דער אַל־טער דינאַסטישער אָפּאָזיציע — באַראָ, וואָס האָט אומבאַוווסטזיניק געדינט אלס איבערגאנג צו די רעפּובליקאנער פון „נאַסיאָנאַל", איז נאָך מער צוגעפּאַסט געווען מיטן פולן באוווסטזיין צו דינען אלס איבערגאנג פון דער בורזשואזער רעפּובליק צו דער מאָנארכיע.

אָדילאָן באַראָ איז געווען דער פירער פון דער איינציקער אלטער אָפּאָזיציאָנעלער פּאַרטיי, וועלכע האָט, שטרעבנדיק די גאנצע צייט, אָבער אָן דערפאָלג, צו מיניסטערישע פּאָרטפעלן, נאָך ניט באוויזן זיך ענדגילטיק צו קאָמפּראָמעטירן. אין דעם שנעלן לויף

פון די געשעענישן האָט די רעוואָליוציע אופגעהויבן אפן שפּיץ פון דער מעלוכע איינע נאָך דער אנדערער אלע אלטע אָפּאָזיציאָנעלע פּארטייען, קעדיי זיי זאָלן ניט נאָר אין טאט, נאָר אויך אפן וואָרט זיך אליין אָפּזאָגן פון זייערע אלטע פראזעס און זאָלן כאָפּקאָלסאָפּ ארייַנגעוואָרפן ווערן דורכן פאָלק, אלע צוזאמען, ווי א געדיכטע עקלהאפטע קאשע, אין דער שינדערגרוב פון דער געשיכטע. בארא — אָט די פארקערפערונג פונעם בורזשואזן ליבעראליזם, וואָס האָט אכצן יאָר נאָכאנאנד באהאלטן זייַן אינערלעכע נידערטרעכטיקייט און פּוסט־קייַט אונטער דער אויסערלעכער גאדלעס, האָט ניט אויסגעמיטן קיין איין סטאדיע פון רענעגאטישקייַט. אויב מאָמענטנווייַז האָט אים אליין שוין אָפּגעשראָקן דער צו שטארקער קאָנטראסט צווישן די דערנער פון דער קעגנווארט מיט די לאָרבער־בלעטער פון דער פארגאנגענ־הייַט, האָט ער געדארפט בלויז א קוק טאָן אין שפּיגל אריין, קעדיי צוריק צו באקומען זייַן מיניסטאָרישע זעלבסטבאהערשונג און מענטש־לעכע זעלבסטבאוואונדערונג. פונעם שפּיגל האָט אים אנטקעגן ארויס־געשטראלט די פיזיאָנאָמיע פון גיזאָ — גיזאָ, וועמען ער האָט שטענדיק מעקאנע געווען, וועלכער איז זיך שטענדיק באגאנגען מיט אים, ווי מיט א לערן־ייִנגל, גיזאָ אליין, נאָר מיט אָדיליאָנס אָלימפּישן שטערן. איין זאך נאָר האָט ער אפּ זיך ניט באמערקט — די אויערן פון מידאסן. *

בארא פונעם 24 פעברואר האָט זיך ערשט ארויסבאוויזן דעם 20 דעקאבער. צו אים, אן אָרלעאניסט און וואָלטעריאנער, איז צוגע־קומען אלס גלויבנ־מיניסטער דער לעגיטימיסט און יעזויט פאלו.

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז דאָס מיניסטעריום פאר אינער־לעכע איניאָנים איבערגעגעבן געוואָרן דעם מאלטוזיאנער לעאָן פאָשע. דאָס רעכט, די רעליגיע, די פּאָליטישע עקאָנאָמיע! דאָס אלץ איז שוין געווען אין באראָס מיניסטעריום, און אכוץ דעם האָט עס פאר־רייניקט די לעגיטימיסטן מיט די אָרלעאניסטן. עס האָט נאָר גע־פעלט א באָנאפּארטיסט. באָנאפּארט האָט נאָך געהאלטן פאר ניט באקוועם צו עפנטלעך זייַנע קאָרטן. ער האָט נאָך ניט געשפּילט די ראָליע פון א נאפּאָלעאָן, פונקט ווי סולוק האָט נאָך ניט געשפּילט די ראָליע פון Toussaint l'Ouverture.**

---

* מידאס — א מיטאָלאָגישע פיגור; לויט אן אלט־גריכישער לעגענדע, זייַנען בא אים אויסגעוואקסן אייזלשע אויערן. איבערז.

** דער נעגער סולוק, וואָס איז אין 1847 יאָר אויסגעקליבן געוואָרן אלס פּרע־זידענט פון דער רעפּובליק האיטי, האָט זיך אין 1850 יאָר דערקלערט פאר א „קייסער בערושע". איבערז.

די פארטיי פון „נאַציאָנאַל" איז גלייך באַזייטיקט געוואָרן פון אַלע הויכע פּאָסטנס, אַפ וועלכע זי האָט באַוויזן זיך צו פאַרקלייבן. די פּאָליציי־פּרעפעקטור, די פּאָטשט־דירעקציע, די שטעלע פון א גע־נעראַל־פּראָקוראָר, די פּאַריזשער מעריע — אַלץ האָבן באַקומען די אַלטע קרעאטורן פון דער מאָנארכיע. דער לעגיטימיסט שאַנגאַרניע איז געוואָרן דער אַלגעמיינער הויפּט־קאָמאַנדיר פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע פון סענער דעפּאַרטאַמענט, פון דער מאָבילער גוואַרדיע און פונעם רעגולערן מיליטער פון דער ערשטער אַרמייִשער דיוויזיע. דער אָרלעאַניסט ביזשאָ איז באַשטימט געוואָרן פאַרן הויפּט־קאָ־מאַנדיר פון דער אַלפּן־אַרמיי. דער דאָזיקער אומבייט פון באַאַמטע האָט געדויערט אָן איבעררייס די גאַנצע צייט פון באַראָס רעגירן. דער ערשטער אַקט פון זיין מיניסטעריום איז געווען די רעסטאַוו־רירונג פון דער אַלטער ראָיאַליסטישער אַדמיניסטראַציע. אין איין אויגנבליק האָט די גאַנצע אָפיציעלע סצענע באַקומען אַן אַנדער אויסזען, — די קוליסן, די קאָסטיומען, די שפּראַך, די אַקטיאָרן, פיגוראַנטן, סטאַטיסטן, סופליאָרן, די פּאָזיציעס פון די פאַרטייען, די מאָטיוון פון דער דראַמע, דער אינהאַלט פון דער שפּיל, די גאַנצע סיטואַציע. בלויז די גרינדונג־פאַרזאַמלונג, וואָס איז געווען נאָך פאַר דער וועלט־באַשאַפונג, איז נאָך אַלץ געבליבן אַפ איר אָרט. אָבער פון דעם מאָמענט אָן, פון זינט די גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָט אַרופּ־געזעצט אַפ זיין פּאָסטן באָנאַפּאַרטן, באָנאַפּאַרט — באַראָן, און באַראָ — שאַנגאַרניען, איז פראַנקרייך פונעם פּעריאָד פון רעפּובלי־קאַנישער קאָנסטיטויִרונג אַריבער צום פּעריאָד פון א קאָנסטיטויִרטער רעפּובליק. און צו וואָס האָט מען עס געדאַרפט האָבן א קאָנסטי־טויִרנדע פאַרזאַמלונג אין א שוין קאָנסטיטויִרטער רעפּובליק? ווען די ערד איז באַשאַפן געוואָרן, איז פאַר איר שפּעטער ניט געבליבן קיין אַנדער זאַך, ווי אַריבערקלייבן זיך אַפן הימל. די גרינדונג־פאַרזאַמלונג האָט פעסט באַשלאָסן אים ניט נאָכצוטאָן; די נאַציאָ־נאַלע פאַרזאַמלונג איז געווען דער לעצטער מאָקעם־מיקלעט פאַר די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער. מע האָט בא איר צוגענומען די אָר־גאַנען פון דער אויספיר־מאַכט. אָבער צי איז דען אין אירע הענט ניט פאַרבליבן די גרינדונג־אַלמעכטיקייט? דער ערשטער געדאַנק פון דער פאַרזאַמלונג איז געווען אום וואָס פאַר א פּרייז עס זאָל ניט זיין איינצוהאַלטן איר סוווערענעם פּאָסטן און מיט זיין הילף צוריק דערוואָרבן די פאַרלאָרענע פּאָזיציעס. מע דאַרף נאָר אַראָפּ־וואַרפן באַראָס מיניסטעריום און פאַרבייטן אים אַפ א מיניסטעריום פון „נאַציאָנאַל", און די ראָיאַליסטישע באַאַמטע וועלן דעמלט גלייך

מוזן פארלאָזן די אדמיניסטראטיווע געביידעס און דער זיגרייכער דרייפארביקער פערסאָנאל וועט זיך צוריק מיט טריומף אריינקלייבן אהין. די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט באשלאָסן אראָפּצווארפן דאָס מיניסטעריום, און דאָס מיניסטעריום האָט איר אליין געגעבן אזא געלעגנהייט פאר אן אָנגריף, וואָס באקוועמער פון איר וואָלט די קאָנסטיטואנטע אליין ניט געקענט צוטראכטן.

לאָמיר זיך דערמאָנען, וואָס עס האָט באטייט דער נאָמען לוי־באָ־נאפּארט פאר די פּויערים: אראָפּ די שטייערן! זעקס טעג איז ער געזעסן אפן פּרעזידענטן־שטול, און אפן זיבעטן טאָג, דעם 27 דעצעמבער, האָט זיין מיניסטעריום פּאָרגעלייגט צוריק אופצושטעלן דעם **זאלץ־שטייער**, וואָס איז אָפּגעשאפט געוואָרן דורך א דעקרעט פון דער צייטווייליקער רעגירונג. דער זאלץ־שטייער צוזאמען מיטן ווייַן־שטייער פארמאָגט די פּריווילעגיע צו זיין דער „סאָיִר־לאזאָל״ פון דער אלטער פראנצויזישער פינאנץ־סיסטעם, באזונדערס אין די אויגן פון דער דאָרפישער באפעלקערונג. דעם פּויערשן אויסדער־ווילטן האָט באראָט מיניסטעריום ניט געקאָנט אונטערזאָגן קיין בייסיקערע עפּיגראם אף זיינע ווילערס, ווי די ווערטער: **די צוריק־אופשטעלונג פונעם זאלץ־שטייער!** מיטן זאלץ־שטייער האָט באָנאפּארט פארלאָרן זיין רעוואָליוציאָנערע זאלץ,—דער נאפּאָלעאָן פונעם פּויערים־אופשטאנד איז צערונען געוואָרן, ווי א נעפּל־בילד. עס איז געבליבן בלויז א גרויסער אומבאקאנטער אין דער אינטריגע פון דער ראָיאליסטישער בורזשואזיע. און ניט אָן א מיין האָט באראָט מיניסטעריום געמאכט אָט דעם אומטאקטישן אקט פון גראָבער אנטוישונג פארן פּרעזידענטס ערשטן רעגירונג־אקט.

פון איר זייט האָט זיך די קאָנסטיטואנטע מיט פרייד אָנגעכאפּט פאר דער דאָפּלטער געלעגנהייט — אראָפּצווארפן דאָס מיניסטעריום און ארויסצוטרעטן קעגן דעם פּויערשן אויסדערווילטן אין דער ראָליע פון א פארטיידיקערן פון די פּויערשע אינטערעסן. זי האָט אָפּגעוואָרפן דעם פינאנץ־מיניסטערס פּאָרשלאג, האָט פארקלענערט דעם זאלץ־שטייער ביז צו איין דריטל פון זיין פריערדיקער גרייס, האָט פארגרעסערט אף אזא אויפן דעם מעלוכע־דעפיציט פון 560 מיליאָן אף נאָך 60 מיליאָן און האָט נאָך דעם וואָטום־פון־אומצוטרוי רויִק געווארט אף דער דעמיסיע פונעם מיניסטעריום. אזוי ווייניק האָט זי פארשטאנען די נייע וועלט, וואָס רינגלט זי איצט ארום, און איר אייגענע געענדערטע לאגע! הינטערן מיניסטעריום איז געשטאנען דער פּרעזידענט, און הינטערן פּרעזידענט זיינען געשטאנען 6 מיליאָן וויילערס, וואָס יעדערער פון זיי האָט אין דער וואל־אורנע

אריינגעלייגט א וואָטום פונ אומצוטרוי צו דער קאָנסטיטואַנטע. די קאָנסטיטואַנטע אונ די נאציע האָבנ איינער מיטנ אנדערנ זיכ אויסגעטוישט מיט א וואָטום פונ אומצוטרוי. א לעכערלעכער אויסטויש! די קאָנסטיטואַנטע האָט פארגעסנ, אז אירע וואָטומס האָבנ פארלאָרנ זייער צוואנג־קורס. מיטנ אָפּווארפנ דעמ זאלצ־שטייער האָט זי בלויז פארפעסטיקט דעמ באשלוס פונ באָנאַפּארטנ אונ פונ זיינ מיניסטעריום „א סאָפ צו מאכנ“ מיט איר. עס האָט זיכ אָנגעהויבנ אָט דער לאנגער דועל צווישנ באָנאַפּארטנ מיט דער קאָנסטיטואַנטע, וועלכער פארפולט די גאנצע לעצטע העלפט פונ איר עקזיסטענצ. דער 29־טער יאנוואר, דער 31־טער מארט, דער 3־טער מיי זיינענ געווענ די גרויסע טעג (journées) פונ אָט דעמ קריזיס, די פאָרגייער פונעמ 13־טנ יונ.

די פראנצויזנ, לעמאָשל, לוי בלאנ, האָבנ באנומענ דעמ 29־טנ יאנוואר, ווי א דערשיינונג פונ קאָנסטיטוציאָנעלנ ווידערשפרוכ, א ווידערשפרוכ צווישנ א סוווערענער נאציאָנאלער פארזאמלונג, וואָס קאָנ ניט פאנאנדערגעלאָזנ ווערנ, וואָס איז געבוירנ געוואָרנ פונעמ אלגעמיינעמ שטימ־רעכט, פונ איינ זייט, אונ א פרעזידענט, פונ דער אנדערער זייט, וועלכער איז אפנ פאפיר פאראנטוואָרטלעכ פאר דער פארזאמלונג, אונ אינדערעמעסנ איז ער, פונקט ווי די פארזאמלונג, סאנקציאָנירט דורכנ אלגעמיינעמ שטימרעכט אונ דערצו נאָכ פארייניקט ער אינ זיכ אליינ די אלע שטימענ, וועלכע זיינענ צעטיילט אונ הונדערטער מאָל צעשפליטערט צווישנ די איינצלנע מיטגלידער פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג; אכוצ דעמ, האָט דער פרעזידענט אינ זיינע הענט פארמאָגט די פולע אויספיר־מאכט, איבער וועלכער די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט געשוועבט בלויז אלס מאָראלישע קראפט. אזא מינ אויסטייטשונג פונעמ 29־טנ יאנוואר מישט צונויפ די שפראכ פונ קאמפ אפ דער טריבונע, דורכ דער פרעסע, אינ די קלובנ מיטנווירקלעכנ אינהאלט פונעמ קאמפ. לוי באָנאַפּארט אונ די גרינדונג־פארזאמלונג זיינענ קלאל ניט געווענ איינ קאָנסטיטוציאָנעלע קראפט קעגנ דער אנדערער, איר אויספיר־מאכט אונ געזעצגעבערישע מאכט. באָנאַפּארט — דאָס איז געווענ די קאָנסטיטוירטע בורזשואזע רעפובליק זעלבסט, וואָס איז ארויסגעטראָטנ קעגנ דעמ געצייג פונ איר קאָנסטיטוירונג, קעגנ די ערנגייציקע אינטריגעס אונ אידעאָלאָגישע פאָדערונגענ פונ דער רעוואָליוציאָנערער פראקציע פונ דער בורזשואזיע, וועלכע האָט געגרינדעט די רעפובליק, אונ האָט איצט צו איר פארוווּנדערונג דערזעג, אז די רעפובליק זעט אויס ווי א רעסטאווירטע מאָנארכיע אונ זי האָט געוואָלט מיט געוואלט איינהיטנ דעמ קאָנסטיטויר־פעריאָד, מיט זיינע ספעציעלע באדינגונגענ, מיט זיינע אילוזיעס, מיט זיינ שפראכ

און מיט זייַנע מענטשן און ניט דערלאָזן די שוין רייַף געוואָרענע בורזשואזע רעפּובליק אַרויסצוטרעטן אין איר פולשטענדיקער און אין איר אייגנטימלעכער געשטאַלט. פּונקט ווי די קאָנסטיטויִרנדע נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט איצט פאַרטראָטן קאַוועניאַקן, וועלכער איז צוריק אַרייַנגעפאַלן אין איר באַשטאַנד, אַזוי האָט באָנאַפּאַרט אין זיין פּערזאָן פאַרקערפּערט די נאָך פון אים ניט אָפּגעטיילטע געזעצגעבע־רישע נאַציאָנאַלע־פאַרזאַמלונג, ד. ה. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון דער שוין קאָנסטיטויִרטער בורזשואזער רעפּובליק.

דאָס אויסוויילן באָנאַפּארטן האָט געקאָנט באַקומען אַן אויסטייַ־טשונג נאָר ווען מע זאָל אָנשטאָט דעם איינעם נאָמען זיינעם אוועקשטעלן זיין פיל־דייטיקן זינען, ערשט ווען דאָס וועט זיך איבער־כאַזערן אין די וואַלן פון דער נייַער גרינדונג־פאַרזאַמלונג. דעם מאַנדאַט פון דער אַלטער פאַרזאַמלונג האָט דער 10־טער דעקאַבער קאַסירט. אַזוי איז אויפן האָבן זיך דעם 29־טן יאַנוואַר צו־זאַמענגעשטויסן ניט דער פּרעזידענט און די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמ־לונג פון איין און דער זעלבער רעפּובליק, נאָר פון איין זייט די נאַ־ציאָנאַלע פאַרזאַמלונג פון דער אַנטשטייענדיקער רעפּובליק, און פון דער צווייטער — דער פּרעזידענט פון דער שוין פאַרווירקלעכטער רעפּובליק, צוויי מאַכטן, וועלכע האָבן פאַרקערפּערט צוויי גאַנץ פאַר־שיידענע פּעריאָדן אינעם לעבן־פּראָצעס פון דער רעפּובליק. אין איין לאַגער איז געשטאַנען די קליינע רעפּובליקאַנישע פראַקציע פון דער בורזשואַזיע, וואָס נאָר זי אַליין האָט געקאָנט פּראָקלאַמירן די רעפּובליק, מיט דער הילף פון גאַסן־קאַמף און טעראָר אַרויסרייסן זי פון די הענט באַם פּראָלעטאַריאַט און צוגעבן דער קאָנסטיטוציע די גרונט־שטריכן פון איר אידעאָלאָגיע; אינעם צווייטן — די גאַנצע ראָ־יאַליסטישע מאַסע פון דער בורזשואַזיע, וואָס נאָר זי אַליין האָט געקאָנט הערשן אין דער קאָנסטיטויִרטער בורזשואַזער רעפּובליק, אַראָפּוואַרפן פון דער קאָנסטיטוציע איר אידעאָלאָגישן אָנצוג און פאַרווירקלעכן די באַדינגונגען, וואָס זיינען נייטיק צו האַלטן אונ־טערטעניק דעם פּראָלעטאַריאַט מיט דער הילף פון דער געזעצגעבונג און פון איר אַדמיניסטראַציע.

דער שטורעם, וואָס האָט אויסגעבראָכן דעם 29־טן יאַנוואַר, איז צוגעגרייט געוואָרן אין משך פון גאַנצן כוידעש יאַנוואַר. די קאָנסטיטואַנטע האָט געמיינט, אַז וואָטירנדיק אומצוטרוי באַראָט מי־ניסטעריום וועט זי אים צווינגען אָנצוגעבן אין דעמיסיע. אָלס ענט־פער דערויף האָט אָבער באַראָט מיניסטעריום פאָרגעלייגט דער קאָנ־סטיטואַנטע, זי זאָל זיך אַליין אויסדריקן ענדגילטיקן אומצוטרוי; באַשליסן

איר אייגענעם זעלבסטמאָרד, זיך אליין פאנאנדערלאָזן. לויטן באפעל פונעם מיניסטעריום, האָט ראטאָ, איינער פון די סאמע אומ־באוווסטע דעפּוטאטן פון דער קאָנסטיטואנטע, אריינגעטראָגן דעם 6־טן יאנוואר דעם דאָזיקן פאָרשלאג דער קאָנסטיטואנטע, וועלכע האָט שוין אין אווגוסט באשטימט זיך ניט פאנאנדערצולאָזן, ביזוואנען זי וועט ניט ארויסגעבן א גאנצע ריי אָרגאנישע געזעצן, וואָס זאָלן דערגאנצן די קאָנסטיטוציע. פוּלד, אן אָנהענגער פונעם מיניסטעריום, האָט איר פּאָשעט דערקלערט, אז פאנאנדערלאָזן זי איז נייטיק, „קע־די אופצושטעלן דעם צעשטערטן קרעדיט”. און טאקע בעעמעס, האָט זי דען ניט ארונטערגעריסן דעם קרעדיט, פארציִען־דיק די צייטווייליקע סיטואציע און שטעלנדיק אונטער א פראגע באָנאפּארטן דורך באראָ און דורך באָנאפּארטן די קאָנסטיטוירטע רעפּובליק? דער אָלימפּישער באראָ האָט זיך פארוואנדלט אין א וואנזיניקן אָרלאנד, ווען ער האָט דערזען, אז דעם פּאָסטן פון מי־ניסטער־פּרעזידענט, וואָס ער האָט זיך ענדלעך דערשלאָגן, אָט דעם זעלביקן פּאָסטן, אפ וועלכן די רעפּובליקאנער האָבן אים געצוווּנגען צו ווארטן א גאנצן דעצעניום, ד. ה. צען כאדאָשים, וויל מען ווידער ארויסרייסן בא אים, נאָך איידער ער האָט באוויזן האנאָע צו האָבן פון אים א צוויי־דריי וואָכן. האָט באראָ אין זיין האנדלונג בענע־גייע דער נעבעכדיקער פארזאמלונג איבערגעשטיגן אין זיין טיראַ־נישקייט דעם טיראן אליין. זיין ווייכסטער אויסדריק איז געווען: „מיט איר איז קיין שום צוקונפט ניט מעגלעך”. אוןווירקלעך, זי האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט בלויז די פארגאנגענהייט. „זי איז ניט פייִק”,— פלעגט ער איראָניש צוגעבן,—„ארומצורינגלען די רעפּובליק מיט די אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען נייטיק פאר איר פארפעסטיקונג”. און בעעמעס! מיט איר אויסשליסלעכן אנטאגאָניזם קעגן דעם פּראָלעטא־ריאט איז צעבראָכן געוואָרן אויך די בורזשואזע ענערגיע אירע, און מיט איר אנטאגאָניזם קעגן די ראָיאליסטן האָט ווידער אופגעלעבט איר רעפּובליקאנישער פּאטאָס. זי איז אפ אזא אויפן געווען דאָפּלט אומפייִיק צו פארפעסטיקן מיט די אנטשפּרעכיקע אינסטיטוציעס די בורזשואזע רעפּובליק, וועלכע זי האָט מער ניט פארשטאנען.

גלייכצייטיק מיט ראטאָס פאָרשלאָג האָט דאָס מיניסטעריום ארויס־גערופן איבערן גאנצן לאנד א שטורעם פון פעטיציעס: טאָג־טעגלעך זיינען פון אלע ווינקעלעך פון פראנקרייך געפלויגן דער קאָנסטיטואנטע אפן קאָפּ גאנצע פּעק פון אָט די Billet- doux,*

* — ליבע־בריוו. איבערז.

אין װעלכע מע האָט זיך מער אָדער װײניקער קאַטעגאָריש געבעטן זיך פאַנאַנדערלאָזן און אָנשרײַבן איר צװאָה. די קאָנסטיטואַנטע פֿון איר זײַט האָט אַרױסגערופֿן קאָנטער־פּעטיציעס, אין װעלכע זי האָט זיך געלאָזן אױפֿאָדערן, זי זאָל בלײַבן לעבן. דער װאַל־קאַמף צװישן באָנאַפּאַרטן און קאַװעניאַקן האָט זיך באַנײַט אין אַ פּעטיציע־קאַמף פֿאַר און קעגן פֿאַנאַנדערלאָזן די נאַציאָנאַלע פֿאַרזאַמלונג. די פּעטיציעס זײַנען געװען אַ צוגאָב־קאָמענטאַר צום 10־טן דעקאַבער. די דאָזיקע אַגיטאַציע האָט געדױערט אין משך פֿונעם גאַנצן חודש יאַנואַר.

אין איר קאָנפֿליקט מיטן פּרעזידענט האָט די קאָנסטיטואַנטע זיך ניט געקאָנט פֿאַרופֿן דערױף, װאָס זי שטאַמט פֿונעם אַלגעמײנעם װאַל־רעכט, װײַל די קעגנער אירע האָבן אַפּעלירט קעגן איר גראָד צום אַלגעמײנעם װאַל־רעכט. זי האָט זיך ניט געקאָנט שטיצן אױף קײן שום רעכטמעסיקער מאַכט, װײַל עס האָט זיך געהאַנדלט װעגן אַ קאַמף קעגן דער געזעצלעכער מאַכט. זי האָט ניט געקאָנט אַראָפּװאַרפֿן דאָס מיניסטעריום מיט קײנע אומצוטרױ־װאָטומס, װי זי האָט דאָס געפּרוּװט טאָן דעם 6־טן און 20־טן יאַנואַר, װײַל דאָס מיניסטעריום האָט ניט געפֿאָדערט איר צוטרױ. געבליבן איז איר נאָר אײן אױסװעג: אַן אױפֿשטאַנד. די שטרײַט־קױכעס פֿאַר אַן אױפֿשטאַנד האָבן געבילדעט: דער רעפּובליקאַנישער טײל פֿון דער נאַציאָנאַלער גװאַרדיע, די מאָבילע גװאַרדיע און די צענטערס פֿונעם רעװאָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט, די קלובן. די מאָבילע גװאַרדיסטן, אָט די העלדן פֿון די יוני־טעג, האָבן אין דעקאַבער געבילדעט די אָרגאַניזירטע שטרײַט־קראַפֿט פֿון די רעפּובליקאַנישע בורזשואַזע פֿראַקציעס, פּונקט אַזױ װי ביז יוני זײַנען די נאַציאָנאַלע װאַרשטאַטן געװען די אָרגאַניזירטע שטרײַט־קראַפֿט פֿונעם רעװאָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט. פּונקט װי די אױספֿיר־קאָמיסיע פֿון דער קאָנסטיטואַנטע, בײס זי האָט באַשלאָסן צו מאַכן אַ סאָף צו די רעװאָלוציאָנערע פֿאָדערונגען פֿונעם פּראָלעטאַריאַט, װעלכע זי האָט מער ניט געקענט פֿאַרלײַדן, האָט זי זיך ברוטאַל אַ װאָרף געטאָן אױף די נאַציאָנאַלע װאַרשטאַטן, אַזױ האָט באָנאַפּאַרטס מיניסטעריום, װען עס האָט באַשלאָסן אַ סאָף מאַכן צו די אומדערטרעגלעך געװאָרענע פֿאָדערונגען פֿון די רעװאָלוציאָנערע פֿראַקציעס פֿון דער בורזשואַזיע, האָט עס זיך אַ נעם געטאָן צו דער מאָבילער גװאַרדיע. דאָס מיניסטעריום האָט באַשלאָסן זי פֿאַנאַנדערצולאָזן. אײן העלפֿט אירע איז אָפּגעזאָגט געװאָרן אַרױסגעװאָרפֿן געװאָרן אױפֿן גאַס, די צװײטע האָט אָנגענומען דער דעמאָקראַטישער אָר־

גאניזאציע באקומענ א מאָנארכיסטישע, אונ דער געהאלט אירער איז פארקלענערט געוואָרנ ביז דער גרייס פונעם געוויינלעכנ געהאלט פונעם רעגולערנ מיליטער. די מאָבילע גווארדיע האָט זיכ ארויסגעוויזנ אינ דער לאגע פונ די יונ־אינסורגענטנ. פונ דעמלט אָנ האָבנ די צײַטונגענ יעדנ טאָג געבראכט עטלעכע כאראָקטע־דערקלערונגענ פונ די מאָבילע גווארדיסטנ, ווו זיי אנערקענענ זייער שולד בייס די יונ־טעג אונ בעטנ זיכ באם פראָלעטאריאט, ער זאָל זיי מויכל זײַנ.

אונ די קלובנ? פונ דעמ אויגנבליק אָנ, ווענ די גרינדונג־פאַרזאמלונג האָט אינ געשטאלט פונ באראָ געשטעלט אינ געפאר דעמ פרעזידענט, אינ געשטאלט פונעמ פרעזידענט — די קאָנסטיטויִרטע בורזשואזע רעפובליק אונ אינ געשטאלט פונ דער קאָנסטיטויִרטער בורזשואזער רעפובליק — די בורזשואזע רעפובליק ביכלאל, — האָבנ זיכ ארומ דער פארזאמלונג אומפארמײַדלעכ קאָנצענטרירט אלע גרינדונג־עלעמענטנ פונ דער פעוורואל־רעפובליק, אלע פארטייענ, וועלכע האָבנ געוואָלט ארָאָפווארפנ די עקזיסטירנדיקע רעפובליק אונ איבערגוואלד אומקערנ זי צו איר פריערדיקנ צושטאנד, פארוואנדלענ זי אינ א רעפובליק, וועלכע דריקט אויס זייערע אייגענע קלאסנ־אינטערעסנ אונ פרינציפנ. דאָס געשעענע איז אויסגעמעקט געוואָרנ, פונקט ווי ס'וואָלט גאָרנישט ניט געשענ. דאָס, וואָס עס האָט זיכ אויסגעקריסטאליזירט פונ די פארשיידענע עלעמענטנ פונ דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, איז צוריק אופגעלייזט געוואָרנ; עס האָט זיכ ווידער אופגעהויבנ דער קאמפ פאר דער אומבאשטימטער רעפובליק פונ די פעוורואל־טעג, וואָס יעדע פארטיי האָט זיכ פאָרגעשטעלט אפ איר שטייגער; אפ איינ ווײַלע האָבנ די פארטייענ פארנומענ די פעוורואלער פאָזיציעס, — ניט פילנדיק פונדעסטוועגנ די פעווראלער אילוזיעס. די דרײַפארביקע רעפובליקאנער פונעמ „נאסיאָנאל“ האָבנ זיכ ווידער געשטיצט אפ די דעמאָקראטישע רעפובליקאנער פונ דער „רעפאָרמ“ אונ האָבנ זיי געשטויסנ ווידער אינ פאָדערגרונט אלס פאָרקעמפער אינעמ פארלאמענט־קאמפ. די דעמאָקראטישע רעפובליקאנער האָבנ זיכ ווידער געשטיצט אפ די סאָציאליסטישע רעפובליקאנער — דעמ 27־טנ יאנוואר האָט אנ עפנטלעכער מאניפעסט געמאָלדנ וועגנ זייער שאָלעמ אונ פארייניקונג — אונ צוגעגרייט אינ די קלובנ א באָדנ פאר אנ אופשטאנד. די מיניסטאָרישע פרעסע האָט מיט רעכט באטראכט די דרײַפארביקע רעפובליקאנער פונ „נאסיאָנאל“ ווי טכיאס־האמייסימ אופגעשטאנענע יוניער אינסורגענטנ. קעדיי אײַנצוהאלטנ זיכ בעראָש פונ דער נײַער רעפובליק, האָבנ זיי אינ קאָנ געשטעלט די גאנצע עקזיסטענצ פונ דער בורזשואזער רעפובליק גו־

פע. דעמ 26־טנ יאנוואר האָט דער מיניסטער פאָשע אריַנגעטראָגנ א געזעצ וועגנ די רעכט פונ פאריינִיקונגענ, וואָס זײַנ ערשטער פאראגראפ האָט געזאָגט: „די קלובנ ווערנ פארבאָטנ“. ער האָט פאָרגעלייגט טייקעפ צוטרעטנ צו באטראכטנ דעמ דאָזיקנ געזעצ־פראָיעקט אלס דרינגענדיקנ. די קאָנסטיטואנטע האָט אָפּגעוואָרפנ דעמ פאָרשלאג וועגנ דרינגענדיקײַט, אונ דעמ 27־טנ יאנוואר האָט לעדריו־ראָלענ אריַנגעטראָגנ א פאָרשלאג, אונטערגעשריבנ פונ 230 דעפּוטאטנ, אז מע זאָל איבערגעבנ דאָס מיניסטעריומ צומ געריכט פאר ברעכנ די קאָנסטיטוציע. איבערגעבנ דאָס מיניסטעריומ צומ געריכט אינ דעמ דאָזיקנ מאָמענט וואָלט געהייסנ איינס פונ דיביידע: אָדער אומטאקטיש ארויסוויַיזנ די אָנמעכטיקײַט פונ די ריכטער, ד. ה. פונ דער מערהײַט פונ דער פארזאמלונג, אָדער דערקלערנ אנ אָנמעכטיקנ פראָטעסט פונעמ באשולדיקער קעגנ דער מערהײַט אליינ. אָט דאָס איז עס געווענ דער גרויסער רעוואָליוציאָנערער טרומפ, וועלכנ אָט די איבערכאזערונג פונ דער בארג (montagne) האָט פונ דעמלט אָנ אָנגעהויבנ אויסנוצנ בא יעדנ דעציידירנדיקנ קריטישנ מאָמענט. אָרעמע בארג, זי איז דערדריקט געוואָרנ אונטער דער לאסט פונ איר אייגענעמ נאָמענ.

בלאנקי, בארבעס, ראספּײַל א.אנד. האָבנ זיכ געפּרווט דעמ 15־טנ מײַ צעטרײַבנ די גרינדונג־פארזאמלונג, אריַנרײַסנדיק זיכ בעראָש פונעמ פאריזער פּראָלעטאריאט אינ איר זיצונג־זאל. בארא האָט פאר דער זעלביקער פארזאמלונג צוגעגרייט א מאָראלישנ 15־טנ מײַ, האָבנדיק בעדייע צו דיקטירנ איר, אז זי זאָל זיכ אליינ פאנאנדערלאָזנ אונ פארשליסנ דעמ זאל פונ אירע זיצונגענ. די זעלביקע פארזאמלונג האָט עס איבערגעגעבנ בארא אָנצוהייבנ אנ אויספאָרשונג קעגנ די שולדיקע אינ די מײַ־געשעענישנ אונ איצט, ווענ בארא שפּילט בענעגייע צו איר די ראָליע פונעמ ראָיאליסטישנ בלאנקי, אונ זי זוכט פארבינדעטע קעגנ אימ אינ די קלובנ, צווישנ די רעוואָליוציאָנערע פּראָלעטאריער, בא בלאנקיס פּארטיי, — איצט פּײַניקט זי דער אָנראכמאָנעסדיקער בארא מיט זײַנ פאָרשלאג ארויסצונעמענ די מײַ־געפאנגענע פונעמ געריכט פונ די געשוואָרענע אונ איבערגעבנ זיי צו א ספּעציעלנ העכסטנ געריכט, וואָס עס האָט דערפונדנ די פּארטיי פונ „נאסיאָנאל“ — צומ „haute Cour“.. מערקווירדיק, ווי די מוירע צו פארלירנ דעמ מיניסטאָרישנ פּאָרטפעל זאָגט אונטער בארא'נ אויפנ קונצ־שטיק, וואָס וואָלטנ געפּאסט פאר באָמארשענ! נאָכ א לאנגער וואקלעניש האָט די נאציאָנאלע פארזאמלונג אָנגענומענ

זײַנ פאָרשלאג. דערזעענדיק פאר די אויגנ דעמ מײַ־אטענטאט, האָט זי צוריק באקומענ איר נאָרמאלנ כאראקטער.

אויב דער פרעזידענט אונ די מיניסטאָרנ האָבנ געשטיצט די קאָנסטיטואנטע אפנ וועג צו אנ א ו פ ש ט א נ ד, האָט די קאָנסטיטואנטע פונ איר זײַט געשטיצט דעמ פרעזידענט אונ די מיניסטאָרנ צו א מעלוכע־איבערקערעניש, ווײַל זײ האָבנ ניט געהאט קײנ שומ געזעצלעכנ מיטל זי פאנאנדערצולאָזנ. די קאָנסטיטואנטע איז אָבער געווענ די מוטער פונ דער קאָנסטיטוציע, אונ די קאָנסטיטוציע איז געווענ די מוטער פונעמ פרעזידענט. דורכ דער מעלוכע־איבערקערעניש וואָלט דער פרעזידענט צעריסנ די קאָנסטיטוציע אונ צוזאמענ מיט איר אויכ זײַנ אײגענעמ רעפובליקאנישנ רעכטלעכנ יעסאָד. ער איז דעריבער געצווונגענ געווענ ארויסצוציענ זײַנע קײסערלעכע רעכט, אָבער די קײסערלעכע רעכט וואָלטנ ארויסגערופנ צומ לעבנ די אָרלעאניסטישע, אונ זײ בײדע וואָלטנ בלאָס געוואָרנ פאר די לעגיטימיסטישע. דאָס פאלנ פונ דער געזעצלעכער רעפובליק וואָלט בלויז געקאָנט פארגיכערנ דעמ טריומפ פונ איר קעגנזאצ, פונ דער לעגיטימיסטישער מאָנארכיע, ווײַל אינ דעמ מאָמענט איז די אָרלעאניסטישע פארטײ געווענ בלויז די באזיגטע אינ די פעווראלער טעג, אונ באָנאפארט, פונ זײַנ זײַט, איז בלויז געווענ דער זיגער פונ 10־טנ דעקאבער, אונ זײ בײדע — האָבנ געקענט אנטקעגנשטעלנ דער רעפובליקאנישער אוזורפאציע בלויז זײערע פונקט אפנ זעלביקנ אויפנ אוזורפירטע מאָנארכיסטישע רעכט. די לעגיטימיסטנ האָבנ פארשטאנענ, אז די סיטואציע איז פאר זײ א גינסטיקע, זײ האָבנ קאָנספירירט אינ מיטנ העלנ טאָג. אינעמ גענעראל שאנגארניע האָבנ זײ געקענט האָפנ צו געפינענ זײערנ א מאָנק.* דאָס גיכע אָנקומענ פונ דער ווײַ־ סער מ אָ נ א ר כ י ע איז אינ זײערע קלובנ פונקט אזוי אָפנ פראָקלאמירט געוואָרנ, ווי אינ די פראָלעטארישע קלובנ דאָס אָנקומענ פונ דער ר ו י ט ע ר ר ע פ ו ב ל י ק.

א געלונגענע דערשטיקונג פונ אנ אופשטאנד וואָלט באפרײַט דאָס מיניסטעריומ פונ אלע שוועריקײַטנ. „די געזעצלעכקײַט הארגעט אונדז אוועק” — האָט ארויסגערופנ אָדילאָנ באראָ. אנ אופשטאנד וואָלט געגעבנ די מעגלעכקײַט פאנאנדערצולאָזנ די קאָנסטיטואנטע מיטנ אויסרייד פונ געזעלשאפטלעכער רעטונג (salut public), ער וואָלט געגעבנ די מעגלעכקײַט אויווער צו זײַנ אפ דער קאָנסטיטוציע צוליב דער

* גענעראל מאָנק האָט אינ 1650 יאָר פאניכטעט די ענגלישע רעפובליק אונ האָט צוריק אופגעשטעלט די סטיוארט־דינאסטיע. א י ב ע ר ז.

קאָנסטיטוציע גופע. אָדילאָן באַראָס ברוטאַלע אַרויסטרעטונג אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, זײַן פאָרשלאָג צו פאַרמאַכן די קלובן, די רווישפולע דעמיסע פון די 50 דרײַפאַרביקע פּרעפעקטן, וועלכע זײַנען פאַרביטן געוואָרן אַף ראָיאַליסטן, דאָס פאַנאַנדערלאָזן די מאָבילע גוואַרדיע, שאַנגאַרניעס שלעכטער באַגיין זיך מיט אירע אָנפירער, דאָס אומקערן די קאַטעדרע דעם פּראָפעסער לערמיניע, וואָס איז געוואָרן אומדערטרעגלעך שוין אין גיזאָס צײַטן, די טאָלעראַנטע באַציִונג צו די שפּיצלעך פון די לעגיטימיסטן — דאָס אַלץ האָט געהאַט דעם צוועק אַרויסצורופן אַן אופשטאַנד. דער אופשטאַנד איז אָבער געבליבן שטום. ער האָט געוואַרט אַף אַ סיגנאַל פון דער קאָנסטיטואַנטע און ניט פונעם מיניסטעריום.

ענדלעך, איז געקומען דער 29־טער יאַנואַר, דער טאָג, אין וועלכן עס האָט געדאַרפט באַטראַכט ווערן דער פאָרשלאַג פון מאַטיע (פון דראָמער דעפּאַרטאַמענט) וועגן אָפּוואַרפן אָן שום באַדינגונגען ראַטאָס פּראָיעקט. די לעגיטימיסטן, די אָרלעאַניסטן, די באָנאַפּאַרטיסטן, די מאָבילע גוואַרדיע, די באַרג־פּאַרטיי, די קלובן האָבן קאָנספּירירט אין דעם דאָזיקן טאָג, קאָנספּירירט קעגן זייער אייגענעם קלוימערשטן סוינע פּונקט ווי קעגן זייער קלוימערשטן פרײַנט. באָנאַפּאַרט האָט, רײַטנדיק אַף אַ פערד, מושטרירט אַ טייל מיליטער אַפן פּלאַץ קאָנקאָרדיא, שאַנגאַרניע האָט געפּראַוועט אַקטיאָרישע שטיק, דורכפירנדיק עפעקטפולע סטראַטעגישע מאַנעוורעס. די קאָנסטיטואַנטע האָט געפונען איר זיצונג־געביידע באַזעצט מיט מיליטער. זי, דער צענטער, אין וועלכן עס האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן אַלע האָפענונגען, שרעקן, דערוואַרטונגען, די גאַנצע יוירונג, אָנגעשטרענגטקייט, פאַרשווערונגען — די לייבן־דרייסטע פאַרזאַמלונג האָט זיך ניט געוואַקלט קיין איין אויגנבליק אין אָט דעם אַלוועלטלעך־היסטאָרישן מאָמענט. זי האָט געהאַנדלט פּונקט ווי יענער סאָלדאַט, וועלכער האָט ניט נאָר מוירע געהאַט זיך צו באַנוצן מיט זײַן אייגן געווער, נאָר ער האָט אויך געהאַלטן פאַר זײַן כויוו אָפּצוהיטן די גאַנצקײַט פון זײַן סוינעס געווער. מיט פאַראַכטונג צום טויט האָט זי אונטערגעשריבן איר אייגענעם טויט־אורטייל און האָט זיך אָפּגעזאָגט פון אומבאַדינגטן אָפּוואַרפן ראַטאָס פּראָיעקט. אַרײַנפאַלנדיק אַליין אין אַ באַלאַגערונג־צושטאַנד, האָט זי אַ סאַך געמאַכט צו איר גרינדונג־טעטיקייט, וואָס די נויטווענדיקע ראַם דערצו איז געווען דאָס דערקלערן פּאַריזש אין באַלאַגערונג־צושטאַנד. די נעקאָמע אירע איז געווען צוגעפּאַסט צו איר גאַנצן וועזן אַף מאָרגן האָט זי באַשטימט אַן אויספאָרשונג וועגן דער שרעק וואָס דאָס מיניסטעריום האָט אַף איר אָנגעוואָרפן דעם 29־טן יאַנ־

וואר. די בארג האָט ארויסגעוויזנ דעמ מאנגל אינ רעוואָליוציאָנערער ענערגיע אונ פּאָליטישנ זינענ דערמיט, וואָס זי האָט דערלאָזנ די פּארטיי פונ „נאסיאָנאל“ אויסצונוצנ זי אלס א פאָרשטייער אינ אָט דער גרויסער אינטריגע־קאָמעדיע. די פּארטיי פונ „נאסיאָנאל“ האָט געמאכט דעמ לעצטנ פּרווו אויכ אפ ווײַטער צו אײַנהאלטנ פאר זיכ אינ דער קאָנסטיטויִרטער רעפּובליק די מאָנאָפּאָליע פונ הערשאפט, וועלכע זי האָט פארמאָגט אינ דעמ פּעריאָד, ווענ די בורזשואזע רעפּובליק איז אנטשטאנענ. זי איז דורכגעפאלנ.

אויב אינעמ יאנואר־קריזיס האָט זיכ געהאנדלט וועגנ דער עקזיסטענצ פונ דער קאָנסטיטואנטע, האָט זיכ דעמ 21 מארט געהאנדלט וועגנ דער עקזיסטענצ פונ דער קאָנסטיטוציע: אינ ערשטנ פאל האָט זיכ געהאנדלט וועגנ דעמ פּערסאָנאל פונ דער פּארטיי פונ „נאסיאָנאל“, אינ צווייטנ—וועגנ איר אידעאל. פארשטייט זיכ, אז די „פײַנע“ רעפּובליקאנער האָבנ ביליקער פארקויפט זייער הימלישע אידעאָלאָגיע, ווי דאָס ערדישע געניסנ פונ דער רעגירונג־מאכט.

דעמ 21־טנ מארט איז אפנ טאָגסיידער פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג געשטאנענ פּאָשעס געזעצ־פּראָיעקט, וואָס איז געווענדט געווענ קעגנ דעמ רעכט פונ פאריייניקונגענ, דער פּראָיעקט צו פארמאכנ די קלובנ. דער 8־טער ארטיקל פונ דער קאָנסטיטוציע גאראנטירט אלע פראנצויזנ דאָס רעכט פונ פאריייניקונגענ. פארבאָטנ די קלובנ וואָלט, אלזאָ, געהייסנ בעפּיירעש אויווער זײַנ אפ דער קאָנסטיטוציע, אונ די קאָנסטיטואנטע אליינ האָט עס געזאָלט קאנאָניזירנ די פארשוועכונג פונ איר אייגנ הייליקטומ. די קלובנ זײַנענ אָבער געווענ די זאמל־פּונקטנ פונעמ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט, זײַנע קאָנספּיראטיווע דירעס. די נאציאָנאלע פארזאמלונג גופע האָט פארבאָטנ די קאָאליציע פונ ארבעטער קעגנ דער בורזשואזיע. וואָס־זשע זענ זײַנענ אזוינס געווענ די קלובנ, אויב ניט קיינ קאָאליציע פונעמ גאנצנ ארבעטער־קלאס קעגנ דער גאנצער בורזשואזיע, די אויסבילדונג פונ אנ ארבעטער־מעלוכע קעגנ דער בורזשואזער מעלוכע? זײַנענ זיי דענ אלע ניט געווענ קיינ גרינדונג־פארזאמלונג פונעמ פּראָלעטאריאט, צומ קאמפ גרייטע ארמיי־אָפּטיילונגענ פונ דער רעוואָליוציע? די קאָנסטיטוציע האָט פריער פאר אלצ געדארפט קאָנסטיטויִרנ די הערשאפט פונ דער בורזשואזיע. קלאָר, הייסט עס, אז אונטערנ רעכט פונ פאריייניקונגענ האָט זי פריער פאר אלצ געמיינט די פאריייניקונגענ, וועלכע געפינענ זיכ אינ איינקלאנג מיט דער הערשאפט פונ דער בורזשואזיע, דאָס הייסט, מיט דער בורזשואזער אָרדענונג. אויב זי האָט צוליב טעאָרעטישער אָנשטענדיקײַט

זיכ באנוצט מיט אנ אלגעמיינעמ אויסדרוק, איז דאָכ דערופ געוועג א רעגירונג אונ די נאציאָנאלע פארזאמלונג אפ אויסצוטײַטשנ אונ אָנווענדנ אימ אינ יעדנ איינצלנעמ פאל. אונ אויב שוינ גאָר אינ דער ערשטער כאאָטישער עפּאָכע פונ דער רעפּובליק זײַנענ די קלובנ פאקטיש געווענ פארבאָטנ, אדאנק דעמ באלאגערונג־צושטאנד, האָט מענ זיי דענ ניט געקענט פארבאָטנ אפ א געזעצלעכנ אופנ אינ א רעגולירטער, קאָנסטיטוירטער רעפּובליק? די דרײַפארביקע רעפּובליקאנער האָבנ קעגנ אזא פּראָזאישער אויסטײַטשונג פונ דער קאָנסטיטוציע געקענט ארויסשטעלנ בלויז אנ אופגעבלאָזענע קאָנסטיטוציאָנעלע פראזע. א טייל פונ זיי, פּאניער, דיוקלערק א. אנד. האָבנ געשטימט פארנ מיניסטעריומ אונ האָבנ אימ אזויארומ געשאפנ א מערהײַט. א צווייטער טייל מיטנ מאלעכ קאווענִיאק אונ קירכע־פּאָטער מארא בעראָש, זײַנענ נאָכדעמ, ווי דער ארטיקל וועגנ פארבאָטנ די קלובנ איז אָנגענומענ געוואָרנ, אוועק צוזאמענ מיט לעדריו־ראָלענענ אונ מיט דער בארג אינ דעמ זאל פונ איינער פונ די קאָמיסיעס פונ דער קאָנסטיטואנטע אונ האָבנ זיכ דאָרט... „געהאלטנ אנ אייצע”. די נאציאָנאלע פארזאמלונג איז פּאראליזירט געוואָרנ, זי האָט ניט געהאט מער די געזעצלעכע צאָל דעפּוטאטנ אפ אָנצונעמענ וועלכע ניט איז באשלוסנ. דאָ האָט זיכ ה' קרעמיע באצײַטנס דערמאָנט, אז פונעמ זאל פונ דער קאָמיסיע איז פאראנ א וועג גלײַכ אפנ גאס ארויס, אונ אז איצט איז ניט פעוורואל 1848, נאָר מארט 1849. די פּארטיי פונ „נאסיאָנאל”, וואָס איז פּלוצלינג צוריקגעקומענ צו די קלאָרע געדאנקענ, האָט זיכ אומגעקערט אינ זיצונג־זאל אונ נאָכ איר — די ווידער אָפּגענארטע בארג. די בארג־פּארטיי האָט טאָמעד געליטנ פונ רעוואָליוציאָנערע גלוסטנ, נאָר מיט דער זעלביקער באשטענדיקײַט האָט זי טאָמעד געזוכט א קאָנסטיטוציאָנעלנ אויסוועג; זי האָט זיכ נאָכ אלצ געפילט בעסער אפ איר אָרט הינטער דער פּלייצע פונ די בורזשואזע רעפּובליקאנער איידער פּאָרויס פאר דעמ רעוואָליוציאָנערנ פּראָלעטאריאט. אָט אזוי איז עס אָפּגעשפּילט געוואָרנ די דאָזיקע קאָמעדיע, אונ די קאָנסטיטואנטע אליינ האָט דעקרעטירט, אז אויווער זײַנ אפנ טעקסט פונ דער קאָנסטיטוציע איז די איינציק ריכטיקע אויסטײַטשונג פונ איר זינ.

עס איז געבליבנ צו רעגולירנ בלויז נאָכ איינ פאקט, די באציונג פונ דער קאָנסטיטוירטער רעפּובליק צו דער אייראָפּעיִשער רעוואָליוציע, איר אויסערלעכע פּאָליטיק. דעמ 8־טנ מײַ 1849 יאָר האָט אינ דער קאָנסטיטואנטע, וואָס האָט שוינ געלעבט

אירע לעצטע טעג, געהערשט אַן אויסערגעוויינלעכע אופרעגונג. אפן טאָג־סיידער איז געשטאַנען דער אָנגריף פון דער פראַנצויזישער אַרמיי אפ רוים, דער אָפּשניט, וואָס זי האָט באַקומען פון די רוימער, איר פּאָליטישער שאַנד און מיליטערישע פיאַסקאָ, דער מאָרד פון הינטער אַ ווינקל, וואָס די פראַנצויזישע רעפּובליק איז באַגאַנגען איבער דער רוימישער רעפּובליק, דער ערשטער איטאַליענישער מאַרש פונעם צווייטן באָנאַפּאַרט. די בארג האָט זיך ווידער־אַמאָל באַנוצט מיט איר גרויסן טרומף, לעדריו־ראָלען האָט ווידער אוועקגעלייגט פאַרן פּרעזידענט אפן טיש דעם אייביקן באַשולדיקונג־אַקט קעגן דעם מיניסטעריום פאַר אויוער זיין אפ דער קאָנסטיטוציע, אַן אַקט, וואָס איז דאָס מאָל געווענדט געווען אויך קעגן באָנאַפּאַרטן.

דער מאָטיוו פון 8־טן מיי כאַזערט זיך איבער שפּעטער אַלס מאָטיוו פונעם 13־טן יוני, לאָמיר אַ קוק טאָן, וואָס איז אַזוינס געווען אָט די רוימישע עקספּעדיציע.

קאַווענייאַק האָט נאָך אינמיטן נאָיאַבער 1848 יאָר אוועקגעשיקט דעם קריג־פלאָט אין טשיוויטאַ־וועקיאַ, קעדיי צו באַשיצן דעם פּויפּסט, נעמען אים אפן שיפ און אַריבערפירן קיין פראַנקרייך. דער פּויפּסט האָט עס געוואָלט געבן זיין בראָכע דער „פייַנער רעפּובליק“ און גאַראַנטירן קאַווענייאַקן זיין אויסוואַל פאַר אַ פּרעזידענט. מיטן פּויפּסט האָט קאַווענייאַק געוואָלט כאַפּן אפ דער וועלטקע די גאַלאָכים, צוזאַמען מיט די גאַלאָכים — די פּויערים און צוזאַמען מיט די פּויערים — די פּרעזידענטשאַפט. דער נאָענטסטער צוועק פון קאַווענייאַקס עקספּעדיציע איז געווען די וואַל־רעקלאַמע, אָבער גלייכצייטיק איז עס געווען אויך אַ פּראָטעסט און אַ דראָונג קעגן דער רוימישער רעוואָלוציע. אין עמבריאָן האָט זי אין זיך אַנטהאַלטן פראַנקרייכס אַריינמישונג לעטויווס דעם פּויפּסט.

אָט די אינטערווענץ לעטויווס דעם פּויפּסט אין בונד מיט עסטרייך און מיט נעאַפּאָל, קעגן דער רוימישער רעפּובליק, איז באַשלאָסן געוואָרן דעם 23 דעקאַבער אפ דער ערשטער זיצונג פון באָנאַפּאַרטס מיניסטאָרן־ראַט. פאַלו אינעם מיניסטעריום — דאָס האָט באַטייט דער פּויפּסט אין רוים, און אינעם פּויפּסטס רוים. באָנאַפּאַרט האָט זיך מער ניט געניייטיקט אינעם פּויפּסט אפ צו ווערן אַ פּויערשער פּרעזידענט, ער האָט זיך אָבער געניייטיקט צו פאַרהיטן דעם פּויפּסט, קעדיי צו פאַרהיטן פאַרן פּרעזידענט זיינע פּויערים. זייער לייכטגלויביקייט האָט אים געמאַכט פאַר אַ פּרעזידענט, צוזאַמען מיטן גלויבן וואָלטן זיי פאַרלאָרן זייער לייכטגלויביקייט, און צוזאַמען מיטן פּויפּסט — זייער גלויבן.

און דאַן די פאַרייניקטע אָרלעאַניסטן און לעגיטימיסטן, וועלכע האָבן געהערשט אין באָנאַפּאַרטס נאָמען! פריער, איידער דער קיניג ווערט רעסטאַווירירט, האָט מען געדאַרפט רעסטאַווירירן די מאַכט, וואָס האָט געפּייניקט קיניגן; שוין אָפּגערעדט פון זייער ראָיאַליזם, — אָן דעם אַלטן רוים, וואָס איז אונטערגעוואָרפן דער וועלטלעכער מאַכט פונעם פּויפּסט, איז ניטאָ קיין פּויפּסט, אָן דעם פּויפּסט איז ניטאָ קיין קאַטאָליציזם, אָן קאַטאָליציזם איז ניטאָ קיין פראַנצויזישע רעליגיע, און אָן רעליגיע — וואָס וואָלט דאַן געוואָרן מיט דער אַלטער פראַנצויזישער געזעלשאַפט? די היפּאָטעקע, וואָס דער פּויער האָט אַפּ די הימלישע גיטער, גאַראַנטירט די היפּאָטעקע, וואָס דער בורזשוא האָט אַפּ די פּויערשע גיטער. די רוימישע רעוואָליוציע איז, אַלזאָ, געווען אַן אַטענטאַט אַפּן אייגנטום, אַפּ דער בורזשואַזער אָרדענונג, פּונקט אַזאַ שרעקלעכער, ווי די יוני־רעוואָליוציע. די ווידערופשטעלונג פון דער בורזשואַזער הערשאַפט אין פראַנקרייך האָט געפאָדערט די רעסטאַווירונג פונעם פּויפּסטס הערשאַפט אין רוים; און ענדלעך, אין דער פּערזאָן פון די רוימישע רעוואָליוציאָנערן וואָלטן געליטן אַ מאַפּאָלע די פאַרבינדעטע פון די פראַנצויזישע רעוואָליוציאָנערן. דער בונד פון די קאָנטררעוואָליוציאָנערע קלאַסן אין דער קאָנסטיטויִרטער פראַנצויזישער רעפּובליק האָט געפונען זיין נאַטירלעכע דערגאַנצונג אינעם בונד צווישן דער פראַנצויזישער רעפּובליק מיטן הייליקן בונד, מיט נעאַפּאָל און עסטרייך. דער באַשלוס פונעם מיניסטאָרן־ראַט דעם 23 דעקאַבער איז ניט געווען קיין סאָד פאַר דער קאָנסטיטואַנטע. שוין דעם 8־טן יאַנוואַר האָט לעדריו־ראָלען געמאַכט וועגן דעם אַן אָנפראַגע דעם מיניסטעריום. דאָס מיניסטעריום האָט געלייקנט און די פאַרזאַמלונג איז אַריבער צו דער טאָג־אָרדענונג. האָט זי געטרויט די רייד פונעם מיניסטעריום? מיר ווייסן, אַז דעם גאַנצן כוידעש יאַנוואַר איז זי געווען פאַרנומען בלויז מיט איין זאַך — געהאַלטן אין איין אויסדריקן איר אומצוטרוי דעם מיניסטעריום. נאָר אויב די ליגנס זיינען אַריין אין דער ראָליע פונעם מיניסטעריום, איז אין דער ראָליע פון דער פאַרזאַמלונג געווען צו מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זי גלייבט אָט די ליגנס, קעדיי דערמיט צו ראַטעווען די רעפּובליקאַנישע אָנשטענדיקייט.

פאַר דער צייט איז פּיעמאָנט צעקלאַפּט געוואָרן, קאַרל־אַלבערט האָט זיך אָפּגעזאָגט פונעם טראָן, די עסטרייכישע אַרמיי האָט געקלאַפּט אין די טויערן פון פראַנקרייך. לעדריו־ראָלען האָט געהאַלטן אין איין אינטערפּעלירן. אָבער דאָס מיניסטעריום האָט דערוויזן, אַז אין צאָפן־איטאַליע האָט עס בלויז פאָרגעזעצט קאַווענוואַקס פּאָלי־

טיק, און קאוועניאק ווידער האָט בלויז געפירט די פּאָליטיק פון דער
ציַיטווײַליקער רעגירונג, ד.ה. לעדריו־ראָלענס. דאָס מאָל האָט
דאָס מיניסטעריום שוין אפילע ארויסבאקומען בא דער נאציאָנאלער
פארזאמלונג א צוטרוי־וואָטום און איז באפולמעכטיקט געוואָרן ציַיט־
ווײַליק צו פארנעמען א פאסיקן פונקט אין צפּון־איטאליע; דאָס
האָט געזאָלט מיטהעלפן די שאָלעם־אונטערהאנדלונגען מיט עסטרייך
וועגן דער אומצעטיילבארקייט פון סארדינער געגנט און וועגן דער
רוימישער פראגע. עס איז באקאנט, אז דער גורל פון איטאליע
ווערט אנטשיידט אפ די שלאכט־פעלדער פון צפּון־איטאליע. דעריי־
בער האָט מען געדארפט אָדער דערלאָזן, אז נאָך לאמבארדיע און
פיעמאָנט זאָל פאלן אויך רוים, אָדער דערקלערן מילכאָמע עסטרייך,
און צוזאמען דערמיט אויך דער אייראָפּייִשער קאָנטררעוואָלוציע.
צי דען האָט די נאציאָנאלע פארזאמלונג פלוצלינג אָנגענומען באראָ
מיניסטעריום פארן אלטן קאָמיטעט פון געזעלשאפטלעכער רעטונג?
אָדער זיך אליין פארן קאָנווענט? צו וואָס־זשע האָט מען, אלזאָ,
געדארפט פארנעמען מיט פראנצויזיש מיליטער א פונקט אין צפּון־
איטאליע? אונטער אָט דעם דורכזיכטיקן שלייער איז באהאלטן גע־
וועזן די עקספּעדיציע קעגן רוים.

דעם 14־טן אפּרעל זיַינען 14.000 מאן אונטער דער אָנפירונג
פון אודינאָ אָפּגעשוווּמען קיין טשיוויטא־וועקיא, דעם 16־טן אפּרעל
האָט די נאציאָנאלע פארזאמלונג באוויליקט דעם מיניסטעריום א
קרעדיט פון 1.200.000 פראנק, קעדיי אין מעשעך פון דריַי כאדאָ־
שים צו האלטן גרייט אין די וואסערן פון מיטלענדישן יאם אן אינ־
טערווענציע־פלאָט. אזויארום האָט זי געגעבן דעם מיניסטעריום אלע
מיטלען צו אינטערווענירן קעגן רוים, אין דער ציַיט, ווען אליין האָט
זי געמאכט דעם אָנשטעל, פונקט ווי זי צווינגט דאָס מיניסטעריום
ארויסצוטרעטן קעגן עסטרייך. זי האָט ניט געזען, וואָס דאָס מי־
ניסטעריום האָט געטאָן, זי האָט בלויז געהערט דאָס, וואָס דאָס מי־
ניסטעריום האָט גערעדט. אזא עמונע איז אומעגלעך געווען צו גע־
פינען אפילע באם פאָלק יִיסראָעל. די קאָנסטיטואנטע איז אריַינגע־
פאלן אין אזא לאגע, אז זי האָט זיך ניט דערוועגט צו וויסן, וואָס
עס האָט געדארפט טאָן די רעפּובליק, וואָס זי אליין האָט קאָנסטי־
טוּירט.

ענדלעך, דעם 8־טן מיַי איז אָפּגעשפּילט געוואָרן די לעצטע סצע־
נע פון דער קאָמעדיע. די קאָנסטיטואנטע האָט געפאָדערט פונעם מי־
ניסטעריום, עס זאָל גלייך אָנעמען מיטלען אײַנצוהאלטן די איטא־
ליענישע עקספּעדיציע אין די גרענעצן, וואָס זיַינען איר געשטעלט

געוואָרן. באָנאַפּאַרט האָט אינעם זעלביקן אָוונט אָפּגעדרוקט אין „מאָ־ניטער“ א בריוו, אין וועלכן ער האָט ארויסגעזאָגט די גרעסטע אנער־קענונג פאר אודינאָן. דעם 11־טן מײַ האָט די נאַציאָנאַלע פארזאמ־לונג אָפּגעוואָרפן דעם באשולדיקונג־אקט קעגן באָנאַפּאַרטן און זײַנע מיניסטאָרן. און די בארג האָט, אָנשטאָט צו צערײַסן אָט די נעץ פון שווינדל, געמאכט א טראגעדיע פון אָט דער פּאַרלאַמענטארישער קאָ־מעדיע, קעדיי אויך דאָ צו שפּילן די ראָליע פון פּוקיע־טענוויל, אָבער אונטער דער לייבן־פעל פונעם קאָנווענט ווײַזט זי ארויס איר אייגענע קליינבירגערלעכע קעלבערנע פעל!

די לעצטע העלפט לעבן פון דער קאָנסטיטואנטע רעזומירט זיך אזוי: דעם 29־טן יאנואר איז זי מאסקים דערמיט, אז די ראָיאַליס־טישע פראקציעס פון דער בורזשואזיע זײַנען די נאטירלעכע באַלע־באטים אין דער רעפּובליק, וועלכע זי האָט קאָנסטיטואירט, דעם 21־טן מארט — דערמיט, אז אויוועך זײַן אפ דער קאָנסטיטוציע הייסט פאר־ווירקלעכן זי, דעם 11־טן מײַ — דערמיט, אז דער מיט גרויס טראסק פּראָקלאמירטער פאסיווער בונד פון דער רעפּובליק מיט די אייראָפּייִשע פעלקער, וואָס קעמפן פאר זייער באפרײַונג — באטײַט אן אקטיוון בונד מיט דער אייראָפּייִשער קאָנטררעוואָלוציע.

איידער זי איז אראָפּ פון דער ארענע, האָט זיך אָט די נע־בעכדיקע פארזאמלונג פארשאפט דעם פארגעניגן, וואָס נאָך צוויי טעג פארן יאָרטאָג פון איר געבורט, דעם 4־טן מײַ, האָט זי אָפּגעוואָרפן דעם פּראָיעקט פון אן אמניסטיע פאר די יוניער אופשטענדלער. פארלאָרן איר גאנצע מאכט, אפ טויט פארהאסט פונעם פאָלק, אָפּגעשטויסן, טרעטירט, מיט פאראכטונג אָן א זײַט אָפּגעוואָרפן דורך דער בורזשואזיע, וועמעס געצײַג זי איז געווען, געצוווּנגען אין דער צווייטער העלפט פון איר עקזיסטענץ אָפּצוזאָגן זיך פון דער ערשטער, בארויבט פון אירע רעפּובליקאנישע איליוזיעס, אָן גרויסע מײַסים אין דער פארגאנגענהײַט, אָן האָפענונג אין דער צוקונפט, אָפּשטאר־בנדיק שטיקערווײַז לעבעדיקערהייט, איז די קאָנסטיטואנטע אימשטאנד געווען צו גאלוואניזירן איר טויטן גוף בלויז דערמיט, וואָס זי האָט קעסיידער ארויסגערופן פאר זיך דעם שאָטן פונעם יוני־ניצאָכן, ווידעראמאָל איבערגעלעבט און האנאָע געקליבן פון אים, ווידער און ווידעראמאָל פארמישפּעט די שוין פארמישפּעטע, קעדיי אזוי־ארום זיך צו איבערצײַגן אין איר אייגענער עקזיסטענץ. א וואמפּיר, וואָס האָט געלעבט מיטן בלוט פון די יוניער אינסורגענטן!

זי האָט איבערגעלאָזט נאָך זיך דעם פריערדיקן מעלוכע־דעפי־ציט, פארגרעסערט דורך די הויצאָעס פונעם יוני־אופשטאנד, דורך

דער אָפשאפונג פונעם זאַלצ־שטײַער, דורכ די באַלוינונגענ, װעלכע ס'האָבנ באַקומענ די פלאַנטאַטערס פארנ אָפשאפנ די נעגער־שקלאַפערײַ, דורכ די הויצאָעס אַפ דער רוימישער עקספעדיציע, ענדלעכ, דורכנ אָפשאפנ דעמ װײַנ־שטײַער. דעמ דאָזיקנ שטײַער האָט די קאָנסטיטואַנטע אָפגעשאַפט פארנ סאַמע סאָפ אירנ, װי א שאָדנפרײדיקער זאָקנ, װעלכנ עס פארשאפט פאַרגעניגנ אָנצובינדנ זײַנ גליקלעכנ יוירעש א קאָמפראָמעטירנדיקנ ערנ־כויװ.

אָנהײב מאַרט כוידעש האָט זיכ אָנגעהויבנ די װאַל־קאַמפאַניע צו דער געזעצגעבערישער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. צװײ הויפט־גרופּעס זײַנענ ארויסגעטראָטנ אײנע קעגנ דער אַנדערער: די אָרדענונג־פאַרטײ און די דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע, אָדער די רויטע פאַרטײ; צװישנ זײ בײדנ זײַנענ געשטאַנענ די „קאָנסטיטוציע־פרײַנט" — אונטער דעמ דאָזיקנ נאָמענ האָבנ זיכ די דרײַפאַרביקע רעפובליקאַנער פונ „נאַסיאָנאַל" געפרוװט פאָרשטעלנ זיכ פאַר א פאַרטײ. די אָרדענונג־פאַרטײ האָט זיכ אויסגעבילדעט גלײַכ נאָכ די יונ־טעג. אָבער ערשט נאָכ דעמ, װי דער 10־טער דעקאַבער האָט איר געגעבנ די מעגלעכקײַט אָפצושטויסנ פונ זיכ די בורזשואַזע רעפובליקאַנער, די קליקע פונ „נאַסיאָנאַל", האָט זיכ אַנטפלעקט דער טאָכ פונ איר עקזיסטענצ: א קאָאַליציע פונ אָרלעאַניסטנ און לעגיטימיסטנ אינ אײנ פאַרטײ. דער בורזשואַזער קלאַס איז צעפאַלנ געװאָרנ אַפ צװײ גרויסע פראַקציעס, װעלכע האָבנ קעסײדער אײנע נאָכ דער אַנדערער געהאַלטנ אינ זײערע הענט די מאָנאָפּאָליע פונ דער מאַכט: דער גרויסער ערד־באַזיצ — בעשאַס דער רעסטאַװרירטער מאָנאַרכיע און די פינאַנציעלע אַריסטאָקראַטיע און אינדוסטריעלע בורזשואַזיע — אינ דער צײַט פונ דער יול־מאָנאַרכיע. בורבאָנ איז געװענ דער קיניגלעכער דעװיז פאַר דער פרעװאַלירונג פונ די אינטערעסנ פונ אײנ פראַקציע, אָרלעאַנ איז געװענ דער קיניגלעכער דעװיז פאַר דער פרעװאַלירונג פונ די אינטערעסנ פונ דער אַנדערער פראַקציע — בלויז אינ דער אַנאָנימער מעלוכע פונ דער רעפובליק האָבנ בײדע פראַקציעס, שטײענדיק אינ א גלײַכער מאָס בײַ דער מאַכט, געקאָנט פאַרפאָלגנ זײערע געמײנזאַמע קלאַסנ־אינטערעסנ, ניט אויפהערנדיק אינ דער זעלביקער צײַט צו קאָנקורירנ אײנע מיט דער אַנדערער. אויב די בורזשואַזע רעפובליק האָט ניט געקאָנט זײַנ עפּעס אַנדערש, װי א פאַרענדיקטע, רײנע פאָרמ פונ הערשאַפט פונעמ גאַנצנ בורזשואַזנ קלאַס, איז צי דענ האָט זי געקאָנט זײַנ עפּעס אַנדערש, אײדער די הערשאַפט

פון די אָרלעאַניסטן, דערגאַנצט מיט די לעגיטימיסטן, און פון די לעגיטימיסטן, דערגאַנצט מיט די אָרלעאַניסטן, — א סינטעז פון דער רעסטאַווראַציע און פון דער יולי־מאָנאַרכיע? די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער פון „נאַסיאָנאַל" האָבן ניט פאָרגעשטעלט קיין שום ברייטע פראַקציע פון זייער קלאַס, וואָס זאָל זיך באַזירן אַף אַן עקאָנאָמישן יעסאָד. זייער באַדייַטונג און זייער היסטאָרישער זין איז באַשטאַנען בלויז דערין, וואָס אין דער צייַט פון דער מאָנאַרכיע האָבן זיי, אַלס קעגנזאַץ צו ביידע בורזשואַזע פראַקציעס, וועלכע האָבן געוווּכט בלויז זייער אייגענעם באַזונדערן רעזשים — האָבן זיי אַרויסגערוקט דעם אַלגעמיינעם רעזשים פונעם בורזשואַזן קלאַס, די אַנאָנימע מעלוכע פון דער רעפּובליק, וועלכע זיי האָבן אידעאַליזירט און באַפּוצט מיט אַלטערטימלעכע אַראַבעסקעס, אָבער פריער פון אַלץ האָבן זיי אין איר באַגריסט, פאַרשטייט זיך, די הערשאַפט פון זייער קליקע. די פּאַרטיי פון „נאַסיאָנאַל" איז צעטומלט געוואָרן, ווען בעראָש פון דער רעפּובליק, וואָס זי האָט קאָנסטיטויִרט, האָט זי פּלוצלינג דערזען די פאַראייניקטע ראָיאַליסטן, — אָבער אויך די לעצטע האָבן זיך אין ניט קיין קלענערער מאָס טויע געוועזן אינעם פאַקט פון זייער געמיינזאַמער הערשאַפט. זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז אויב יעדע פון זייערע פראַקציעס, באַזונדער גענומען, איז געווען ראָיאַליסטיש, מוז דער פּראָדוקט פון זייער כימישער פאַראייניקונג אומבאַדינגט זייַן א רעפּובליקאַנישער; זיי האָבן ניט פאַרשטאַנען, אַז די ווייַסע און די בלויע מאָנאַרכיע מוזן זיך נייטראַליזירן אין דער דרייַפאַרביקער רעפּובליק. דער אַנטאַגאָניזם מיטן רעוואָלוציאָנערן פּראָלעטאַריאַט און מיט די איבערגאַנג־קלאַסן, וועלכע זייַנען אַלץ מער און מער נויטע צו אים, ווי צו א צענטער, האָט געצוווּנגען די פאַרשיידענע פראַקציעס פון דער אָרדענונג־פּאַרטיי זיך צו פאַראייניקן אין איין גאַנצעס און זען אייַנהיטן די אָרגאַניזאַציע פון דער דאָזיקער פאַראייניקטער קראַפט. יעדע פון זיי האָט געמוזט קעגן די רעסטאַווראַציע־שטרעבונגען פון דער אַנדערער, קעגן אירע שטרעבונגען צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן — אַרויסשטעלן די געמיינזאַמע הערשאַפט, ד.ה. די רעפּובליקאַנישע פאָרם פון דער בורזשואַזער הערשאַפט. אַזוי אַרום זעען מיר, אַז אין אָנהייב גלייבן נאָך די ראָיאַליסטן אין א באַלדיקער רעסטאַווראַציע, דערנאָך הייבן זיי אָן מיט שוים אַף די ליפּן און מיט טויט־קלאָלעס קעגן איר אייַנהיטן די רעפּובליק, און, ענדלעך, אַנערקענען זיי, אַז צוזאַמענלעבן קאָנען זיי זיך נאָר אין דער רעפּובליק, און זיי לייגן אָפּ די רעסטאַווראַציע אַף אַן אומבאַשטימטער צייַט. דאָס געניסן פון

דער געמיינזאמער הערשאפט גופא האָט פארשטארקט יעדע פון די ביידע פראקציעס און געמאכט זיי פאר נאָך מער אומפייזק און אומ־ווילליק אונטערצוווארפן זיך איינע דער אנדערער, דאָס הייסט, צו רעסטאווירן די מאָנארכיע.

די אָרדענונג־פארטיי האָט אין איר וואל־פראָגראם אָפן פראָקלאמירט די הערשאפט פונעם בורזשואזן קלאס, ד. ה. דאָס פארהיטן די לעבנ־באדינגונגען פאר זיין הערשאפט: דאָס אייגנ־טום, די פאמיליע, די רעליגיע, די אָרדענונג! פאר־שטייט זיך, אויב מע זאָל איר גלייבן, האָט די הערשאפט פון דער בורזשואזיע און די באדינגונגען פון דער דאָזיקער הערשאפט בא־טייט די הערשאפט פון ציוויליזאציע, און דאָס זיינען בלויז געווען די נייטיקע באדינגונגען פאר דער מאטעריעלער פראָדוקציע און פאר די געזעלשאפטלעכע פארהעלטענישן, וואָס שטאמען דערפון ארויס. די אָרדענונג־פארטיי האָט פארמאָגט אומגעהייערע געלט־מיטלען, זי האָט אָרגאניזירט איבער גאנץ פראנקרייך אירע אָפטיילונגען, זי האָט אויסגעהאלטן אפ געהאלט אלע אידעאָלאָגן פון דער אלטער געזעלשאפט, זי האָט געהאט אין איר רעשוס די גאנצע ווירקונג פון דער עקזיסטירנדיקער רעגירונג־מאכט און האָט, ענדלעך, געהאט אן אומזיסט וואסאלן־כאיל אין געשטאלט פון דער גאנצער מאסע קליינבירגער און פויערים, וועלכע זיינען נאָך פארבליבן פונדער־ווייטנס פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג און האָבן אין די אריסטאָקראטישע פאָרשטייער פונעם אייגנטום געזען די נאטירלעכע פאָרשטייער פון זייער קליין־אייגנטום און פון זייערע קליינע פאָרור־טיילן. די אָרדענונג־פארטיי איז אינעם גאנצן לאנד פאָרגעשטעלט געווען דורך א צאָל קלייניקע קיניגלעך און דאָס האָט איר געגעבן די מעגלעכקייט שטרענג צו באשטראָפן, אלס אופשטענדלער, די, וואָס ווארפן אָפ אירע קאנדידאטן, אָפזאָגן אלע ווידערשפעניקע ארבע־טער, ארויסטרייבן די ניט־געהאָרכזאמע באטראקעס, דינערשאפט, האנדל־אָנגעשטעלטע, אייזנבאן־באאמטע, שרייבערס, אלע אָנגעשטעלטע, וואָס זיינען זיי אונטערגעוואָרפן געווען אינעם בירגערלעכן לעבן. ערטער־ווייז, ענדלעך, האָט די פארטיי זיך געקאָנט באנוצן מיט דער באָבע־מייסע, אז די רעפובליקאנישע קאָנסטיטואנטע האָט קלוימערשט גע־שטערט באָנאפארטן צו אנטפלעקן דעם 10־טן דעקאבער זיינע ווונ־דערשאפנדיקע קויכעס. ריידנדיק וועגן דער אָרדענונג־פארטיי, האָבן מיר ניט דערמאָנט וועגן די באָנאפארטיסטן. זיי זיינען ניט געווען קיין ערנסטע פראקציע אינעם בורזשואזן קלאס, — דאָס איז געווען בלויז א געמיש פון אלטע, אבערגלויבערישע אינוואלידן און יונגע,

אומגליקלעכע אוואנטיוריסטן. — די אָרדענונג־פּארטיי האָט געזיגט אפ די וואלן און האָט געשיקט א גרויסע מערהייט אין דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג.

האָבנדיק קעגן זיך די קאָאליציע פון דער קאָנטררעוואָליוציאָנערער בורזשואזיע, האָבן אלע שוין רעוואָליוציאָניזירטע עלעמענטן פון דער קליינבורזשואזיע און פויערטום, נאטירלעך, זיך געמוזט פאַרייניקן מיטן הויפּט־טרעגער פון די רעוואָליוציאָנערע אינטערעסן, מיטן רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאריאט. מיר האָבן געזען, ווי די פּארלאַמענט־מאַפּאָלעס האָבן געשטויסן די דעמאָקראַטישע לידערס פון דער קליינבורזשואזיע אין פּארלאמענט, ד. ה. די בארג, אפ א בונד מיט די סאָציאליסטישע לידערס פונעם פּראָלעטאריאט, ווי אויסערן פּארלאַמענט האָט [דאָס אָפּוּוארפן] די concordats à l'amiable, דאָס ברוטאלע פארטיידיקן די בורזשואזע אינטערעסן און דער באנקראָט געשטויסן די קליינבורזשואזיע צו די ווירקלעכע פּראָלעטאריער. דעם 27־טן יאנואר האָבן די בארג־פּארטיי און די סאָציאליסטן געפייערט זייער שאָלעם. אפן גרויסן פעווראל־באנקעט אין 1849 יאָר האָבן זיי איבערגעכאזערט זייער פאַרייניקונג־אקט. די סאָציאלע און די דעמאָקראַטישע פּאָרטייען, די פּארטיי פונעם ארבעטער־קלאַס און די פּארטיי פון די קליינבירגער, האָבן זיך פאַרייניקט אין דער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּארטיי, ד. ה. אין דער רויטער פּארטיי.

אפ איין אויגנבליק געליימט דורך דער אגאָניע, וואָס איז געקומען נאָך די יוני־טעג, לעבט איבער די פראנצויזישע רעפּובליק פון 14־טן אָקטיאבער אָן, ד. ה. פון זינט עס איז אראָפּגענומען געוואָרן דער באלאגערונג־צושטאנד, א קעסיידערדיקע ריי פיבעראַפּטיקע אופרעגונגען. ערשטנס, דער קאמפּ פאַר דער פּרעזידענטשאַפט, דערנאָך דער קאמפּ צווישן דעם פּרעזידענט מיט דער קאָנסטיטואַנטע; דער קאמפּ ארום די קלובן, דער בורזשער פּראָצעס, וווּ אנטקעגן די קליינלעכע פיגורן פונעם פּרעזידענט, פון די פאַראייניקטע ראָיאליסטן און „פיינע” רעפּובליקאנער, פון דער דעמאָקראַטישער בארג־פּארטיי און די סאָציאליסטישע דאָקטרינערן פונעם פּראָלעטאריאט — זיינען די עכטע רעוואָליוציאָנערן ארויסגעטראָטן, ווי אוראלטע ברוזים, רעשטן פונעם סאָציאלן מאבול אָדער ווי זיינע אָנזאָגערס. די וואַל־אַגיטאַציע, די קעפּונג פון ברעאס מערדער, די אָנופהערלעכע פּרעסע־פּראָצעסן, די גוואלטזאמע פּאָליציייִשע אריינמישונגען פון דער רעגירונג אין די באנקעטן, די פרעכע פּראָוואָקאציעס פון די ראָיאליסטן, דאָס ארויס־

שטעלן לוי־בלאנס און קאָסידיערס פּאָרטרעטן באַם שאַנד־סלופּ; דער אָנופהערלעכער קאמף צווישן דער גרינדונג־פּאַרזאמלונג מיט דער קאָנסטיטויִרטער רעפּובליק, א קאמף, וואָס האָט יעדן אויגנבליק געשטויסן די רעוואָליוציע צוריק צו איר אויסגאנג־פּונקט, האָט יעדעס מאָל פארוואנדלט דעם זיגער אין א באזיגטן און דעם באזיגטן אין א זיגער, האָט אין איין מאָמענט געענדערט די לאגע פון פארטייען און קלאסן, זייערע שפּאַלטונגען און פאַרייניקונגען; דער שנעלער גאנג פון דער אייראָפּעיִשער קאָנטררעוואָליוציע; דער רומפולער קאמף פון די אונגארן, די דייַטשישע אופשטאנדן, די רוימישע עקספּעדיציע, די שענדלעכע מאפּאָלע פון דער פראנצויזישער ארמיי לעבן רוים — אָט אין דעם ווירבל פון דער באוועגונג, אָט אין דעם פּייַן פון היסטאָרישער אומרו, אָט אין דעם דראמאטישן צופלוס און אָפּפלוס פון רעוואָליוציאָנערע לייַדנשאפטן, האָפענונגען און אנטוישונגען האָבן די פארשיידענע קלאסן פון דער פראנצויזישער געזעלשאפט געמוזט ציילן אין וואָכן די אנטוויקלונג־עפּאָכעס זייערע, וואָס זיי פלעגן פריער ציילן אין האלבע יאָרהונדערטער. א באדייַטנדיקער טייל פויערים און פּראָווינצן זייַנען רעוואָליוציאָניזירט געוואָרן. זיי האָבן זיך ניט נאָר אנטוישט אין נאפּאָלעאָנען; די פּארטיי פון די רויטע האָט זיי, אָנשטאָט א נאָמען, געגעבן אן אינהאלט, אָנשטאָט אן איליוזאָרישער באפרייַונג פון שטייַערן — דאָס צוריקערן די מיליארדן, וואָס זייַנען אייַנגעצאָלט געוואָרן די לעגיטימיסטן, א רעגולירונג פון די היפּאָטעקעס און די ליקווידאציע פון דער וווּכערייַ.

די ארמיי גופא איז אָנגעשטעקט געוואָרן מיט רעוואָליוציאָנערן פיבער. אין געשטאלט פון באָנאפּארטן האָט זי געשטימט פאר א ניצאָכן, און געבראכט האָט ער איר א מאפּאָלע. אין זייַן געשטאלט האָט זי געשטימט פארן קליינעם קאפּראל,* וואָס הינטער אים איז באהאלטן געווען דער גרויסער רעוואָליוציאָנערער ארמייען־פירער, און ער האָט איר געגעבן די זעלביקע גרויסע גענעראלן, הינטער וועלכע עס איז באהאלטן געווען א ביז גאָר געוויינלעכער קאפּראל. עס איז קיין ספק ניט, אז די רויטע פּארטיי, דאָס הייסט, די פאראייניקטע דעמאָקראטישע פּארטיי, האָט זיך געמוזט דערשלאָגן אויב ניט א ניצאָכן, איז אלנפאלס א גרויסן דערפאָלג: פּאריזש, די ארמיי, דער גרעסטער טייל פּראָווינצן האָבן געדארפט שטימען פאר איר. לעדרי־ראָלען, דער פירער פון דער בארג, איז אויסגעקליבן געוואָרן אין פינף דעפּארטאמענטן; קיין איינ

* — אזוי האָט מען אין דער ארמיי גערופן נאפּאָלעאָן דעם 1־טן. א י ב ע ר ז.

פירער פון דער אָרדענונג־פּאַרטיי האָט ניט אָפּגעהאַלטן אַזאַ ניצאָכן, און אויך קיין איין נאָמען פון דער אייגנטלעכער אַרבעטער־פּאַרטיי. אָט דער אויסוואַל דעקט אויף פאַר אונדז דעם סאָד פון דער דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי. אויב, פון איין זייט, איז די באַרג, אָט דער פּאַרלאַמענטאַרישער אַוואַנגאַרד פונעם דעמאָקראַטישן קליינבירגערטום, געצוווּנגען געוועזן זיך צו פאַראייניקן מיט די סאָציאַליסטישע דאָקטרינערן פון פּראָלעטאַריאַט, אויב דער פּראָלעטאַריאַט איז נאָכדעם, ווי ער האָט אין יוני געליטן אַ שרעקלעכע מאַטעריעלע מפּלה, געצוווּנגען געוועזן צו זוכן אַ טרייסט אין מאָראַלישע ניצחונות, — ער איז נאָך ניט פייִק געוועזן צו רעוואָליוציאָנערער דיקטאַטור, די איבעריקע קלאַסן זיינען נאָך ניט אַנטוויקלט געוועזן דערצו, און ער האָט זיך געמוזט דעריבער וואַרפן אין די אָרעמס פון די דאָקטרינערן פון זיין באַפרייוּנג, פון די גרינדערס פון סאָציאַליסטישע סעקטעס, — איז פון דער אַנדערער זייט, האָבן זיך די רעוואָליוציאָנערע פויערים, די אַרמיי, די פּראָווינצן געשטעלט אויף דער זייט פון דער באַרג. זי איז אַזוי אַרום געוואָרן די אָנפירערן אינעם רעוואָליוציאָנערן קריג־לאַגער און דורך דער פאַרשטענדיקונג מיט די סאָציאַליסטן האָט זי באַזייטיקט יעטווידער קעגנזאַץ אין דער רעוואָליוציאָנערער פּאַרטיי. אין דער לעצטער העלפט עקזיסטענץ פון דער קאָנסטיטואַנטע האָט די באַרג־פּאַרטיי הויך געהאַלטן איר רעפּובליקאַנישע פאָן און געצוווּנגען צו פאַרגעסן אירע כאַטאָים פאַר דער צייט פון דער צייטווייליקער רעגירונג, פון אויספיר־קאָמיטעט און פון די יוני־טעג. אין דער זעלביקער מאָס, ווי די פּאַרטיי פון „נאַסיאָנאַל“ האָט, אין הסכּם מיט איר האַלביקער נאַטור, געלאָזט זיך אונטערדריקן פונעם ראָיאַליסטישן מיניסטעריום, איז די באַרג־פּאַרטיי, וואָס איז באַזייטיקט געוועזן פון דער אַרענע בעשאַס דער אַלמעכטיקער הערשאַפט פון דער פּאַרטיי פון „נאַסיאָנאַל“, איצט אויפגעשטיגן און זי איז געוואָרן די פאָרשטייערן פון דער רעוואָליוציע אינעם פּאַרלאַמענט. און ווירקלעך, די פּאַרטיי פון „נאַסיאָנאַל“ האָט גאָרנישט ניט געהאַט וואָס אַנטקעגנצושטעלן די איבעריקע ראָיאַליסטישע פראַקציעס, אַכוץ עהרגייציקע פּערזענלעכקייטן און אידעאַליסטישע פּלוידעריי. די באַרג־פּאַרטיי, פאַרקערט, האָט פאָרגעשטעלט די מאַסע, וועלכע וואַקלט זיך צווישן דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט, די מאַסע, וועמעס מאַטעריעלע אינטערעסן האָבן געפאָדערט דעמאָקראַטישע אַנשטאַלטן. זייט בא זייט מיט די קאַוועניאַקס און מאַראַס האָבן לעדריו־ראָלען און די באַרג אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן ווירקלעך זיין אין דער

רעוואָליוציע, און פונעם באוווּסטזיין פון אָט דער וויכטיקער ראָליע האָבן זיי געשעפּט אַלץ מער מוט, וואָס מער די אנטפלעקונג פון זייער רעוואָליוציאָנערער ענערגיע האָט זיך באגרענעצט מיט פּארלאמענטארישע אָנפאלן, מיט צוזאמענשטעלן באשולדיקונג־אקטן, דראָונגען, הייבן די שטים, דונערנדיקע רעדעס און עקסטרעמקייטן, וואָס זיינען ניט געגאנגען ווייטער פון פראזעס. די פויערים האָבן זיך געפונען אומגעפער אין דער זעלביקער לאגע, ווי די קליינבירגער, זייערע סאָציאלע פאָדערונגען זיינען בעערך געווען די זעלביקע. דעריבער האָבן אלע מיטעלע שיכטן פון דער געזעלשאפט, אפ וויפל זיי זיינען פארכאפּט געוואָרן דורכן שטראָם פון דער רעוואָליוציאָנערער באוועגונג, געמוזט זען אין לעדריו־ראָלענען זייער העלד. לעדריו־ראָלען איז געווען דער הויפּט־פּערסאָנאזש פון דער דעמאָקראטישער קליינבורזשואזיע. אינעם קאמף קעגן דער אָרדענונג־פּארטיי האָבן געמוזט ארופשווימען אין דער הייך פריער פאר אַלץ די האלבקאָנסערוואטיווע, האלב־רעוואָליוציאָנערע און אינגאנצן אוטאָפּישע רעפאָרמאטערס פון אָט דעם מין.

די פארטיי פון „נאס אָנאל", „די פריינט פון דער קאָנסטיטוציע quand même" (אום וואָס פאר א פרייז עס זאָל ניט זיין), די républicains purs et simples (ריינע און פּאָשעטע רעפּובליקאנער) זיינען אינגאנצן צעקלאפּט געוואָרן אין די וואלן. א נישטיקע מינדערהייט זייערע איז געשיקט געוואָרן אין דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, זייערע אנערקענטע פירער זיינען פארשוואונדן געוואָרן פון דער טריבונע, אפילע מארא, דער רעדאקטער en chef (הויפּט־רעדאקטער) און אָרפעוס פון דער „פיינער" רעפּובליק.

דעם 29־טן מיי האָט זיך צונויפגעקליבן די לעגיסלאטיווע (געזעצגעבערישע) פארזאמלונג, דעם 11־טן יונ האָט זיך באנייט דער צוזאמענשטויס פון 8־טן מיי. לעדריו־ראָלען איז אין נאָמען פון דער בארג־פארטיי ארויסגעטראָטן מיט א באשולדיקונג־אקט קעגן דעם פּרעזידענט און קעגן דעם מיניסטעריום, ער האָט זיי באשולדיקט אין ברעכן די קאָנסטיטוציע, אין באָמבארדירן רוים. דעם 12־טן יונ האָט די געזעצגעבערישע פארזאמלונג אָפּגעוואָרפן דעם דאָזיקן באשולדיקונג־אקט, פונקט ווי די גרינדונג־פארזאמלונג האָט אים אָפּגעוואָרפן דעם 11־טן מיי, אָבער דאָס מאָל האָט דער פּראָלעטאריאט ארויסגעטריבן די בארג אפן גאס — עמעס, ניט אפ קיין גאסנקאמף, נאָר אפ א גאסן־פּראָצעסיע. עס איז גענוג צו זאָגן, אז די בארג־פארטיי איז געשטאנען בעראָש פון דער דאָזיקער באוועגונג, אום צו וויסן, אז די באוועגונג איז דערשטיקט געוואָרן און אז יונ 1849 יאָר

איז געווענ סײַ א לעכערלעכע, סײַ א ניט־ווירדיקע קאריקאטור אפ יונ 1848 יאָר. דעמ גרויסנ צוריק־טריט פונ 13־טנ יונ האָט פאר־טונקלט בלויז עפשער דער נאָכ גרעסערער באריכט וועגנ דער שלאכט־גופע, וואָס עס האָט צוגעשטעלט שאנגארניע, ווענמע די אָרדענונג־פארטײַ האָט געמאכט פאר א גרויסנ מענטשנ. יעדע געזעלשאפט־לעכע עפּאָכע נייטיקט זיכ אינ אירע גרויסע מענטשנ, און אויב אזוינע זײַנענ ניטאָ, דערפינדט זי זיי — ווי עס זאָגט העלוועציוס.

דעמ 20־טנ דעקאבער האָט עקזיסטירט בלויז איינ העלפט פונ דער קאָנסטיטויִרטער בורזשואזער רעפּובליק, דער פרעזידענט; דעמ 29־טנ מײַ איז זי דערגאנצט געוואָרנ מיט דער צווייטער העלפט, מיט דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג. אינ יונ 1848 יאָר האָט די זיכ קאָנסטיטויִרנדיקע בורזשואזע רעפּובליק ארײַנגע־טראָגנ איר נאָמענ אינעמ מעטריקעס־בוכ פונ דער געשיכטע דורכ אנ אומדערהערטער שלאכט קעגנ דעמ פּראָלעטאריאט; אינ יונ 1849 יאָר האָט זיכ די שוינ קאָנסטיטויִרטע בורזשואזע רעפּוב־ליק ארויסבאוויזנ דורכ אנ אויסערגעוויינלעכער קאָמעדיע, וואָס איז אָפּגעשפּילט געוואָרנ מיט דעמ קלייִנבירגערטומ. יונ 1849 יאָר האָט נעקאָמע גענומענ פארנ יונ 1848 יאָר. אינ יונ 1849 יאָר זײַנענ באזיגט געוואָרנ ניט די ארבעטער, נאָר די קלייִנבירגער, וועלכע זײַנענ געשטאנענ צווישנ זיי און דער רעוואָליוציע. יונ 1849 יאָר איז געווענ ניט קיינ בלוטיקע טראגעדיע, וואָס האָט זיכ אָפּגע־שפּילט צווישנ דער לוינ־ארבעט און דעמ קאפּיטאל, נאָר א קלאָ־געדיקע, מיט טורמע־פּאָלגנ, פאָרשטעלונג, וואָס האָט זיכ אָפּגעשפּילט צווישנ דעמ באלכוי׳ו און דעמ קרעדיטער. די אָרדענונג־פארטײַ האָט געזיגט, זי איז געווענ אלמעכטיק — איצט האָט זי געמוזט ווײַזנ, וואָס זי איז.

III. פון 13-טן יונ 1849 ביזנ 10-טנ מא־ט 1850

(פונעם 3־טנ העפט)

דעם 20־טנ דעקאבער האָט דער יאנוס־קאָפּ פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק באוויזנ נאָר איינ פּאָנעם זיַינעם, דעם אויספיר־פּאָנעם, מיט לוי־באָנאפּארטס צעשוואומענע פלאכע שטריכנ. דעם 29־טנ מיַי באוויַיזט ער דעם צווייטנ פּאָנעם זיַינעם, דעם געזעצגעבערישנ, פול באדעקט מיט שראמענ, וואָס זיַינענ פארבליבנ נאָכ די אָרגיעס פונ דער רעסטאווראציע און פונ דער יול־מאָנארכיע. די געזעצגעברישע נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט באקרוינט דעם ביניענ פונ דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק, ד. ה. פונ דער רעפּובליקאנישער מעלוכע־פאָרם, אינ וועלכער עס האָט געפונענ איר אויסדרוק די הערשאפט פונעם בורזשואזנ קלאס, דאָס הייסט, די געמיינזאמע הערשאפט פונ דיביידע גרויסע ראָיאליסטישע פראקציעס, וועלכע בילדנ די פראנצויזישע בורזשואזיע, די הערשאפט פונ די פאראייניקטע לעגיטימיסטנ און אָרלעאניסטנ, פונ דער אָרדענונג־פארטיי. אינ דער ציַיט, ווענ די פראנצויזישע רעפּובליק איז אזויארום געוואָרנ אנ אייגנטום פונ דער קאָאליציע פונ די ראָיאליסטישע פארטייענ, האָט די אייראָפּייִשע קאָאליציע פונ קאָנטר־רעוואָליוציאָנערע מעלוכעס אונטערגענומענ אנ אלגעמיינעם קרייץ־צוג קעגנ די לעצטע אָרעמיקלעט פונ די מארט־רעוואָליוציעס. רוסלאנד האָט זיכ אריַינגעריסנ אינ אונגארנ, דאָס פריַיסישע מיליטער איז ארויסגעטראָטנ קעגנ דער ארמיי פונ דער מעלוכע־קאָנסטיטוציע, און אודינאָ האָט באָמבארדירט רוים. דער אייראָפּייִשער קריזיס האָט זיכ באשיַימפּערלעכ דערנעענטערט צום אנטשיידנדיקנ ווענד־פונקט. די אויגנ פונ גאנצ אייראָפּע זיַינענ געווענדט אפ פאריזש, און די אויגנ פונ גאנצ פאריזש — אפ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג.

דעם 11־טנ יונ איז לעדריו־ראָלענ ארופ אפ איר טריבונע. ער האָט ניט געהאלטנ קיינ רעדע, ער האָט בלויז פאָרמולירט די באַ־

שולדיקונג קעגן די מיניסטאָרן, א נאקעטע, ניט קיין באפוצטע, א
פאקטישע, א קאָנצענטרירטע, א מעכטיקע באשולדיקונג.

דער אָנגריף אף רוימ איז אן אָנגריף אף דער קאָנסטיטוציע,
דער אָנגריף אף דער רוימישער רעפובליק איז אן אָנגריף אף דער
פראנצויזישער רעפובליק. דער 5־טער ארטיקל פון דער קאָנסטיטוציע
זאָגט: „די פראנצויזישע רעפובליק וועט קיינמאָל ניט באנוצן אירע
מיליטערישע קויכעס קעגן דער פרייהייט פון א וועלכן־ניט־איז
פאָלק", און דאָ ווענדט אָן דער פרעזידענט דאָס פראנצויזישע מיליטער
קעגן דער רוימישער פרייהייט. דער פערטער ארטיקל פון דער
קאָנסטיטוציע פארווערט דער אויספיר־מאכט צו דערקלערן אוועקבע־
ניט־איז מילכאָמע אָן דעמ העסקעמ פון דער נאציאָנאלער פארזאמ־
לונג. דער באשלוס פון דער גרינדונג־פארזאמלונג דעמ 8־טן מיי
באפעלט קאטעגאָריש די מיניסטאָרן וואָס גיכער אומצוקערן די רוי־
מישע עקספעדיציע צו איר אָפּערשטן ציל, ער פארווערט, אלזאָ,
ניט וויניקער אויסדריקלעך די מילכאָמע קעגן רוימ, — און דאָ
באָמבארדירט אודינאָ רוימ. לעדריו־ראָלען האָט אזויארום גערופן די
קאָנסטיטוציע אליין פאר אן איידעס קעגן באָנאפארטן מיט זיינע
מיניסטאָרן. דער ראָיאליסטישער מערהייט פון דער פארזאמלונג האָט
ער, דער טריבון פון דער קאָנסטיטוציע, אין פּאָנעמ אריין געוואָרפן
די דראָענדיקע דערקלערונג: „די רעפובליקאנער וועלן קאָנען מיט
אלע מיטלען צווינגען אייך צו שעצן די קאָנסטיטוציע, אפילע מיט
דער קראפט פון געווער!". „מ י ט ד ע ר ק ר א פ ט פ ו ן ג ע ו ו ע ר!"
האָט איבערגעכאזערט דאָס הונדערטפאכע עכאָ פון דער בארג־פארטיי.
די מערהייט האָט געענטפערט מיט א מוירעדיקן טומל, דער פרע־
זידענט פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג האָט גערופן לעדריו־ראָ־
לענען צו אָרדענונג, לעדריו־ראָלען האָט איבערגעכאזערט זיין
ארויסרופערישע דערקלערונג און האָט צומ שלוס אוועקגעלייגט צומ
פרעזידענט אפן טיש דעמ פאָרשלאג איבערצוגעבן צומ געריכט באָ־
נאפארטן און זיינע מיניסטאָרן. די נאציאָנאלע פארזאמלונג האָט מיט
א מערהייט פון 361 קעגן 203 שטימען באשלאָסן פּאָשעט אריבער־
גיין איבער דער באָמבארדירונג פון רוימ צו די לויפנדיקע איניאָנימ.

צי דען האָט לעדריו־ראָלען געהאָפט צו באזיגן די נאציאָנאלע
פארזאמלונג מיט דער הילף פון דער קאָנסטיטוציע, און דעמ פרע־
זידענט מיט דער הילף פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג?

אוואדע האָט די קאָנסטיטוציע פארבאָטן יעטווידער אָנפאל אף דער
פרייהייט פון פרעמדע פעלקער, אָבער אין די אויגן פונעמ מיניס־
טעריומ איז די פראנצויזישע ארמיי אָנגעפאלן אין רוימ ניט אף

דער „פֿרײַהײַט“, נאָר אױפֿנ „דעספּאָטיזמ פֿונ דער אַנאַרכיע“. האָט דענ די באַרג, טראָצ דער גאַנצער דערפֿאַרונג אירער אינ דער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג, נאָכ אַלצ ניט פֿאַרשטאַנענ, אַז אױסטײַטשנ די קאָנסטיטוציע קאָנענ ניט די, װעלכע האָבנ זי צונױפֿגעשטעלט, נאָר די, װאָס האָבנ זי אָנגענומענ? אַז דעמ טעקסט אירנ דאַרפֿ מענ אױסטײַטשנ אינ זײַנ לעבנפֿײַיקנ זינענ און אַז דער בורזשואַזער זינענ איז איר אײנציקער לעבנפֿײַיקער זינענ? אַז באָנאַפּאַרט און די ראָיאַליסטישע מערהײַט פֿונ דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג זײַנענ די ריכטיקע אױסטײַטשער פֿונ דער קאָנסטיטוציע, פּונקט װי דער גאַלעכ איז דער ריכטיקער אױסטײַטשער פֿונ דער ביבל און דער ריכטער — דער ריכטיקער אױסטײַטשער פֿונעמ געזעצ? פֿאַרװאָס זאָל עס די פֿאַרזאַמלונג, װאָס איז נאָרװאָס אַרױס פֿינ שױס פֿונ אַלגעמײנע װאַלנ, זיכ פֿילנ געבונדנ מיט דער צװאַװע פֿונ דער טױטער קאָנסטיטוציע, בײַס אַנ אָדילאָנ באַראָ האָט געבראָכנ איר לעבעדיקנ װילנ? פֿאַרופֿנדיק זיכ אַפֿ דער קאָנסטיטואַנטעס באַשלוסנ פֿונ 8־טנ מײַ, האָט לעדריו־ראָלענ פֿאַרגעסנ, אַז די זעלביקע קאָנסטיטואַנטע האָט דעמ 11־טנ מײַ אָפּגעװאָרפֿנ זײַנ ערשטנ פֿאָרשלאַג איבערצוגעבנ צומ געריכט באָנאַפּאַרטנ מיט זײַנע מיניסטאָרנ, אַז זי האָט פֿרײַגעשפּראָכנ דעמ פּרעזידענט און זײַנע מיניסטאָרנ און האָט אַזױאַרומ סאַנקציאָנירט די באָמבאַרדירונג פֿונ רױמ אַלס „קאָנסטיטוציאָנעלע“; ער האָט פֿאַרגעסנ, אַז ער אַלײנ האָט אַפּעלירט קעגנ דעמ שױנ אָנגענומענעמ באַשלוס, אַז ער האָט אַפּעלירט פֿונ דער רעפּובליקאַנישער גרינדונג־פֿאַרזאַמלונג צו דער ראָיאַליסטישער געזעצגעבערישער פֿאַרזאַמלונג. די קאָנסטיטוציע אַלײנ װענדט זיכ צו דער הילפֿ פֿונ אַנ אױפֿשטאַנד, װענ זי רופֿט אינ אַ באַזונדער אַרטיקל יעדנ אײנציקנ בירגער אָפּצוהיטנ זי. לעדריו־ראָלענ האָט זיכ פֿאַרופֿג אַפֿ דעמ דאָזיקנ אַרטיקל, אָבער צי דענ זײַנענ ניט אַפֿ צו פֿאַרטײדיקנ די קאָנסטיטוציע גלײַכצײַטיק אָרגאַניזירט די געזעלשאַפֿטלעכע מאַכטנ; און צי דענ הײבט זיכ ניט אָנ דאָס אױװער זײַנ אַפֿ דער קאָנסטיטוציע טאַקע פֿונ דעמ מאָמענט, װענ אײנע פֿונ די געזעלשאַפֿטלעכע קאָנסטיטוציאָנעלע מאַכטנ שטײט אױפֿ קעגנ דער אַנדערער? — און דאָ האָט צװישנ דעמ פּרעזידענט פֿונ דער רעפּובליק, די מיניסטאָרנ פֿונ דער רעפּובליק, דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג פֿונ דער רעפּובליק געהערשט האַרמאָנישע אײַנפֿאַרשטאַנדיקײַט.

דאָס, װאָס די באַרג־פּאַרטײ האָט זיכ געפּרוּװט דעמ 11־טנ יונ, איז געװענ „אַ נ אױפֿשטאַנד אינ די גרענעצנ פֿונ רײנעמ פֿאַרנונפֿט“, ד. ה. אַ רײנ פּאַרלאַמענטאַרישער

אופשטאנד. די מערהייט פון דער פארזאמלונג, דערשראָקן פאר דער פערספעקטיוו פון א באוואָפנטן אופשטאנד פון די פאָלק־מאסן, האָט געוואָלט, אין דער געשטאלט פון נאפּאָלעאָנען און פון זיינע מיניסטאָרן, פארניכטן איר אייגענע מאכט און די באדייטונג פון אירע אייגענע וואלן. האָט דען די קאָנסטיטואנטע זיך ניט געפּרוווט אפּ אנ ענלעכן אויפן צו קאסירן דאָס אויסוויילן באָנאפּארטן, בעשאס זי האָט אזוי הארטנעקיק געפאָדערט די דעמיסיע פון באראָ־פאלוס מיניסטעריום?

עס האָבן ניט געפעלט קיין ביישפּילן פון דער עפּאָכע פון קאָנווענט, ווען פארלאמענטארישע אופשטאנדן פלעגן פלוצלינג ארויסרופן א גרינטלעכע איבערקערעניש אין די פארהעלטענישן צווישן דער מערהייט און דער מינדערהייט, — פארוואָס זשע זאָל זיך דער יונגער בארג נישט איינגעבן דאָס, וואָס עס פלעגט זיך איינגעבן דער אלטער? אכוץ דעם האָבן די אומשטענדן פונעם געגעבענעם מאָמענט ניט אויסגעזען צו זיין אומגינסטיק פאר אזא אונטערנעמונג. די פאָלק־אופרעגונג אין פאריז האָט דערגרייכט ביז א געפערלעכער מדרגע. אויב מע זאָל אורטיילן לויט דער אָפּשטימונג, איז די ארמיי ניט געווען נויטע צו דער רעגירונג, די מערהייט פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג איז נאָך געווען צו יונג און האָט נאָך ניט באוויזן זיך צו קאָנסאָלידירן, דערצו נאָך איז זי באשטאנען בלויז פון אלטע לייט. ווען דער בארג וואָלט זיך געווען איינגעבן דער פארלאמענטארישער אופשטאנד, וואָלט דער רודער פון דער מעלוכע־מאכט אריבער דירעקט צו איר אין די הענט. דאָס דעמאָקראטישע קליינבירגערטום פון זיין זייט האָט, ווי שטענדיק, קיין זאך ניט געוואָלט אזוי לייַדנשאפטלעך, ווי אז דער קאמף זאָל פארקומען איבער זיינע קעפּ, אין די וואָלקנס, צווישן די פארלאמענטארישע מייסים־גייסטער; ענדלעך, דורך א פארלאמענטארישן אופשטאנד וואָלטן ביידע — דאָס דעמאָקראטישע קליינבירגערטום און זיין פאָרשטייער, די בארג־פארטיי, — דערגרייכט זייער גרויסן ציל: צעברעכן די מאכט פון דער בורזשואזיע, ניט צעבינדנדיק די הענט דעם פּראָלעטאריאט, אָדער באוויזנדיק אים בלויז אין דער פערספעקטיוו. זיי וואָלטן אויסגענוצט דעם פּראָלעטאריאט, אָן שום סאקאָנע פאר זיך.

דעם 11־טן יוני, נאָך דער אָפּשטימונג פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג, איז פאָרגעקומען א באגעגעניש צווישן אייניקע מיטגלידער פון דער בארג־פארטיי מיט דעלעגאטן פון די געהיימע ארבעטער־געזעלשאפטן. די דעלעגאטן האָבן געפאָדערט, אז מע זאָל אָנ־

הייבנ דעם אופשטאנד נאָכ אינ דעם זעלביקנ אָוונט. די בארג האָט קאטעגאָריש אָפגעוואָרפנ דעם דאָזיקנ פלאנ. זי האָט בעשומויפנ ניט געוואָלט ארויסלאָזנ פונ אירע הענט די אָנפירונג מיט דער באַוועגונג. צו אירע פארבינדעטע האָט זי זיכ באצויגנ מיטנ זעלביקנ כשאד, ווי צו אירע סאָנים, אונ זי איז געווענ גערעכט. די דעריי־נערונג ווענגנ יונ 1848 יאָר האָט נאָכ קיינמאָל אזוי לעבהאפט ניט גערעגט די רייענ בונ פאריזשער פראָלעטאריאט. אונ דאָכ איז דער פראָלעטאריאט געווענ געבונדנ דורכנ בונד מיט דער בארג־פארטיי. זי האָט אינעם פארלאמענט פאָרגעשטעלט דעם גרעסטנ טייל דע־פארטאמענטנ, זי האָט איבערגעטריבנ איר איינפלוס אינ דער ארמיי, זי האָט פארמאָגט אינ איר רעשוס דעם דעמאָקראטישנ טייל פונ דער נאציאָנאלער גווארדיע, אפ איר זייט איז ענדלעכ געווענ דער מאָראלישער אווטאָריטעט פונעם קלייניעם קרעמל. אָנהייבנ אינ דעם מאָמענט אנ אופשטאנד קעגנ דעם ווילנ פונ דער בארג — דאָס וואָלט פארנ פראָלעטאריאט, וועמעס רייענ עס זיינענ דערצו נאָכ שיי־טער געוואָרנ פונ דער כאָלערע אונ פונ דער ארבעטלאָזיקייט, וואָס האָט פארטריבנ א באדייטנדיקע מאסע פראָלעטאריער פונ פאריזש, — דאָס וואָלט פאר אים באטייט אָנ שום נוצנ איבערכאזערנ די יונ־טעג פונ 18 8 יאָר אָנ דער סיטואציע, וועלכע האָט אימ דעמאָלט געשטויכנ אפ אזא פארצווייפלטנ קאמפ. די פראָלעטארישע דעלעגאטנ האָבנ געטאָנ דאָס איינציקע ראציאָנעלע, זיי האָבנ פארפליכטעט די בארג זיכ צו קאָמפראָמעטירנ, ד. ה. ארויסצוטרעטנ פונ די גרענעצנ פונעם פארלאמענטארישנ קאמפ, אויב די פארזאמלונג וועט אָפווארפנ איר באשולדיקונג־אקט. אינ מעשעכ פונעם גאנצנ 13־טנ יונ פארנעמט דער פראָלעטאריאט די זעלביקע סקעפטישע באַאָבאכטנדיקע פאָזיציע אונ ווארט אויס אפ דעם ערנסטנ, אנטשיידנדיקנ צוזאמענשטויס צווישנ דער דעמאָקראטישער נאציאָנאלער גווארדיע אונ דער ארמיי, קעדיי דעמאָלט זיכ צו ווארפנ אינ קאמפ אינ זיי שטויסנ די רעוואָלוציע ווייטער פונ דעם קלייבירגערלעכנ ציל, וואָס איז איר אָנגעבונדנ געוואָרנ. אפנ פאל פונ א ניצאָכנ איז שוינ אָרגאניזירט געווענ א פראָלעטארישע קאָמונע, וועלכע האָט געדארפט ארויסטרעטנ צוגלייכ מיט דער אָפיציעלער רעגירונג. די פאריזשער ארבעטער האָבנ געלערנט פונ דער בלוטיקער שול אינ יונ 1848.

דעם 12־טנ יונ האָט דער מיניסטער לאקראָס אליינ אריינגע־טראָגנ אינ דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג א פאָרשלאָג אריי־בערצוגייג צומ באלדיקנ באטראכטנ דעמ באשולדיקונג־אקט. פאר דער נאכט האָט די רעגירונג אָנגענומענ אלע מיטלענ אפ צו באשיצנ זיכ

און אפ אָנגרײַפן; די מערהײַט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג איז געווען אנטשלאָסן ארויסצוטרײַבן אפן גאס די בונטארישע מינדערהײַט, די מינדערהײַט אליין האָט שוין ניט געקאָנט צוריקטרעטן, דער גוירל איז געווען געוואָרפן: 377 שטימען קעגן 8 האָבן אָפּגעוואָרפן דעם באשולדיקונג־אקט; די בארג, וואָס האָט זיך אָפּגעהאלטן פון שטימען, אויסער זיך פון אופרעגונג, גיט זיך א לאָז אין די פּראָפּאגאנדע־זאלן פון דער „פרידלעכער דעמאָקראַטיע“, אין ביוראָ פון דער צײַטונג „Démocratie pacifique“.

דאָס פארלאָזן דעם פארלאמענט־ביניען האָט אָנמעכטיק געמאכט די בארג־פארטיי, פונקט ווי עס פלעגט אָנמעכטיק ווערן דער ניגאנט אנטעוס, פארלירנדיק די בארירונג מיט דער מוטער־ערד. א שימשון־האגיבער אין די ווענט פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג, איז די בארג געווען א פּאָשעטער פיליסטער אין די זאלן פון דער „פרידלעכער דעמאָקראטיע“. עס האָט זיך אָנגעהויבן א לאנגע, טומלדיקע און פוסטע דיסקוסיע. די בארג איז געווען אנטשלאָסן צו צווינגען אכטן די קאָנסטיטוציע, ניט אָפּשטעלנדיק זיך פאר קיינע מיטלען, „אכוץ דער קראפט פון געווער“. אין דעם דאָזיקן באשלוס האָט זי געשטיצט דער מאניפעסט און א דעפּוטאציע פון די „פרײַנט פון דער קאָנסטיטוציע“. „פרײַנט פון דער קאָנסטיטוציע“ — אזוי האָבן זיך גערופן די רעשטן פון דער קליקע פון „נאסיאָנאל“, פון דער בורזשואז־רעפּובליקאנישער פארטיי. אין דער צײַט, ווען פון אירע גאנצע פארבליבענע פאָרשטייער אין פארלאמענט האָבן נאָר זעקס געשטימט קעגן און אלע איבעריקע האָבן געשטימט פאר אָפּוואַרפן דעם באשולדיקונג־אקט, אין דער צײַט, ווען קאוועניאק האָט זײַן שווערד איבערגעגעבן אין רעשוס פון דער אָרדענונג־פארטיי, — האָט זיך א מער אָדער ווייניקער באדײַטנדיקער אויסערפארלאמענטישער טייל פון דער קליקע דורשטיק אָנגעכאפּט פאר דער געלעגנהײַט ארויסצוגיין פון דער לאגע פון פּאָליטישע פּאריער און דורכצושטופּן זיך אין די רייען פון דער דעמאָקראטישער פארטיי. און בעעמעס, זײַנען זיי דען ניט געווען די נאטירלעכע שילד־טרעגערס פון דער דאָזיקער פארטיי, וועלכע האָט זיך באהאלטן הינטער זייער שילד, הינטער זייער פּרינציפּ, הינטער דער קאָנסטיטוציע?

צו באגינען האָט די „בארג“ געבוירן. זי האָט געבוירן א „פּראָקלאמאציע צום פאָלק“, וועלכע האָט אינדערפרי דעם 13־טן יוני פארנומען א מער אָדער ווייניקער באשיידענעם ווינקל אין צוויי סאָציאליסטישע צײַטונגען. זי האָט דערקלערט „אויסער דער קאָנסטיטוציע“ (hors la constitution) דעם פּרעזידענט,

די מיניסטאָרן און די מערהײַט פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג און האָט גערופן די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, די אַרמײ און ענדלעך אויך דאָס פאָלק, עס זאָל „זיך אופהייבן". „זאָל לעבן די קאָנסטיטוציע"! איז געווען דער פאַראָל, וועלכן זי האָט אַרויסגעשטעלט, דער פאַראָל, וואָס האָט באַטײַט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי „אַראָפ די רעוואָלוציע!".

דער קאָנסטיטוציאָנעלער פּראָקלאַמאַציע פון דער באַרג האָט אַנטשפּראָכן אַן אַזויגערופענע פרידלעכע דעמאָנסטראַציע פון די קליינבירגער דעם 13־טן יונ ד. ה. אַ גאַסן־פּראָצעסיע פון Château d' Eau דורך די בולוואַרן; 30 טויזנט מענטשן, ס'ראָוו נאַציאָנאַלע גוואַרדייער, אָן געווער, אויסגעמישט מיט די מיטגלידער פון די געהיימע אַרבעטער־סעקציעס, זײַנען געגאַנגען איבער די בולוואַרן מיט געשרייען: „זאָל לעבן די קאָנסטיטוציע". בא די דעמאָנסטראַנטן אַליין האָבן די דאָזיקע אויסרופן געקלונגען מעכאַניש, קאַלט, מיט אַ בייזן געמיט. און דער אויפעם, וואָס האָט זיך געשטופּט אַף די טראָטואַרן, האָט אָפּגעענטפערט אַף די אויסרופן מיט אַן איראָנישן עכאָ, אַנשטאָט צו פאַרשטאַרקן זיי ביז צו אַ דונער־געדריש. דעם פילשטימיקן געזאַנג האָט געפעלט די ברוסט־שטימע. ווען די פּראָצעסיע האָט זיך אויסגעגלײַכט מיט דער געבײַדע, ווו עס זײַנען געזעסן די „קאָנסטיטוציע־פרײַנט", האָט זיך אַף זײַן פראָנטאָן באַוויזן אַ געדונגענער „קאָנסטיטוציע"־העראָלד; פאָכנדיק מיט אַלע קויכעס מיט זײַן קלאַקער־הוט אין דער לופט, האָט ער אײַנגעריסן זײַנע אומגעהייערע לונגען און האָט אַראָפּגעוואָרפן אַף די קעפּ פון די פּיליגרימען אַ גאַנצן האָגל מיט אויסרופן: „זאָל לעבן די קאָנסטיטוציע! זאָל לעבן די קאָנסטיטוציע!". איין מאָמענט האָבן זיך, דוכט זיך, די אָנטיילנעמער פון דער פּראָצעסיע אַליין אונטערגעגעבן דעם קאָמיזם פון דער סיטואַציע. עס איז באַקאַנט, וואָס פאַר אַ ווײַט ניט קיין פאַרלאַמענטאַרישן אופנעם די פּראָצעסיע האָט באַקומען באַם עק פון דער rue de la Paix פון די דראַגונער און פון שאַנגאַרניעס יעגערס, ווי זי איז זיך אין איין אויגנבליק צעלאָפן אין אַלע פיר זײַטן, און לויפנדיק געוואָרפן הינטער זיך שיטערע אויסרופן: „צו געווער!" קעדיי אַף אַזאַ אופן זאָל מעקויעם ווערן דער רוף פון 11־טן יונ צו וואָפן.

די מערהײַט מיטגלידער פון דער באַרג־פּאַרטיי, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אַף דער rue du Hazard, זײַנען זיך צעלאָפן, ווען דאָס צעטרײַבן איבערגוואַלד די פרידלעכע פּראָצעסיע, די דומפּע קלאַנגען וועגן דערמאָרדונגען פון אומבאַוואָפנטע בירגער אַף די בולוואַרן,

דער אלץ וואקסנדיקער טומל אין די גאסן, — ווען אלץ האָט געשיינט אָנ־צוזאָגן די דערנעענטערונג פון אַן אופשטאנד: לעדרי־ו־ראָלען האָט בעראָש פון א קליינער גרופּע דעפּוטאטן געראטעוועט דעם קאָוועד פון דער בארג. אונטערן שוץ פון דער פּאריזשער ארטילעריע, וועלכע האָט זיך צונויפגעקליבן אין Palais National, זיינען זיי אוועק אין דער Conservatoire des arts et métiers (הויכשול פון קונסט און געווערב), וווהין עס האָבן געדארפט קומען דער פינפטער און זעק־סטער לעגיאָנען פון דער נאציאָנאלער גווארדיע. די מאָנטאניארן* האָבן אָבער אומזיסט געווארט אפן 5־טן און 6־טן לעגיאָנען; די דאָזיקע פּאָרזיכטיקע נאציאָנאלע גווארדייער האָבן געלאָזט זייערע פאָרשטייער אפ זייער אייגענעם בארעָט; די פּאריזשער ארטילעריע ווידער האָט אליין געשטערט דעם פּאָלק צו בויען באריקאדן; דער כאאָס און טומל האָבן אומעגלעך געמאכט יעטווידער באשלוס, דאָס רעגולערע מיליטער האָט זיך דערנעענטערט מיט אויסגעשטרעקטע באגנעטן, איין טייל דעפּוטאטן איז גענומען געוואָרן אין געפענקעניש, א צווייטער טייל האָט זיך באהאלטן. אזוי האָט זיך געענדיקט דער 13־טער יוני.

אויב דער 23־טער יוני 1848 יאָר איז געווען א טאָג פון אופ־שטאנד פונעם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאריאט, איז דער 13־טער יוני 1849 יאָר געווען דער טאָג פון אופשטאנד פונעם דעמאָקראָ־טישן קליינבירגערטום; יעדער פון די דאָזיקעביידע אופשטאנדן איז געווען דער קלאסיש־ריינער אויסדרוק פון דעם קלאס, וואָס האָט אים אופגעהויבן.

בלויז אין ליאָן איז דערגאנגען צו א פאראקשנטן, בלוטיקן קאָנ־פליקט. אין דער דאָזיקער שטאָט, ווו די אינדוסטריעלע בורזשואזיע און דער פאבריק־פּראָלעטאריאט שטייען דירעקט איינער קעגן דעם אנדערן, ווו די ארבעטער־באוועגונג איז ניט איינגעשלאָסן, ווי אין פּאריזש, אין די ראמען פון דער אלגעמיינער באוועגונג און ווערט דורך איר ניט באשטימט, דאָ האָט די אָפּשפּיגלונג פון 13־טן יוני פארלאָרן איר אורשפּרינגלעכן כאראקטער. אין די איבעריקע ערטער אין דער פּראָווינץ האָט דער דאָזיקער קלאפּ, אפ וויפל ער האָט זיך דאָרט אָפּגערופן, אינערגעץ ניט ארויסגערופן קיין סוייפּע — דאָס איז גע־ווען א קאלטער בליץ.

דעם 13־טן יוני ענדיקט זיך דער ערשטער לעבנ־פּעריאָד פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק, וואָס האָט אָנגעהויבן איר נאָרמאלע עקזיסטענץ דעם 29־טן מיי 1849 יאָר, מיט

* — אָנהענגער פון דער בארג־פּארטיי. איבערז.

דער עפענונג פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג. די גאנצע צײַט, וואָס דער דאָזיקער פראָלאָג האָט געדויערט, איז פארפולט געווען מיט א טומלדיקן קאמף צווישן דער אָרדענונג־פארטיי און די מאָנטאניארן, צווישן דער גרויס־בורזשואזיע און דעם קליינבירגערטום; אומזיסט פרווט זיך די קליין־בורזשואזיע אנטקעגנשטעלן דער אײַנריכטונג פון א בורזשואזער רעפובליק, פאר וועלכער זי אליין האָט אָן אופהער קאָנספירירט אין דער צײַטווײַליקער רעגירונג און אין דער אויספיר־קאָמיסיע, פאר וועלכער זי האָט זיך אליין מיט פארביטערונג געשלאָגן קעגן פראָלעטאריאט אין די יוני־טעג. דער 13־טער יוני האָט צעבראָכן איר ווידערשטאנד און האָט געמאכט די געזעצגעבערישע דיקטאטור פון די פארייניקטע ראָיאליסטן פאר א געשעענעם פאקט. פון דעם מאָמענט אָן איז די נאציאָנאלע פארזאמלונג בלויז א קאָמיטעט פון געזעלשאפטלעכער שוץ בא דער אָרדענונג־פארטיי.

פאריזש האָט אוועקגעשטעלט דעם פרעזידענט, די מיניסטאָרן און די מערהײַט פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג אין דער „לאגע פון אָנגעקלאָגטע", — זיי האָבן דערקלערט פאריזש אין א „באלאגערונג־צושטאנד". די בארג האָט דערקלערט די מערהײַט פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג „אויסער דער קאָנסטיטוציע". די מערהײַט ווידער פון איר זײַט האָט איבערגעגעבן די בארג צום העכסטן געריכט פאר אויוועער זײַן אפ דער קאָנסטיטוציע און האָט פראָסקריבירט אלץ, וואָס עס האָט נאָך אין איר פארמאָגט לעבן־קראפט. געבליבן פון איר איז בלויז דער גוף, אָן א קאָפ און אָן א הארץ. די מינדערהײַט איז דערגאנגען ביז צו א פרווו פון א פארלאמענטארישן אופשטאנד, די מערהײַט האָט דערפירט איר פארלאמענטארישן דעספאָטיזם ביז צו דער מאדרייגע פון א געזעץ. זי האָט דעקרעטירט א נײַעם פארלאמענטארישן רעגלאמענט, וועלכער האָט פארניכטעט די פרײַהײַט פון דער טריבונע און האָט געגעבן דעם פרעזידענט פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג דאָס רעכט צו באשטראָפן די דעפוטאטן פאר שטערן די אָרדענונג מיט אָפנעמען דאָס וואָרט, מיט געלט־שטראָפן, מיט אָפנעמען דאָס געהאלט, מיט צײַטווײַליקן דערווײַטערן פונעם פארלאמענט, מיט קארצער. איבערן גוף פון דער בארג האָט די מערהײַט אופגעהאנגען ניט קיין שווערד, נאָר א רוט. דער ערנכויוו וואָלט געפאָדערט, אז די גאנצ־געבליבענע בארג־דעפוטאטן זאָלן דעמאָנסטראטיוו ארויס פון דער פארזאמלונג. אזא מין אקט וואָלט פארגיכערט די צעפאלונג פון דער אָרדענונג־פארטיי. זי וואָלט זיך געמוזט צעפאלן אפ אירע

אורשפּרינגלעכע באשטאנד־טיילן פון דעם מאָמענט אָן, ווען אפילע קיין שיין פון א קעגנזאץ וואָלט זיי מער ניט פאראייניקט צוזאמען.

גלייכצייטיק מיט זייער פּאַרלאַמענטארישער קראפט איז בא די דעמאָקראַטישע קליינבירגער אָפּגענומען געוואָרן אויך זייער באוואָפנטע קראַפט. די רעגירונג האָט פאנאנדערגעלאָזן די פּאַריזער ארטילעריע און אויך דעם 8־טן, 9־טן און 12־טן לעגיאָנען פון דער נאציאָנאַלער גווארדיע. פּאַרקערט, דער לעגיאָן פון דער פינאנץ־אריסטאָקראַטיע, וועלכער איז דעם 13־טן יוני אָנגעפאלן אף בולעס און רוס דרוקעריען, האָט צעהאקט די דרוק־מאשינעס, כאָרעוו געמאכט די רעדאקציעס פון די רעפּובליקאנישע צייטונגען און האָט ווילקירלעך ארעסטירט זייערע רעדאַקטאָרן, זעצערס, דרוקערס, עקספּעדיטערס און קוריערן — ער האָט באקומען א דערמונטערונג פון דער טריבונע פון דער נאציאָנאַלער פאַרזאמלונג. איבער גאנץ פראנקרייך האָט זיך איבערגעכאזערט דאָס זעלביקע פאנאנדערלאָזן די נאציאָנאַלע גווארדייער, וועלכע זיינען פאַרדעכטיק געווען אין רעפּובליקאניזם.

א נייער פּרעסע־געזעץ, א נייער געזעץ וועגן פאַראייניקונגען, א נייער געזעץ וועגן באלאַגערונג־צושטאנד, איבערפולטע טורמעס אין פּאַריז, א גייערש פון אלע פּאָליטישע עמיגראנטן, דאָס אָפּשטעלן אלע צייטונגען, וואָס שפּייען איבער די גרענעצן פון „נאַסיאָנאַל", דאָס אונטערוואַרפן ליאָן און פינף שכייניש דעפּאַרטאמענטן אונטער דעם ברוטאַלן סאָלדאַטישן דעספּאָטיזם, א ריייניקונג פון די שוין אזויפיל מאָל גערייניקטע ארמיי באאמטע, — דאָס זיינען געווען די אומפאַרמיידלעכע, שטענדיק זיך איבערכאזערנדיקע אָפּגעמיינע ערטער פון דער זיגרייכער רעאקציע, וואָס זיינען ווערט דערמאָנט צו ווערן נאָך דער יוני־שכיטע און נאָך די ארויסשיקונגען נאָר דערפאר, ווייל דאָס מאָל זיינען זיי געווענדט געווען ניט נאָר קעגן פּאַריז, נאָר אויך קעגן די דעפּאַרטאמענטן, ניט נאָר קעגן דעם פּראָלעטאריאט, נאָר פריער פאר אלץ קעגן די מיטעלע קלאסן.

די גאנצע געזעצגעבערישע טעטיקייט פון דער נאציאָנאַלער פאַרזאמלונג אין משך פון יוני, יולי און אווגוסט איז פאַרפולט געווען מיט די רעפּרעסיווע געזעצן, וועלכע האָבן געגעבן דער רעגירונג די פרייהייט צו דערקלערן באלאַגערונג־צושטאנד, האָבן נאָך פעסטער פאַרקוועטשט די פּרעסע און פאַרניכטעט דאָס רעכט פון פאַראייניקונגען.

דאָך אָבער ווערט די דאָזיקע עפּאָכע כאראקטעריזירט ניט דורך

דעם פאקטישן, נאָר דורכן דעם פרינציפיעלן אויסנוצן דעם ניצאָכן, ניט דורכן די באשלוסן פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג, נאָר דורכן דער מאָטיווירונג פון די דאָזיקע באשלוסן, ניט דורכן טאט, נאָר דורכן דער פראזע, ניט דורכן דער פראזע, נאָר דורכן אקצענט און די זשעסטן, וואָס באלעבן זי. דאָס גרענעצלאָז־אומפארשעמטע ארויסווייזן די ראָיאליסטישע טענדענצן, די פאראכטנדיקע באציִונג צו דער רעפובליק, דאָס קאָקעטישע, פריוואָלע אויספלוידערן די רעסטאווראציע־צילן — מיט איין וואָרט — דאָס ציניש צעשטערן די רעפובליקאנישע אָנשטענדיקייַט — אָט וואָס עס האָט צוגעגעבן דעם דאָזיקן פעריאָד אן אייגנארטיקן טאָן און באפארבונג.

„זאָל לעבן די קאָנסטיטוציע!" — איז געווען דער שלאכט־רוף פון די באזיגטע דעם 13־טן יוני. דאָס האָט באפרייט די זיגער פון דער צוויעס פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער, ד. ה. פון דער רעפובליקאנישער, שפראך. די קאָנטררעוואָליוציע האָט באזיגט אונגארן, איטאליע און דייַטשלאנד, און זיי האָבן שוין געזען די רעסטאווראציע בא די טויערן פון פראנקרייַך. צווישן די פירער פון די אָרדענונג־פראקציעס האָט זיך אָנגעהויבן אן עמעסע קאָנקורענץ: זיי האָבן איינער נאָכן אנדערן זיך באמיט צו דערווייַזן דאָקומענטאל דורכן „מאָניטער" זייער ראָיאליזם, זיך מיסוואדע זייַן, זיך „אלכעט" שלאָגן פאר די ליבעראלע אווייִרעלעכ, וואָס זיי זייַנען באגאנגען בייס דער רעפובליק, אויסבעטן פאר זיי מעכילע בא גאָט און לייַט. עס איז ניט אוועק קיין איין טאָג, אז די פעוורואל־רעוואָליוציע זאָל פון דער טריבונע פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג ניט דערקלערט ווערן פאר א געזעלשאפטלעכן אומגליק, אז אוועלכער־ניט־איז לעגיטימיסטישער פראָווינציעלער גוטבאזיצער זאָל ניט דערקלערן פייַערלעך, אז ער האָט גאָר קיינמאָל ניט אנערקענט די רעפובליק, אז עמעצער פון די פאכדאָנישע איבערלויפער און פארעטער פון דער יול־מאָנארכיע זאָל ניט דערציילן וועגן זייַנע פארשפעטיקטע העלדנטאטן, וואָס אויספילן זיי האָט אים בלויז געשטערט לוי־פיליפס פילאנטראָפיע אָדער אנדערע מיספארשטייענישן. לויט זייערע רייד, האָט אין די פעוורואל־טעג פארדינט באוווּנדערונג ניט די גרויסמוטיקייַט פון זיגרייַכן פאָלק, נאָר די מעסירעסנעפעשדיקייַט און די מעסיקייַט פון די ראָיאליסטן, וועלכע האָבן דערלויבט דעם פאָלק זיי צו באזיגן. איין פאָלקפאָרשטייער האָט פאָרגעלייגט, אז א טייל פונעם געלט, וואָס איז באשטימט געווען אפ צו שטיצן די פארוווּנדעטע אין די פעוורואל־טעג זאָל מען ארויסגעבן די מוניציפיאלע גוואַרדייער, ווייל נאָר זיי אליין האָבן פאר יענע טעג פארדינסטן באם

פאָטערלאַנד. א צווייטער האָט פאַרגעלייגט אופצובויען א רייטער־סטאַטוע פונעם הערצאָג פון אָרלעאַן אפן קארוסעלן-פּלאַץ. טיער האָט אָנגערופן די קאָנסטיטוציע א שמוציק שטיק פּאַפּיר. איינע נאָך די אַנדערע זיינען אף דער טריבונע ארופ אָרלעאַניסטן, כדי זיך צו שלאָגן אַלכעט פאַר די קאָנספּיראַציעס, וואָס זיי האָבן געפירט קעגן דער לעגיטימער (געזעצלעכער) מאָנאַרכיע, — לעגיטימיסטן, וועלכע האָבן זיך פאָרגעוואָרפן, אז זייער ווידערשטאַנד קעגן דער אומגעזעצלעכער מאָנאַרכיע האָט פאַרגיכערט דאָס פאַלן פון דער מאָנאַרכיע בכלל; טיער האָט זיך געשלאָגן אַלכעט דערפאַר, וואָס ער האָט אינטריגירט קעגן מאָלע. מאָלע האָט זיך געשלאָגן אַלכעט אף זיינע אינטריגעס קעגן גיזאָ, באַראָ האָט זיך געשלאָגן אַלכעט דערופ, וואָס ער האָט אינטריגירט קעגן זיי אַלע דריי. דער אויסרוף: „זאָל לעבן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע רעפּובליק!" איז דערקלערט געוואָרן פאַר אַן אַנטיקאָנסטיטוציאָנעלן; דער אויסרוף: „זאָל לעבן די רעפּובליק!" איז פאַרפאָלגט געוואָרן ווי א סאָציאַל־דעמאָקראַטישער. אינעם יאָרטאָג פון דער שלאַכט בא וואַטערלאָאָ האָט איינער פון די דעפּוטאַטן דערקלערט: „איך האָב מוירע ניט אזוי פאַר אַן אינוואַזיע פון די פּרייסן, ווי פאַר דעם, אז די רעוואָלוציאָנערע עמיגראַנטן זאָלן אַריינטרעטן קיין פראַנקרייך". אַלס ענטפער אפן באַקלאָגן זיך אפן טעראָר, וואָס איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין ליאָן און אין די שכיינישע דעפּאַרטאַמענטן, האָט באַראַזש ד'איליע געזאָגט: „איך האָב גערנער דעם ווייסן טעראָר איידער דעם רויטן (S'aime mieux la terreur blanche que la terreur rouge). די פאַרזאַמלונג האָט ווילד אַפּלאָדירט יעדעס מאָל, ווען פונעם רעדנערס מויל פלעגט ארויס אַן עפּיגראַם קעגן דער רעפּובליק, קעגן דער רעוואָלוציע, קעגן דער קאָנסטיטוציע, פאַר דער מאָנאַרכיע, פאַרן הייליקן בונד. יעטווידער ברעכן די מינדסטע רעפּובליקאַנישע פאָרמאַליטעטן, ווי, לעמאָשל, די ווענדונג צו די דעפּוטאַטן ניט מיטן וואָרט «Citoyens» (בירגער), פלעגט ארויסרופן ענטוזיאַזם בא די ריטער פון דער אָרדענונג.

די פּאַריזשער צוגאָב־וואַלן דעם 8־טן יול, וואָס זיינען דורכגעפירט געוואָרן אונטערן איינפלוס פונעם באַלאַגערונג־צושטאַנד, ווען א באַדייטנדיקער טייל פונעם פּראָלעטאַריאַט האָט זיך אָפּגעהאַלטן פון שטימען, דאָס פאַרנעמען רוים דורך דער פראַנצויזישער אַרמיי, דער אַריינטריט אין רוים פון די הייליקע רויטע עמינענצן* און פון

* — די קאַטוילישע קאַרדינאַלן גייען אָנגעטאָן אין רויטע מאַנטיעס. איבערז.

זייער סוויטע — דער אינקוויזיציע און דעם טעראָריזם פון די מאַנאַכן — דאָס אַלץ האָט צוגעגעבן נײַע זיגן צום יונ־זיג און האָט פאַרשטאַרקט די פאַרשיקערטקײַט פון דער אָרדענונג־פּאַרטיי.

ענדלעך, אינמיטן אווגוסט דעקרעטירן די ראָיאַליסטן א צווייכאַדאָשימדיקן איבעררײַס אין די זיצונגען פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג — טיילווײַז קעדיי בײַצוזײַן אין די נאַרוואָס פאַרזאַמלטע דעפּאַרטאַמענט־ראַטן, טיילווײַז, ווײַל זיי זײַנען געווען פאַרמאַטערט נאָך דער פיל־כאַדאָשימדיקער אָרגיע פון זייער ראָיאַליזם. מיט א ניט־באַהאַלטענער איראָניע האָבן זיי אַלס שטעלפאַרטרעטער פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און אַלס היטער פון דער רעפּובליק איבערגעלאָזן א קאָמיסיע פון פינף און צוואַנציק דעפּוטאַטן, דאָס אויבערשטע פון דער לעגיטימיסטישער און אָרלעאַניסטישער פּאַרטיי, ווי מאָלע, שאַנגאַרניע א. אַנד. די דאָזיקע איראָניע איז געגאַנגען נאָך טיפער, ווי זיי האָבן זיך פאָרגעשטעלט. די געשיכטע האָט זיי פאַרורטיילט מיטצוהעלפן דעם פאַלן פון דער מאָנאַרכיע, וועלכע זיי האָבן ליב געהאַט, און זי האָט זיי באַשטימט צו פאַרהיטן די רעפּובליק, וועלכע זיי האָבן געהאַסט.

מיטן איבעררײַס אין די זיצונגען פון דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג ענדיקט זיך די צווייטע עפּאָכע אינעם לעבן פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק, די עפּאָכע פון איר ראָיאַליסטישן ווילדעווען.

דער באַלאַגערונג־צושטאַנד אין פּאַריזש איז ווידער אָפּגעשאַפט געוואָרן, די פּרעסע האָט ווידער אָנגעהויבן פונקציאָנירן. אין דער צײַט, ווען עס זײַנען אָפּגעשטעלט געוואָרן די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע צײַטונגען, אינעם פּעריאָד פון רעפּרעסיווע מיטלען און ראָיאַליסטישע אָרגיעס, איז דער «Siècle», וואָס איז פריער געווען דער ליטעראַרישער פאָרשטייער פון דער מאָנאַרכיסטיש־קאָנסטיטוציאָנעלער קלײנבורזשואַזיע, געוואָרן א רעפּובליקאַנישער אָרגאַן. די „Presse“ — אַן אַלטער אָרגאַן פון די בורזשואַזע רעפאָרמאַטערס, איז געוואָרן דעמאָקראַטיש, און דער „National“ — דער קלאַסישער אָרגאַן פון די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער — איז געוואָרן א סאָציאַליסטישע צײַטונג.

אַפּ וויפל עס זײַנען אומעגלעך געוואָרן די אָפּענע קלובן, זײַנען די געהיימע געזעלשאַפטן אויסגעוואַקסן אין דער ברייט און אין זייער באַדײַטונג. די אינדוסטריעלע אַרבעטער־אַסאָציאַציעס, וועלכע ווערן געדולדעט אַלס ריינע האַנדל־קאָמפּאַניעס און האָבן ניט קיין

שום עקאָנאָמישע באַדײַטונג, ווערן די פּאָליטישע צענטערס פונעם פּראָלעטאַריאַט. דער 13־טער יונ האָט בא די פאַרשיידענע האַלב־רעוואָליוציאָנערע פּאַרטייען אָראָפּגעשלאָגן זייערע אָפּיציעלע קעפּ, דערפאַר איז בא די גאַנץ־געבליבענע מאַסן אויסגעוואָקסן אַן אייגענער קאָפּ. די אָרדענונג־ריטערס האָבן געוואָלט פאַרסטראַשען דאָס פאָלק מיט זייערע נעוויעס וועגן די שרעקן פון דער רויטער רעפּובליק, אָבער די געמיינע מערדערײַען און די היפּערבאָרײַשע שוידערן פון דער זיגרײַכער קאָנטררעוואָליוציע אין אונגאַרן, אין באַדען, אין רוים האָבן ביז אַפ ווײַס אַרומגעוואַשן די „רויטע רעפּובליק”. און די אומצופרידענע צווישן־קלאַסן פון דער פראַנצויזישער געזעלשאַפט האָבן אָנגעהויבן מער צו סימפּאַטיזירן די צוזאָגן פון דער רויטער רעפּובליק מיט אירע פּראָבלעמאַטישע שרעקן איידער די שרעקן פון דער רויטער מאָנאַרכיע מיט איר פּאַקטישער האָפענונגלאָזיקײַט. קיין איין סאָציאַליסט האָט ניט געפירט אין פראַנקרײַך קיין גרעסערע רעוואָליוציאָנערע פּראָפּאַגאַנדע, ווי האַינאַו * „A chaque capacité selon ses oeuvres!‘ (יעדע פייִקײַט לויט אירע מעַשׂים).

פאַר דער צײַט האָט זיך לוי־באָנאַפּאַרט באַנוצט מיט די קאַניקולן פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, קעדיי צו מאַכן פּרינצישע רײַזעס איבער דער פּראָווינץ; די סאַמע הייס־בלוטיקע לעגיטימיסטן זײַנען אַוועק אויל־רעגל זײַן קיין עמס צו לוי דעם הייליקנס אייניקל, און די מאַסע דעפּוטאַטן פון דער אָרדענונג־פּאַרטיי האָט אינטריגירט אין די דעפּאַרטאַמענטן־ראַטן, וועלכע האָבן זיך נאָרוואָס געהאַט צונויפגעקליבן. מע האָט געדאַרפט צווינגען אָט די לעצטע אַרויסצוזאָגן דאָס, וואָס עס האָט זיך נאָך ניט דערוועגט אַרויסצוזאָגן די מערהייט פון דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, עס איז נייטיק געווען, אַז זיי זאָלן פאָדערן דרינגענד איבערצוקוקן די קאָנסטיטוציע. לויט דער קאָנסטיטוציע האָט מען זי געקענט איבערקוקן ערשט אין 1852 יאָר, אין אַ ספּעציעל צו דעם צוועק צונויפגערופענער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג. אָבער ווען די דעפּאַרטאַמענט־ראַטן זאָלן זיך אַרויסזאָגן פאַר איבערקוקן — וואָלט דען די פאַרזאַמלונג ניט געמוזט מאַקריוו זײַן די יונגפרוילעכקײַט פון דער קאָנסטיטוציע פאַר דער שטים פון פראַנקרײַך? די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט פון אָט די פּראָווינציעלע פאַרזאַמלונגען דערוואַרט דאָס זעלביקע, וואָס די נאָנעס (מאָנאַכינעס) אין וואָלטערס „הענריאַדע”

* — דער עסטרייכישער גענעראַל האַינאַו, וואָס איז באַקאַנט מיט זײַנע בלוטיקע מעַשׂים בענעגייע די געפאַנגענע אָנפירער פון די אופגעשטאַנענע אונגאַרן. איבערז.

האָבנ דערווארט פונ די פאנדורנ. אָבער, אכוצ קליינע אויסנאמענ, האָבנ זיכ די פויטיפערעס פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג אָנגעשטויסנ אינ דער פראָווינצ אפ פונקט אזויפיל יויסעפּס.* די אומגעהייערע מערהייט האָט ניט געוואָלט פארשטיינ די איינגעגעסענע אינסינואציע. רעווידירנ די קאָנסטיטוציע האָט געשטערט דאָס זעלביקע געווער, וואָס האָט עס געזאָלט ארויסרופנ צום לעבנ: די אָפּשטימונג פונ די דעפּארטאמענטישע ראטנ. די שטימ פונ פראנקרייכ — אונ גראָד פונעמ בורזשואזנ פראנקרייכ — האָט זיכ ארויסגעזאָגט, אונ ארויסגעזאָגט זיכ קעגנ דער רעוויזיע.

אָנהייב אָקטיאבער האָט די נאציאָנאלע פארזאמלונג ווידער געעפנט אירע זיצונגענ — tantum mutatus ab illo (אָבער ס'ארא ענדערונגענ זיינענ אינ איר פאָרגעקומענ!). איר פיזיאָנאמיע האָט זיכ אינגאנצנ געענדערט. דאָס אומדערווארטעטע אָפּווארפנ דעמ פאָרשלאג איבערצוקוקנ די קאָנסטיטוציע מיצאד די דעפּארטאמענטישע ראטנ האָט צוריק אומגעקערט די פארזאמלונג אינ די גרענעצנ פונ דער קאָנסטיטוציע אונ האָט איר דערמאָנט וועגנ די גרענעצנ פונ איר אייגענער עקזיסטענצ. בא די אָרלעאניסטנ האָבנ ארויסגערופנ פארדאכטנ די רייזעס פונ די לעגיטימיסטנ קיינ עמז, די לעגיטימיסטנ זיינענ באומרויקט געווענ פונ די אונטערהאנדלונגענ צווישנ די אָרלעאניסטנ מיט לאָנדאָנ. די צייטונגענ פונ ביידע פראקציעס האָבנ פאנאנדערגעבלאָזנ דאָס פייער אונ געוויגנ די קעגנזייטיקע טויעס פונ זייערע פרעטענדענטנ. די אָרלעאניסטנ צוזאמענ מיט די לעגיטימיסטנ האָבנ געצאָרנט אפ די אינטריגעס פונ די באָנאפּארטיסטנ, וואָס האָבנ זיכ אנטפּלעקט אינ באָנאפּארטס פרינצישע רייזעס, אינ זיינע מער אָדער ווייניקער דורכזיכטיקע פרווונ ארויסצוווארפנ פונ זיכ יעטווידער קאָנסטיטוציאָנעלנ צוימ, אינ דער פרעטענציעזער שפּראכ פונ די באָנאפּארטיסטישע צייטונגענ. לוי־באָנאפּארט פונ זיינ זייט האָט געצאָרנט אפ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג, וועלכע האָט אנערקענט דאָס רעכט אפ קאָנספּיראציע נאָר פאר די לעגיטימיסטנ אונ אָרלעאניסטנ, אפ זיינ אייגנ מיניסטעריומ, וואָס האָט אימ שטענדיק פאראטנ לעטויוועס דער פארזאמלונג. ענדלעכ, אינעמ מיניסטעריומ גופא איז פאָרגעקומענ א שפּאלטונג איבער דער פראגע וועגנ דער רוימישער פּאָליטיק אונ וועגנ דעמ האכנאָסע־שטייער, וואָס דער מיניסטער פּאסי האָט פאָרגעלייגט אונ וואָס די קאָנסערוואטאָרנ האָבנ פארורטיילט, ווי א סאָציאליסטישנ.

* אינ א ביבלישער לעגענדע ווערט דערציילט, ווי יויסעפּ איז ביַיגעשטאנענ דעמ ניסויענ פונ זיינ הארס פרוי, פויטיפערס ווייב, וועלכע האָט אימ געזאָלט פארפירנ. איבערז.

איינער פון די ערשטע פאָרשלאָגן פון באַראַס מיניסטעריום אין דער אפּסניי צונויפגעקליבענער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג איז געווען די פאָדערונג פון א קרעדיט פון 300.000 פראַנק אָפּ צו באַצאָלן אַלמאַנע-געהאַלט דער הערצאָגין פון אָרלעאַן. די נאציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט עס באַוויליקט און האָט אַזױאַרום פאַרגרעסערט דעם צעטל כויוועס פון דער פראַנצויזישער נאציע אויף א סומע פון זיבן מיליאָן פראַנק. אין דער צייט, ווען לוי-פיליפּ האָט ניט אויפגעהערט מיט דערפאָלג צו שפּילן די ראָליע פון א „pauvre honteux“ (א שעמעוודיקן אָרעמאַן), האָט דאָס מיניסטעריום זיך ניט דערוועגט פאָרצולייגן דער פאַרזאַמלונג צו פאַרגרעסערן באָנאַפּאַרטס געהאַלט, און די פאַרזאַמלונג האָט ניט אויסגעזען צו זיין גענייגט צו דערלויבן אים אזא הויספּעפ. לוי־באָנאַפּאַרט איז ווי שטענדיק געשטאַנען פאַר דער דילעמע: Aut Caesar, aut Clichy! (אָדער א קייסער, אָדער קלישי — די כויוועס־טורמע).

די צווייטע פאָדערונג דעם מיניסטערס — א קרעדיט פון ניין מיליאָן פראַנק אויף צו דעקן די הויצאָעס אויף דער רוימישער עקספּעדיציע, האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט די אָנגעשטרענגטע באַציונגען צווישן באָנאַפּאַרטן, פון איין זייט, און די מיניסטאָרן און דער נאציאָנאַלער פאַרזאַמלונג — פון דער צווייטער. לוי־באָנאַפּאַרט האָט פאַרעפנטלעכט אינעם „מאָניטער“ א בריוו צו זיין אדיוטאַנט עדגאר ניי, אין וועלכן ער האָט געבונדן די פּויפּסטלעכע רעגירונג מיט קאָנסטיטוציאָנעלע גאראַנטיעס. דער פּויפּסט, פון זיין זייט, האָט ארויסגעגעבן זיינע א ווענדונג „motu proprio“, אין וועלכער ער האָט אָפּגעוואָרפן יעטווידער באַגרענעצונג פון זיין רעסטאווריר־טער הערשאַפט. באָנאַפּאַרטס בריוו האָט מיט א בעקיוונדיקער אומבאַשיידנקייט אופגעהויבן דעם פאָרהאַנג איבער זיין אייגענעם קאַבינעט, קעדיי זיך אַליין ארויסצושטעלן פאַר די אויגן פון דער גאַליאַרקע אַלס זשעני, וואָס איז פול מיט גוטע שטרעבונגען, נאָר ער איז ניט אנערקענט און געשמידט אין זיין אייגן הויז. שוין ניט דאָס ערשטע מאָל האָט ער קאָקעטירט מיט א „באַהאַלטענעם פליגלשווונג פון א פרייער נעשאָמע“. טיער, דער פאָרטרעגער פון דער קאָמיסיע, האָט אינגאַנצן איגנאָרירט באָנאַפּאַרטס פליגל־שווונגען און האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט איבערגעזעצט דעם פּויפּסס ענציקליקע אויף פראַנצויזיש. ניט דאָס מיניסטעריום, נאָר וויקטאָר הוגאָ האָט געמאַכט א פּרוּוו ארויסצוראַטעווען דעם פּרעזידענט, פאָרלייגנדיק דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג ארויסצוזאָגן איר באַוויליקונג פאַר נאַפּאָלעאָנס בריוו. Allons donc! Allons donc! וואָס

רעדט איר! וואָס רעדט איר! אונטער אזוינע לײכטזיניקע אויסרופנ, אָנ שומ דערעכערעצ, האָט די מערהײט באגראָבנ הוגאָס פּאָרשלאג. דעמ פּרעזידענטס פּאָליטיק? דעמ פּרעזידענטס בריוו? דער פּרעזידענט אלײנ? Allons donc! Allons donc! וואָס פאר א שעד געמט עס ערנסט au serieux דעמ Monsieur באָנאפּארט? מײנט איר דענ, Monsieur וויקטאָר הוגאָ, אז מיר גלײבנ אײַכ, אז איר גלײבט דעמ פּרעזידענט? Allons donc! Allons donc!

די שפּאלטונג צווישנ באָנאַפּארטנ מיט דער נאציאָנאלער פאר־זאמלונג האָבנ ענדלעכ פארגיכערט די דעבאטנ וועגנ דעמ פּראָיעקט צוריקצורופנ אינ לאנד די אָרלעאנענ אונ בורבאָנענ. אינ דער אָפּוועזנהײט פונעמ מיניסטעריומ האָט דעמ פּרעזידענטס קוזענ, דער זונ פונעמ עקס־קיניג פונ וועסטפאליע, אַרײַנגעטראָגנ דעמ דאָזיקנ פּאָרשלאָג, וואָס דער אײנציקער ציל זײַנער איז געווענ אוועקצושטעלנ די לעגיטימיסטישע אונ אָרלעאניסטישע פּרעטענדענטנ אפ אײנ מאדרײגע מיטנ באָנאפּארטיסטישנ פּרעטענדענט, אָדער ריכטיקער, נידעריקער פונ אימ, ווײַל ער איז דאָכ, ווײניקסטנס, פאקטיש געשטאנענ אפנ שפּיצ פונ דער מעלוכע־מאכט.

נאפּאָלעאָנ באָנאפּארט איז געווענ אפ אזויפיל ניט־דערעכערעצדיק, אז ער האָט פארײניקט אינ אײנ פּאָרשלאג דאָס צוריקערנ די ארויסגעטריבענע קיניגלעכע פאמיליעס אונ די אמניסטיע פאר די יוניער אינסורגענטנ. די אופּרעגונג פונ דער מערהײט האָט אימ גלײַכ געצוווּנגענ צוריקצונעמענ אָט די פארברעכערישע צונויפמישונג פונ הײליקע אונ זינדיקע, פונ קיניגלעכע ראסעס אונ פּראָלעטאריש בלוט, פונ אומבאוועגלעכע שטערנס פונ דער געזעלשאפט אונ אירע בלאָנדזשענדיקע זומפּ־פײַערלעכ; ער איז געצוווּנגענ געווענ יעדנ פונ די בײדע פּאָרשלאָגנ אָפּצוגעבנ דאָס פּאסיקע אָרט. די מערהײט האָט ענערגיש אָפּגעוואָרפנ דעמ פּראָיעקט צוריקצורופנ אינ לאנד די קיניגלעכע פאמיליעס, אונ בעריע, דער לעגיטימיסטישער דעמאָספענ, האָט ניט געלאָזנ קײנע שומ ספּײקעס וועגנ דער באדײַטונג פונ אָט דער אָפּשטימונג. אראָפּוואַרפנ די פּרעטענדענטנ פונ זײער הײכ אונ מאכנ זײ פאר פּאָשעטע בירגער — אָט וואָס עס איז באָנאפּארטס ציל! מע וויל בא זײ אָפּנעמענ די ליכטקרוינ פונ הײליקע, די לעצטע בא זײ פארבליבענע מאיעסטעט, די מאיעסטעט פונ גאָלעס! וואָס וועט מענ טראכטנ — האָט אויסגערופנ בעריע — וועגנ אזא פּרעטענדענט, וואָס וועט, פארגעסנדיק זײַנ הויכע אָפּשטאמונג, זיכ אומקערנ צוריק אהער, קעדײ צו וווינענ דאָ, ווי א פּאָשעטע, פּריוואטע פּערזאָנ? עס איז אומעגלעכ געווענ דײַטלעכער

צו זאָגן באָנאפּארטן, אז מיט זײַן אָנווײַזונג האָט ער גאָרנישט ניט געוואונען, אז אויב ער איז נייטיק געווען די פאראייניקטע ראָיאַליסטן דאָ, אפּן פּרעזידענטן־שטול, ווי א נ ײ ט ר א ל ע ר מ ע נ ט ש, איז אָבער די עמעסע פּרעטענדענטן אף דער קרוין מוזן פארבלײַבן פאר־הוילן פון די פראַפאנען־בליקן הינטערן נעפּל פון גאַלעס.

דעם 1־טן נאָיאבער האָט לוי־באָנאפּארט געענטפערט דער גע־זעצגעבערישער פּארזאמלונג מיט א וועגדונג, אין וועלכער ער האָט איר איין גאנצ שארפע אויסדריקן געמאָלדן וועגן דער דעמיסיע פון באראָס מיניסטעריום און וועגן דער אויסבילדונג פון א נייַ מי־ניסטעריום. באראָ־פאלוס מיניסטעריום איז געווען דאָס מיניסטער־יום פון דער ראָיאַליסטישער קאָאליציע, ד'אָפּוּלס מיניסטעריום איז געווען באָנאפּארטס א מיניסטעריום, דעם פּרעזידענטס א געצייג קעגן דער געזעצגעבערישער פּארזאמלונג, דאָס איז געווען א מ י־נ י ס ט ע ר י ו ם פ ו ן פ ר י ק א ש ט ש י ק ע ס.

באָנאפּארט איז שוין איצט מער ניט געווען בלויז דער נייטרא־לער מענטש פון 10־טן דעקאבער 1848 יאָר. דאָס, וואָס ער האָט גע־האט אין די הענט די אויספיר־מאכט, האָט גרופּירט ארום אים באַ־שטימטע אינטערעסן, דער קאמף קעגן דער אנארכיע האָט געצוואונגען די אָרדענונג־פּארטיי אליין צו פארגרעסערן זײַן ווירקונג, און אויב ע ר א י ז נ י ט ג ע ו ו ע ן מ ע ר פּאָפּולער, איז זי דערפאר גע־ווען אומפּאָפּולער. צי דען האָט ער ניט געקאָנט האָפן, אז די קאָנקורענץ צווישן די אָרלעאניסטן און לעגיטימיסטן, פון איין זייַט, און די נויטווענדיקייט פון אוועלכער־ניט־איז מאָנארכיסטישער רעס־טאווראציע, פון דער אנדערער, — וועט צווינגען די ביידע פראקצי־עס, זיי זאָלן אים אנערקענען אלס נ ײ ט ר א ל ן פ ר ע ט ע נ ד ע נ ט ?

פונעם 1־טן נאָיאבער 1849 יאָר הייבט זיך אָן דער דריטער פּע־ריאָד אינעם לעבן פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק, וואָס האָט זיך פארענדיקט דעם 10־טן מארט 1850. ניט נאָר עס הייבט זיך אָן די רעגולערע שפּיל פון די קאָנסטיטוציאָנעלע אנשטאלטן, פון וועל־כער גיזאָ קלײַבט אזויפיל היספּײַלעס, ד.ה. די סיכסוכים צווישן דער אויספירערישער און געזעצגעבערישער מאכט. קעגן די רעסטאווראציע־באגערן פון די פאראייניקטע אָרלעאניסטן און לעגיטימיסטן האָט באָ־נאפּארט פארטיידיקט דעם יעסאָד פון זײַן פאקטישער מאכט — די רע־פּובליק; קעגן באָנאפּארטס רעסטאווראציע־באגערן האָט די אָרדענונג־פּארטיי פארטיידיקט דעם יעסאָד פון זייער געמיינזאמער הערשאפט — די רעפּובליק; די לעגיטימיסטן קעגן די אָרלעאניסטן, די אָרלעאניסטן קעגן די לעגיטימיסטן האָבן פארטיידיקט דעם status quo, — די רע־

פּובליק. די אַלע פּראקציעס פֿון דער אָרדענונג־פּארטיי, וואָס יעדע פֿון זיי פֿאַרמאָגט in petto איר אייגענעם קיניג און איר אייגענע רעסטאווראציע, שטעלן יעדע ארויס קעגן די אוזורפּאטארישע און בונטארישע באַגערן פֿון זייערע קעגנערס די אַלגעמיינע הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואזיע, די מעלוכע־פֿאָרם, באַ וועלכער אַלע זייערע באַזונדערע פּרעטענזיעס ווערן נייטראַליזירט און פֿארהיט, — די רעפּובליק.

פּונקט ווי קאַנט מאַכט די רעפּובליק, אַלס איינציקע ראַציאָנעלע מעלוכע־פֿאָרם, פֿאַר אַ פּאָסטולאַט פֿון פּראַקטישן פֿאַרנונפֿט: מיר וועלן קיינמאָל ניט דערגרייכן צו איר פֿארווירקלעכונג, אָבער מיר דאַרפֿן שטענדיק שטרעבן זי צו דערגרייכן און שטענדיק האַלטן זי אין אונדזער געדאַנק, — פּונקט אזוי האָבן די ראָיאַליסטן געקוקט אַף דער מאָנארכיע.

אָט אזוי איז די קאָנסטיטוציאָנעלע רעפּובליק, וואָס איז פֿון די הענט פֿון די בורזשואזע רעפּובליקאַנער ארויס, ווי אַ פּוסטע אידעאָלאָגישע פֿאָרמול, געוואָרן אין די הענט באַ די פֿאַראייניקטע ראָיאַליסטן פֿול מיט אינהאַלט, מיט אַ לעבעדיקער מעלוכע־פֿאָרם. טיער האָט זיך גאָרניט פֿאַרגעשטעלט, וויפֿל עמעס עס ליגט אין זיינע ווערטער: „מיר, די ראָיאַליסטן, זיינען די זיכערסטע שטיצע פֿאַר דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק".

דאָס אראָפּוואַרפֿן דאָס מיניסטעריום פֿון דער [ראָיאַליסטישער] קאָאַליציע, דאָס, וואָס אַף דער סצענע איז ארופּגעטראָטן דאָס מיניסטעריום פֿון פּריקאַשטשיקעס, האָט געהאַט נאָך אַ באַדייטונג. אַלס פֿינאַנץ־מיניסטער איז אינעם נייעם קאַבינעט באַשטימט געוואָרן פֿולד. מאַכן פֿולדן פֿאַר אַ פֿינאַנץ־מיניסטער האָט געהייסן ניט מער און ניט ווייניקער, ווי אָפֿיציעל איבערגעבן דאָס פֿראַנצויזישע נאַציאָנאַלע רייכטום אין די הענט פֿון דער בערזע, פֿאַרוואַלטן מיטן מעלוכע־פֿאַרמעגן מיט דער הילף פֿון דער בערזע און אין די אינטערעסן פֿון דער בערזע. צוזאַמען מיט פֿולדס באַשטימונג האָט די פֿינאַנץ־אריסטאָקראַטיע פּראָקלאַמירט אינעם „מאָניטער" איר רעסטאווראַציע. די דאָזיקע רעסטאווראַציע איז געווען אַ נויטווענדיקער צוגאָב צו די אַלע איבעריקע רעסטאַוראַציעס און איז צוזאַמען מיט זיי געווען אַ רינג אין דער קייט פֿון דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק.

לוי־פֿיליפּ האָט זיך קיין איין מאָל ניט דערוועגט צו מאַכן פֿאַר אַ פֿינאַנץ־מיניסטער אַן עמעסן loup-cervier (בערזנ־וואָלף). זיין מאָנאַרכיע איז געווען אַן אידעאַלער נאָמען פֿאַר דער הערשאַפֿט פֿון דער גרויס־בורזשואזיע. האָבן דעריבער אין זיינע מיניסטעריום די פּריווילעגירטע אינטערעסן געמוזט פֿאַרמאַסקירט זיין אונטער אידעאָלאָ־

גיש־נייטראלע נעמענ. אינ דער בורזשואזער רעפובליק טרעט אפנ פאָדערגרונט ארויס דאָס, וואָס די פארשיידענע מאָנארכיעס, די לעגיטימיסטישע אונ אָרלעאניסטישע, האָבנ געהאלטנ פארשטעקט אינ הינטערגרונט. זי האָט פארערדיקט דאָס, וואָס יענע האָבנ פארהימלט. די נעמענ פונ די הייליקע האָט זי פארביטנ אפ בורזשואזע אייגננעמענ פונ די הערשנדיקע קלאסנ־אינטערעסנ.

אלצ, וואָס מיר האָבנ דאָ איבערגעגעבנ, האָט באוויזנ, אז די רעפובליק האָט גלייכ פונעמ ערשטנ טאָג אָנ פונ איר עקזיסטענצ ניט נאָר ניט אראָפגעוואָרפנ די פינאנצ־אריסטאָקראטיע, נאָר פארקערט, זי האָט זי פארפעסטיקט. אָבער די האנאָכעס, וואָס מע האָט דער פינאנצ־אריסטאָקראטיע געגעבנ, זיינענ געווענ א זאכ פונעמ שיקזאל, וועלכנ מע האָט זיכ אונטערגעוואָרפנ קעגנ דעמ אייגענעמ ווילנ. מיט פולדס באשטימונג אָבער האָט זיכ די מעלוכע־איניציאטיוו צוריק אומגעקערט אינ די הענט פונ דער פינאנצ־אריסטאָקראטיע.

מע וועט פרעגנ, אפ וואָס פאר אנ אופנ האָט עס די גאנצע בורזשואזיע צוזאמענגענומענ געקענט פארטראָגנ אונ דולדנ די הערשאפט פונ דער פינאנצ־אריסטאָקראטיע, וואָס האָט זיכ אינ לוי־פיליפס צייטנ באזירט אפנ באזייטיקנ פונ דער מאכט אָדער אונטערטעניק מאכנ די איבעריקע שיכטנ פונ דער בורזשואזיע?

דער ענטפער איז א פּאָשעטער.

פריער פונ אלצ בילדעט די פינאנצ־אריסטאָקראטיע אליינ א וויכטיקנ אָנפירנדיקנ טייל פונ דער ראָיאליסטישער קאָאליציע, וועמעס געמיינזאמע מאכט עס טראָגט דעמ נאָמענ רעפובליק. זיינענ דענ די רעדנער אונ פירער פונ די אָרלעאניסטנ ניט געווענ קיינ אלטע פארבינדעטע אונ שוטפים פונ דער פינאנצ־אריסטאָקראטיע? איז זי דענ אליינ ניט געווענ די גאָלדענע פאלאנגע פונ די אָרלעאניסטנ? וואָס איז שייכ די לעגיטימיסטנ, האָבנ זיי זיכ שוינ אינ לוי־פיליפס צייטנ באטייליקט אינ אלע אָרגיעס פונ די בערזנ־, בארג־, אונ אייזנבאנ־ספעקוליאציעס. ביכלאל איז דער בונד צווישנ גרויסנ ערדבאזיצ מיט דער פינאנציעלער אריסטאָקראטיע א *נאָרמאלע דערשיינונג*. א באווייז — ענגלאנד, א באווייז — אפילע *עסטרייכ*.

אינ אזא לאנד, ווי פראנקרייכ, וווּ די נאציאָנאלע פראָדוקציע שטייט אפ אָנ אנ ערעכ א נידעריקערער שטופע אינ פארגלייכ מיט דער גרייס פונעמ מעלוכע־כויוו, וווּ די מעלוכע־רענטע איז דער וויכטיקסטער אָביעקט פאר ספעקוליאציע אונ די בערזע איז דער הויפטמארק פאר דער אָנווענדונג פונ קאפיטאל, וואָס וויל וואקסנ אפ א ניט־פראָדוקטיווע אופנ, — אינ אזא לאנד מוז אנ אָנצאָליקע מאסע

מענטשן פון אַלע בורזשואזע און האלב־בורזשואזע קלאסן פארינטע־רעסירט זײַנען אינעם מעלוכע־כויוו, אין דער בערזן־שפּיל, אין די פי־נאנצן. און אָט די אַלע צווייטראנגיקע אָנטיילנעמער פון דער בער־זע — געפינען זיי דען ניט זייער נאטירלעכע שטיצע און אָנפּירונג אין דער פראקציע, וועלכע איז די פאָרשטייערין פון די בערזע־אינ־טערעסן אין א קאָלאָסאלן פארנעם, אין זייער גאנצער גרייס און פולשטענדיקייט?

ווי איז די סיבע דערפון, וואָס דער מעלוכע־פארמעגן איז אריבער אין די הענט פון דער פינאנץ־אריסטאָקראטיע? די קעסיידער וואקסנדיקע פארשולדיקטקייט פון דער מעלוכע. און ווי איז די סיבע פון אָט דער פארשולדיקטקייט פון דער מעלוכע? דער שטענדיקער איבערגעוויכט פון אירע הויצאָעס איבער די האכנאָסעס, אַז אומנאָר־מאַלקייט, וואָס זי איז גלײַכצײַטיק אי די סיבע אי דער רעזולטאַט פון דער סיסטעם פון מעלוכע־האלוואָעס.

קעדיי אויסצומײַדן אָט די פארשולדיקטקייט, דארף די מעלוכע אָדער באגרענעצן אירע הויצאָעס, ד.ה. פאריינפאכן, פארקירצן דעם מעלוכע־אָרגאניזם, וואָס ווייניקער רעגירן, באשעפטיקן א ווי ווײַט מעגלעך קלענערן פערסאָנאל באאמטע, וואָס ווייניקער פארבינדן זיך מיט דער בורזשואזער געזעלשאפט. די אָרדענונג־פארטיי האָט ניט גע־קענט גיין אפ אזא וועג; פארקערט, זי האָט געמוזט פארשטארקן אירע רעפרעסיווע מיטלען, איר אָפיציעלע אריינמישונג אין נאָמען פון דער מעלוכע, איר פייִקייט צו זײַן אומעטום אין דער פערזאָן פון די מעלוכע־אָרגאנען, ווײַל פון אַלע זײַטן האָבן איר הערשאפט און די עקזיסטענץ־באדינגונגען פון איר קלאס געדראָט אַלץ נײַע סאקאָ־נעס. עס איז אומעגלעך צו פארקלענערן די צאָל זשאנדארמעריע אין דער צײַט, ווען עס וואקסט די צאָל פארברעכנס קעגן פערזאָן און אייגנטום.

אָדער עס איז פאראן נאָך אן אנדער אויסוועג: די מעלוכע דארף זען זיך באגיין אָן כויועס, איינפירן טייקעף, זאָל זײַן אפילע א גיך פארבײַגייענדיקן, גלײַכגעוויכט אינעם ביודזשעט דורך אן אויסערארדנטלעכן שטײַער אפ די רײַכסטע קלאסן פון דער באפעלקערונג. אָבער צי דען וועט די אָרדענונג־פארטיי ברענגען פאר א קאָרבן אפן מיזבייעך פונעם פאָטערלאנד איר אייגן רײַכטום, קע־דיי צו ראטעווען דאָס נאציאָנאלע רײַכטום פון דער בערזן־עקספּלו־אטאציע! (Pas si bête (זי איז ניט אזוי נאריש!)

אלזאָ, אָן א גרינטלעכער איבערקערעניש אין דער פראנצויזישער מעלוכע איז ניט מעגלעך קיין איבערקערעניש אין דער מעלוכע־ווירטשאפט

אין פראנקרייך. און מיט אָט דער מעלוכע־ווירטשאפט איז ענג צו־זאמענגעבונדן די פארשולדיקטקייט פון דער מעלוכע, מיט דער פאר־שולדיקטקייט פון דער מעלוכע — די הערשאפט פון מיסכער נ. ט די מעלוכע־כויוועס, די הערשאפט פון די מעלוכע־קרעדיטאָרן, פון די באנקירן, געלט־הענדלער, בערזן־וועלף. בלויז איין פראקציע פון דער אָרדענונג־פארטיי איז געווען דירעקט פארינטערעסירט אינעם פאלן פון דער פינאנצ־אריסטאָקראטיע — דאָס זיינען געווען די פאבריקאנטן. מיר ריידן ניט וועגן די מיטעלע, ניט וועגן די קליי־נע אינדוסטריעלער. מיר ריידן וועגן די קאָמאנדירן פון דער אינ־דוסטריע, וואָס האָבן אין לוי־פיליפס צייטן געבילדעט די קאדרען פון דער דינאסטישער אָפּאָזיציע. זייערע אינטערעסן האָבן אָן ספק געפאָדערט, אז עס זאָלן פארקלענערט ווערן די פראָדוביר־הוי־צאָעס, ד.ה. אז עס זאָלן פארקלענערט ווערן די שטייערן, וואָס פאלן סאָפּקאָלסאָפ אפ דער פראָדוקציע, עס זאָלן פארקלענערט ווערן די מעלוכע־כויוועס, וואָס די פראָצענטן דערפון גייען ארײַן אין די שטיי־ערן, — אנדערש געזאָגט, זיי האָבן געפאָדערט, אז עס זאָל פאלן די פינאנצ־אריסטאָקראטיע.

אין ענגלאנד — און די גרעסטע פראנצויזישע פאבריקאנטן זיינען דאָך קליינבירגער אין פארגלייך מיט זייערע ענגלישע קאָנקורענטן — זעען מיר ווירקלעך פאבריקאנטן, א קאָבדען, א ברייט, בעראָש פון א קרייצ־צוג קעגן דעם באנק און קעגן דער בערזן־אריסטאָקראטיע. פארוואָס זשע איז ניט אזוי אין פראנקרייך? אין ענגלאנד פרעוואַ־לירט די אינדוסטריע, אין פראנקרייך — די לאנדווירטשאפט. אין ענג־לאנד נייטיקט זיך די אינדוסטריע אין free trade (פרייען האנדל), אין פראנקרייך — אין באשיצנדיקע גרענעצ־אָפּצאָלן, אין א נאציאָנאַ־לער מאָנאָפּאָליע, צוגלייך מיט אלערליי אנדערע מאָנאָפּאָליעס. די פראנצויזישע אינדוסטריע הערשן ניט אין דער פראנצויזישער פראָ־דוקציע. די פראנצויזישע פאבריקאנטן הערשן דעריבער ניט אין דער פראנצויזישער בורזשואזיע. קעדיי צו פארטיידיקן זייערע אינטערעסן קעגן די איבעריקע פראקציעס פון דער בורזשואזיע, קאָנען זיי זיך ניט שטעלן בעראָש פון דער באוועגונג, ווי די ענגלענדער, און גלייכצייטיק ארויסרוקן זייערע קלאסן־אינטערעסן אפן ערשטן אָרט, — זיי מוזן זיך נאָכשלעפּן אין עק פון דער רעוואָליוציע און דינען די אינטערעסן, וואָס זיינען קעגנזועצלעך די אלגעמיינע אינטערעסן פון זייער קלאס. אין פעוורואל האָבן זיי ניט פארשטאנען זייער לאגע, אָבער פעוורואל האָט זיי אָנגעלערנט. וועמען דראָט דירעקטער פון אלץ די געפאר מיצאד די ארבעטער, אויב ניט דעם ארבעט־גע־

בער, דעם אינדוסטריעלן קאפיטאליסט? דער פאבריקאנט האט דערי־בער געמוט ווערן אין פראנקרייך דער פאנאטישסטער מיטגליד פון דער אָרדענונג־פארטיי. עמעס, די פינאנץ־בורזשואזיע שניידט ארום זיינע רעוואָכים, אָבער וואָס איז עס אין פארגלייך מיט דער פאר־ניכטונג פונעם פראָפיט דורכן פראָלעטאריאט?

אין פראנקרייך טוט דער קליינבירגער דאָס, וואָס בא נאָרמאלע באדינגונגען וואָלט עס געדארפט טאָן די אינדוסטריעלע בורזשואזיע; דער ארבעטער ווידער טוט דאָס, וואָס בא נאָרמאלע באדינגונגען וואָלט עס געווען די אופגאבע פון די קליינבירגער. און דעם ארבע־טערס אופגאבע, ווער לייזט זי? קיינער ניט. זי ווערט ניט געלייזט אין פראנקרייך, זי ווערט דאָ בלויז פראָקלאמירט. זי ווערט אין ער־געץ ניט געלייזט אין די נאציאָנאלע ראמען: די קלאסן־מילכאָמעס אינעווייניק אין דער פראנצויזישער געזעלשאפט ווערן פארוואנדלט אין א וועלט־מילכאָמע צווישן אלע נאציעס. די לייזונג הייבט זיך אָן ערשט אין דעם אויגנבליק, ווען א וועלט־מילכאָמע וועט אוועקשטעלן דעם פראָלעטאריאט בעראָש פון דעם פאָלק, וואָס הערשט איבערן אלוועלטלעכן מארק, בעראָש פון ענגלאנד. אָבער אויך דעמלט וועט די רעוואָליוציע דאָ ניט געפינען איר סאָף, נאָר בלויז איר אָרגאני־זאציאָנעלן אָנהייב. דאָס וועט ניט זיין קיין קורצאָטעמדיקע רעוואָ־ליוציע. דער איצטיקער דאָר איז געגליכן צו די יידן, וואָס מוישע פירט דורכן מידבער. ער דארף ניט נאָר דעראָבערן די נייע וועלט, נאָר ער מוז אויך אונטערגיין, קעדיי צו מאכן אָרט פאר די מענטשן, וואָס זיינען צייטיק פאר דער נייער וועלט.

לאָמיר זיך אומקערן צו פולדן.

דעם 14־טן נאָיאבער 1849 איז פולד ארוף אף דער טריבונע פון דער נאציאָנאלער פארזאמלונג און האָט איבערגעלייענט זיין פי־נאנץ־סיסטעם: אן אפאָלאָגיע פון דער אלטער שטייערן־סיסטעם! אי־בערלאָזן דעם וויין־שטייער! אָפּזאָגן זיך פון פאסיס האכנאָסע־שטייער!

אויך פאסי איז ניט געווען קיין רעוואָליוציאָנער, ער איז געווען לוי־פיליפס אן אלטער מיניסטער. ער האָט געהערט צו די פוריטאנער פון דיופאָרס שניט און צו די אינטימסטע פריינט פון טעסטן, אָט דעם „סאָיר־לאזאָל“ פון דער יול־מאָנארכיע.* אויך

---

* דעם 8־טן יונ 1849 יאָר האָט זיך אינעם פערנ־הויז (די אויבערשטע פאלאטע) אָנגעהויבן דער פראָצעס קעגן פארמאנטיע און גענעראל קוביער — זיי זיינען באשול־דיקט געוואָרן אין אונטערקויפן באאמטע מיטן צוועק צו באקומען א זאלצ־קאָנצעסיע — און קעגן דעם דעמלטיקן מיניסטער פאר געזעלשאפטלעכער ארבעט, טעסט, וועלכער

פאסי האָט געליובט די אַלטע שטײַערן־סיסטעם, ער האָט אויך רע־קאָמענדירט אײַנצוהיטן דעם ווײַן־שטײַער, אָבער גלײַכצײַטיק האָט ער אָרונטערגעריסן דעם שלייער פונעם מעלוכע־דעפיציט. ער האָט דער־קלערט, אַז אויסמײַדן אַ מעלוכע־באַנקראָט קאָן מען נאָר מיט דער הילף פון אַ נײַעם שטײַער — האַכנאָסע־שטײַער. פולד, וואָס האָט אַמאָל געהאַט פאָרגעלייגט לעדריו־ראָלענען צו דערקלערן אַ מעלוכע־באַנ־קראָט, האָט פאָרגעלייגט דער געזעצגעבערישער פאַרזאַמלונג דעם מע־לוכע־דעפיציט. ער האָט צוגעזאָגט אָפּצושפּאָרן. דער סאָד פון אָט דעם „אָפּשפּאָרן" האָט זיך אַנטפּלעקט דערנאָך: לעמאָשל, די הויצאָ־עס זײַנען קלענער געוואָרן אויף 60 מיליאָן, און דער לויפנדיקער כויוו איז גרעסער געוואָרן אויף 200 מיליאָן, — פאַרדעכטיקע פאָקוסן אינעם גרופּירן די ציפערן, אין אונטערפירן די כעזשבוינעס, וואָס סאָפקאָלסאָפּ האָט דאָס אַלץ געפירט צו נײַע האַלוואָעס.

אין פולדס צײַטן איז די פינאַנץ־אַריסטאָקראַטיע, פאַרשטייט זיך, באַגלייך מיט די איבעריקע קאָנקורירנדיקע פראַקציעס פון דער בור־זשואַזיע, ניט אַרויסגעטראָטן אַזוי אומפאַרשעמט, קאָרומפּירט ווי בא לוי־פיליפן. די סיסטעם איז אָבער פאַרבליבן די זעלביקע: די זעלביקע קעסיידערדיקע פאַרגרעסערונג פון די מעלוכע־כויוועס, דער זעלביקער פאַרמאַסקירטער דעפיציט. און מיט דער צײַט איז די אַלטע בערזנ־שווינדלערײַ אַרויסגעטראָטן אָפענער. אַ באַווײַז: דער געזעץ וועגן דער אַוויניאָנער אײַזנבאַן, די געהיימניספולע וואַקלונגען פון די מע־לוכע־פּאַפּירן, וואָס זײַנען אויף איין מאָמענט געוואָרן די ברענענדיק־סטע טאָג־פראַגע אין גאַנץ פאַריזש, ענדלעך, פולדס און באָנאַפּאַרטס ניט־געלונגענע ספּעקוליאַציעס אויף די וואַלן דעם 10־טן מאַרט.

מיט דער אָפיציעלער רעסטאַווראַציע פון דער פינאַנץ־אַריסטאָקראַטיע האָט דאָס פראַנצויזישע פאָלק געמוזט קומען צו אַ נײַעם 24־טן פעווראַל.

די קאָנסטיטואַנטע האָט, אַפּצולאָכעס איר יוירעשטע, אָפּגעשאַפט דעם ווײַן־שטײַער פון 1850 יאָר אָן. דאָס אָפּשאַפן די אַלטע שטײַערן האָט ניט געגעבן קיין מיטלען אויף צו דעקן די נײַע כויוועס. קרעטאָן, אַ קרעטין פון דער אָרדענונג־פּאַרטיי, האָט פאָרגעלייגט אײַנצוהיטן דעם ווײַן־שטײַער, נאָך איידער די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג איז אַוועק אויף קאַניקולן. פולד האָט אָנגענומען דעם דאָזיקן פאָרשלאָג אין נאָמען פונעם באָנאַפּאַרטיסטישן מיניסטעריום, און דעם 20־טן

איז באַשולדיקט געוואָרן, אַז ער האָט בא' זיי גענומען כאַבאַר. בעשאַס פּראָצעס האָט טעסט געפּרוּווט זיך נעמען דאָס לעבן. אַלע באַשולדיקטע זײַנען צוגעמישפּעט געוואָרן צו גרויסע געלט־שטראָפן. טעסט — אַחוץ דעם — צו דרײַ יאָר [illegible] — פ. ענגעלס.

דעקאבער 1849 יאָר, אינעם יאָרטאָג פון באָנאפּארטס אויסוואַל, האָט די נאציאָנאַלע פאַרזאַמלונג דערקרעטירט די רעסטאווראַציע פון עם ווײַן־שטײַער.

דער אדוואָקאַט פון דער דאָזיקער רעסטאווראציע איז געווען ניט קײן פינאנסיסט, נאָר דער שעף פון די יעזויטן מאָנטאַלאַמבער. זײַן ארגומענטאציע איז געווען פּאָשעט ביז גאָר: א שטײַער — דאָס איז א מוטער־ברוסט, וואָס שפּײַזט די רעגירונג. די רעגירונג — דאָס איז א געווער פאר רעפּרעסיעס, דאָס זײַנען די אָרגאַנען פון אויטאָריטעט, דאָס איז די ארמיי, דאָס איז די פּאָליציי, דאָס זײַנען די באַאַמטע, דאָס זײַנען די ריכטער, די מיניסטאָרן, דאָס זײַנען די גאַלאָכים. דער אָנגריף אפן שטײַער איז דער אָנגריף פון די אַנאַרכיסטן אף די היטער פון דער אָרדענונג, וואָס באַשיצן די פּראָדוקציע פון מאַטעריעלע און גײַסטיקע אויצרעס אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט קעגן דעם ארײַנרײַסן זיך פון די פּראָלעטאַרישע וואַנדאַלן. דער שטײַער, דאָס איז דער פינפטער גאָט, צוגלײַך מיטן אייגנטום, מיט דער פאַמיליע, אָרדענונג און רעליגיע. און דער ווײַן־שטײַער איז אָן שום ספק א שטײַער און דערצו נאָך ניט קײן געוויינלעכער, נאָר גאָר אן אַלטער, א מאָנאַרכיסטיש־געשטימטער, א רעספּעקטאַבעלער שטײַער (Vive l'impôt des boissons! זאָל לעבן דער שטײַער אף ווײַן!) Three cheers and one cheer more! (דרײַ מאָל הורא און נאָכאַמאָל הורא!).

ווען דער פראנצויזישער פּויער מאָלט אפן וואַנט דעם טײַוול, מאָלט ער אים אין געשטאַלט פון א שטײַערן־עקזעקוטער. פון דעם מאָמענט אָן, זינט מאָנטאַלאַמבער האָט דערקלערט דעם שטײַער פאר א גאָט, איז דער פּויער געוואָרן גאָטלאָז, אן אטעיִסט, און האָט זיך א וואָרף געטאָן אין די אָרעמס צום טײַוול, צום סאָציאַליזם. די רעליגיע פון דער אָרדענונג האָט אים לײַכטזיניק פאַרלאָרן, די יעזויטן האָבן אים לײַכטזיניק פאַרלאָרן, באָנאַפּארט האָט אים לײַכטזיניק פאַרלאָרן. דער 20־טער דעקאַבער 1849 יאָר האָט אף אייביק קאָמפּראָמעטירט דעם 20־טן דעקאַבער 1848 יאָר. „זײַן פעטערס פּלעמיניק" איז געווען אין זײַן מישפּאָכע ניט דער ערשטער, וועמען עס האָט געשלאָגן דער ווײַן־שטײַער, וועלכער שמעקט, לויט מאָנטאַלאַמבערס אויסדרוק, מיט רעוואָליוציאָנערן שטורעם. דער עמעסער, דער גרויסער נאַפּאָלעאָן האָט אפן אינדזל פון דער הײליקער העלענע דערקלערט, אז דאָס אײַנפירן צוריק דעם ווײַן־שטײַער האָט מער ווי וועלכע־ניט־איז אנדערע סיבע מיטגעווירקט זײַן פאַלן, ווײַל דאָס

האָט אופגעשטעלט קעגן אים די פּויערים פון דאָרעם־פראַנקרײַך. שוין אין לוי דעם 14־טנס צײַטן איז דער דאָזיקער שטײַער געווען דער הויפּט־אָביעקט פון דער פאָלק־סינע (זע די ווערק פון בואלגיבער און וואָבאן); די גרויסע רעוואָליוציע האָט אים אָפּגעשאַפט, און נאַפּאָלעאָן האָט אים ווידער אײַנגעפירט אין יאָר 1808 אין א ביסל א געענדערטער פאָרם. ווען די בורבאָנען האָבן זיך אומגעקערט קיין פראַנקרײַך, האָבן אין זייער אוואַנגאַרד גאַלאָפּירט ניט נאָר קאָזאַקן: צוזאַמען מיט זיי איז אויך געגאַנגען דער צוזאָג אָפּצושאַפן דעם ווײַן־שטײַער. די gentilhommerie (דער אדל) איז, פאַרשטייט זיך, ניט מעכוּיעוו געווען צו האַלטן דאָס וואָרט, וואָס זיי האָבן געגעבן די gent taillable à merci et miséricorde (רעכטלאָזע נידעריקע שטאַנדן פון דער באַפעלקערונג). דאָס יאָר 1830 האָט צוגעזאָגט אָפּצושאַפן דעם ווײַן־שטײַער. אָבער ניט אין זײַן כאַראַקטער איז געווען צו טאָן דאָס, וואָס עס זאָגט, און צו ריידן דאָס, וואָס עס טוט. דאָס יאָר 1848 האָט צוגעזאָגט אָפּצושאַפן דעם ווײַן־שטײַער, פּונקט ווי עס האָט אַלץ צוגעזאָגט. די גרינדונג־פאַרזאַמלונג, ענדלעך, וואָס האָט קיין זאַך ניט צוגעזאָגט, האָט, ווי דערמאָנט, פאַראָרדנט אין איר צוואָע, אַז דער ווײַן־שטײַער זאָל אָפּגעשאַפט ווערן פונעם 1־טן יאַנואַר 1850 יאָר אָן. אָבער פּונקט מיט 10 טעג פאַרן 1־טן יאַנואַר האָט אים די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג צוריק אײַנגעפירט. דאָס פראַנצויזישע פאָלק האָט זיך אומזיסט געיאָגט נאָך דעם דאָזיקן שטײַער, און אַז עס האָט אים אַרויסגעוואָרפן דורך דער טיר, איז דער שטײַער צוריק אַרײַן דורכן פענצטער.

דער אַלגעמיינער האַס קעגן דעם ווײַן־שטײַער לאָזט זיך דערקלערן דערמיט, וואָס אין אים האָבן זיך פאַראייניקט אַלע פאַרהאַסטע זײַטן פון דער פראַנצויזישער שטײַער־סיסטעם. דער אופן פון אופמאָנען אים רופט אַרויס האַס. דער אופן פון פאַרטיילן אָט דעם שטײַער איז אַן אַריסטאָקראַטישער, ווײַל די שטײַער־פּראָצענטן זײַנען די זעלביקע סײַ פאַר די געוויינלעכסטע, סײַ פאַר די טײַערסטע ווײַנען. ער פאַרגרעסערט זיך, אַלזאָ, אין אַ געאָמעטרישער פּראָגרעסיע, פּאַראַלעל מיט דער פאַרקלענערונג פונעם געב־ויכערס פאַרמעגן: דאָס איז אַ פאַרקערטער פּראָגרעסיווער שטײַער. דער שטײַער איז אַ פּרעמיע פאַר פאַלשע און נאָכגעמאַכטע ווײַנען און ער פּראָוואָצירט אַזוי־אַרום דירעקט סיסטעמאַטישע פאַרגיפטיקונגען פון די אַרבעטנדיקע קלאַסן. ער פאַרקלענערט דעם געברויך דערמיט, וואָס בא די טויערן פון יעדער שטאָט מיט אַ באַפעלקערונג פון העכער 4,000 מענטשן, שטעלט ער אַוועק אַקציז־וואַכן (octrois) און פאַרוואַנדלט יעדע שטאָט אַזאַ

אין א פרעמד לאנד, וואָס איז באשיצט קעגן דעם פראנצויזישן ווײַן מיט שוץ־אָפּצאָלן. די גרויסע ווײַן־הענדלער, נאָך אין א גרעסערער מאָס אָבער די קליינע שענקערס, די marchands d. vins, די ווײַנשענקען, וועלכע לעבן דירעקט פון ווײַן־פּארקויף, — דאָס זײַנען אלץ פאַרבי־סענע סאָנים פונעם ווײַן־שטײַער. און, ענדלעך, פאַרקלענערנדיק דעם געברויך, נעמט דער ווײַן־שטײַער צו בא דער פּראָדוקציע דעם אָפּזאַצ־מארק, אָפּנעמענדיק בא די שטאָטישע ארבעטער די מעגלעכקײַט צו קויפן ווײַן, נעמט ער צו בא די פּויערים, די ווײַנמאכערס, די מעג־לעכקײַט דעם ווײַן צו פארקויפן; פראנקרײַך ווידער ציילט אן ערעך 12 מיליאָן באפעלקערונג, וואָס פארנעמט זיך מיט ווײַנצוכט. עס איז דעריבער פארשטענדלעך דער האס פונעם גאנצן פאָלק קעגן דעם ווײַן־שטײַער. ס'איז באזונדערס פארשטענדלעך דער פאנאטישער האס פון די פּויערים. דערצו נאָך האָבן זיי אין דער רעסטאווראַציע פונעם ווײַן־שטײַער געזען ניט קיין איינצלנע, מער אָדער ווייניקער צופעליקע געשעעניש. די פּויערים האָבן זייערע אייגענע היסטאָרישע טראדיציעס, וועלכע גייען איבער פון פאָטער צו זון — אין דער דאָזיקער היסטאָרישער שול האָט מען געמורמלט, אז יעדע רעגירונג, קאָלזמאַן זי וויל אָפּנארן די פּויערים, זאָגט זי זיי צו אָפּצושאפן דעם ווײַן־שטײַער, און ווי נאָר זי נארט זיי שוין אָפּ, לאָזט זי אים איבער אָדער פירט אים צוריק אײַן. אפן ווײַן־שטײַער פּרוווט דער פּויער דעם בוקעט פון דער רעגירונג, איר טענדענץ. די רעסטאווראַציע פונעם ווײַן־שטײַער דעם 20־טן דעקאבער האָט באטײַט: לוי־באָנאפּארט איז פּונקט אזא, ווי אלע אנ־דערע. ער איז אָבער ניט געווען, ווי אלע אנדערע, ער איז גע־ווען א פּויערשע קרעאטור, און אין די פּעטיציעס קעגן דעם ווײַן־שטײַער, וואָס האָבן געציילט מיליאָנען אונטערשריפטן, האָבן די פּויערים צוריקגעצויגן זייערע שטימען, וואָס זיי האָבן מיט א יאָר צוריק אָפּגעגעבן „זײַן פּעטערס פּלימעניק".

די דאָרפישע באפעלקערונג, העכער צוויי דריטל פון דער גאנ־צער פראנצויזישער באפעלקערונג, באשטייט ס'ראָוו פון אזויגערופענע פרײַע ערדבאזיצערס. דער ערשטער דור זייערער, וועמען די רעוואָלוציע פון 1789 יאָר האָט אָן אָפּצאָל באפרײַט פון די פעאָ־דאלע היסכײַוועסן, האָט פאר דער ערד גאָרנישט ניט געצאָלט. אָבער די ווײַטערדיקע דורות האָבן שוין אין דער פאָרם פון געצאָלט פאר צוגעקויפטער ערד געמוזט אָפּצאָלן דאָס, וואָס זייערע האלב לײַב־אייגענע זיידעס האָבן געצאָלט אין דער פאָרם פון רענטע, מײַסער, ארבעט־אָפּצאָל (פּאנשטשינע) א. א. וו. וואָס מער עס איז, פון איין

זײַט, געוואָקסן די באפעלקערונג, און וואָס מער עס האָט זיך, פון דער אנדערער זײַט, פארגרעסערט די צעברעקלונג פון דער ערד, אלץ טײַערער איז געוואָרן דער פרײַז פון דער פארצעלע [קלײנעם ערד־ביילעק], ווײַל אפ וויפל זיי זײַנען קלענער געוואָרן, אזוי־פיל איז געוואָקסן דער נאָכפרעג אפ זיי. צוזאמען מיטן פרײַז פון די פויערשע פארצעלן איז געוואָקסן דעם פויערס פארשולדיקטקײַט, דאָס הייסט, די היפּאָטעק — אלציינס, צי האָט ער געקויפט די פארצעלע דירעקט, אָדער זי איז אים פארעכנט געוואָר"ן דורך די איבעריקע יאָרשים, ווי קאפיטאל. דער כויוו, וואָס ליגט אפ דער ערד, הייסט היפּאָטעק, א מאשקן־צעטל אפ דער ערד. פונקט ווי אפ די מיטלאלטערישע שטיקער ערד האָבן זיך אקומולירט פריווליגיעס, אזוי אקומולירן זיך אפ די נײַסטע פארצעלן — היפּאָטעקעס. פון דער אנדערער זײַט, איז באם רעזשים פון פארצעלן די ערד פאר איר אייגנטימער א פּאָשעטער פּראָדוציר־אינסטרומענט. וואָס מער די ערד ווערט צעברעקלט, אלץ מער פארקלענערט זיך איר פרוכטבארקײַט. די אָנווענדונג פון מאשינעס באם באארבעטן דעם באָדן, ארבעט־צעטיילונג, גרויסע מעליאָראטיווע ארבעטן, ווי, לעמאָשל, אײַנריכטונג פון אָפּצי־און באוואסערונג־קאנאלן א. ד. גל., — ווערט אלץ מער און מער אומעגלעך פארן אייגנטימער פון דער פארצעלע, און די ניט־פּראָדוקטיווע הויצאָעס באם באארבעטן די ערד וואקסן צוזאמען מיט דער צעברעקלונג פונעם פּראָדוציר־אינסטרומענט גופע. דאָס אלץ איז ניט אָפּהענגיק דערפון, צי פארמאָגט דער אייגנטימער פון דער פארצעלע קאפיטאל אָדער ניט. אָבער וואָס ווײַטער עס גייט דער פּראָצעס פון צעברעקלען די ערד, אלץ מער בילדעט דער ערד־ביילעק, צוזאמען מיטן סאמע נעבעכדיקן אינווענטאר, דעם גאנצן קאפיטאל פונעם פארצעלן פויער, אלץ מער פאלט די אָנווענדונג פון קאפיטאל אפ דער ערד, אלץ מער פעלט דעם פויער ערד, געלט און בילדונג אפ אָנצווענדן די דערגרייכונגען פון דער אגראָנאָמיע, אלץ מער גייט די ערד־באארבעטונג צוריק. ענדלעך, די ריינע האכנאָסע פארקלענערט זיך אין דער זעלביקער פּראָפּאָרץ, אין וועלכער עס וואקסט דער ברוטאָ־געברויך, דאָס אייגנטום, האלט אָפּ דעם פויערס גאנצע פאמיליע פון אנדערע באשעפטיקונגען: זי גיט אָבער דאָך ניט קיין מעגלעכקײַט פון איר צו לעבן.

אלזאָ, מיטן וווּקס פון דער באפעלקערונג און מיט דער וואקסנדיקער צעברעקלונג פון דער ערד ווערט טײַערער דער פּראָדוציר־אינסטרומענט, די ערד, עס ווערט קלענער איר פרוכטבארקײַט, עס פאלט די ערד־ארבעט און עס וואקסן די

פויערשע כויוועס. דאָס, וואָס עס איז געוועג א פויעל־יויצע, ווערט פונ זײַנ זײַט א סיבע. יעדער דאָר לאָזט איבער אלצ גרעסערע כויוועס דעמ ווײַטערדיקנ, יעדער נײַער דאָר הייבט אָנ זײַנ ארבעט בא אלצ שווערערע אונ אומגינסטיקערע באדינגונגענ. איינ היפּאָטעקע רופט ארויס נײַע היפּאָטעקעס אונ ווענ דער פויער קענ שוינ מער ניט איבעראנײַס פארזעצנ זײַנ פארצעלע אפ צו מאכנ נײַע האלוואָעס, ד. ה. באלעסטיקנ זי מיט נײַע היפּאָטעקעס, פאלט ער ארײַנ דירעקט אינ די הענט צומ פּראָצענטניק אונ אלצ קאָלאָסאלער ווערנ די וווכערישע פּראָצענטנ.

אָט אזוי קומט עס פאָר, אז אינ דער פאָרמ פונ פּראָצענטנ אפ די היפּאָטעקעס, וואָס באלעסטיקנ דעמ פויערס ערד, אינ דער פאָרמ פונ פּראָצענטנ אפ די ניט־היפּאָטעצירטע האלוואָעס בא די פּראָצענטניקעס, גיט דער פויער אוועק די קאפּיטאליסטנ ניט נאָר די ערד־רענטע, ניט נאָר דעמ אינדוסטריעלנ רעווען, מיט איינ וואָרט, ניט נאָר די גאנצע האכנאָסע, נאָר אפילע א טייל פונ זײַנ ארבעטלוינ. אָט אזוי האָט ער זיכ אראָפּגעלאָזנ ביז צו דער מאדרייגע פונעמ אירלענדישנ ארענדאטער — אונ דאָס אלצ צוליב דער פיקציע, אז ער איז א פּריוואטער אייגנטימער.

דער דאָזיקער פּראָצעס איז אינ פראנקרײַכ פארגיכערט געוואָרנ דורכ דער אלצ וואקסנדיקער לאסט פונ שטײַערנ אונ געריכט־הויצאָעס. די דאָזיקע הויצאָעס זײַנענ טיילווייז ארויסגערופנ דורכ די פאָרמאליטעטנ גופע, מיט וועלכע די פראנצויזישע געזעצגעבונג האָט ארומגערינגלט דאָס ערד־אייגנטומ, טיילווײַז דורכ די אָנצאָליקע קאָנפליקטנ צווישנ די אייגנטימער פונ די פארצעלנ, וואָס גרענעצנ אונ שנײַדנ אומעטומ דורכ איינע די אנדערע; טיילווײַז דורכ דער לײַדנשאפט צו פירנ געריכט־פּראָצעסנ, וואָס איז פאראנ בא די פויערימ, פאר וועמענ די גאנצע האנאָע פונ זייער אייגנטומ לאָזט זיכ אויס צומ פאנאטישנ רעאליזירנ זייער פיקטיוו אייגנטומ — זייער אייגנטומ־רעכט.

לויט סטאטיסטישע אויסרעכענונגענ פונ יאָר 1840 האָט דער ברוטאָ־פּראָדוקט פונ דער פראנצויזישער ערד־ארבעט באטראָפנ 5.237.178.000 פראנק. פונ אָט דער סומע דארפ מענ אראָפּרעכענענ 3.552.000.000 פראנק אפ די הויצאָעס פונ באארבעטנ, אײַנשליסנדיק דערינ שוינ דעמ געברויכ פונ די ערד־ארבעטער. בלײַבט איבער ריינער נעטאָ־פּראָדוקט אפ א סומע פונ 1.685.178 000 פראנק, וואָס דערפונ דארפ מענ אראָפּרעכענענ 550 מיליאָנ אפ פּראָצענטנ לויט די

היפּאָטעקעס, 100 מיליאָן אַף די געריכט־באאמטע, 350 מיליאָן אַף שטייערן און 107 מיליאָן אַף נאָטאַריאַלע געלט, שטעמפּל־געלט, טשינשן פון די היפּאָטעקעס א. א. וו. בלייבט א דריטל־טייל פונעם ריינעם פּראָדוקט, 538 מיליאָן. אַף יעדן נעפּעש פון דער באַפעלקערונג קומט ניט אויס אַפילו קיין 25 פראנק ריינע האכנאָסע. אין דער דאָזיקער אויסרעכענונג זיינען, פארשטייט זיך, ניט גענומען געוואָרן אין באטראכט ניט די אויסער־היפּאָטעקישע וווכעריי, ניט די הויצאָעס אַף אדוואָקאטן א. א. וו.

עס איז לייכט זיך פאָרצושטעלן די לאַגע פונעם פראנצויזישן פּויער, ווען צו די אלע לאסטן האָט נאָך די רעפּובליק צוגעגעבן נייע. ס'איז קלאָר, אז די עקספּלואטאציע פונעם פּויערטום אונטערשיידט זיך פון דער עקספּלואטאציע פונעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאריאט בלויז אין דער פאָרם. דער עקספּלואטאטער איז דער זעלביקער: דער קאפּיטאל. די איינצלנע קאפּיטאליסטן עקספּלואטירן איינצלנע פּויערים מיט דער הילף פון היפּאָטעקעס און פּראָצענטן, דער קלאס קאפּיטאליסטן עקספּלואטירט דעם קלאס פּויערים דורך די מעלוכע־שטייערן. דאָס אייגנטום־רעכט פון די פּויערים איז געווען די קאמייע, וואָס האָט ביז איצט אָפּגעגעבן די פּויערים אין די הענט פון קאפּיטאל, דער מאָטיוו, דורך וועלכן דער קאפּיטאל האָט זיי אופגעהעצט קעגן דעם אינדוסטריעלן פּראָלעטאריאט. נאָר דאָס פאלן פונעם קאפּיטאל קאָן אופהייבן די פּויערים, נאָר אַן אנטיקאפּיטאליסטישע, א פּראָלעטארישע רעגירונג קאָן מאכן א סאָף צו זייער עקאָנאָמישן דאַלעס, צו זייער געזעלשאפטלעכער דעגראדאציע. די קאָנסטיטוציאָנעלע רעפּובליק—דאָס איז די דיקטאטור פון דעם פּויערס פאראייניקטע עקספּלואטאטערס, די סאָציאַל־דעמאָקראטישע רויטע רעפּובליק—דאָס איז די דיקטאטור פון זיינע פארבינדעטע. און די וואָגשאָלן פאלן און הייבן זיך, אָפּהענגיק פון די שטימען, וועלכע דער פּויער ווארפט אין דער וואל־אורנע. ער אליין האָט צו באשליסן זיין גוירל. אזוי האָבן גערעדט די סאָציאליסטן אין פאמפלעטן, אין אלמאנאכן, אין קאלענדארן, אין פארשיידנערליי בראָשורן. די דאָזיקע שפּראך איז נאָך פארשטענדלעכער געוואָרן פארן פּויער דורך די פּאָלעמישע ווערק פון דער אָרדענונג־פּארטיי, וועלכע האָט זיך, פון איר זייט, אויך געווענדט צו אים — און מיט אירע אומגעלומפּערטע גוזמעס, מיט איר גראָבן פארקריפּלען די אידייען און די קאוואָנעס פון די סאָציאליסטן האָט זי גראָד ארייַנגעטראָפן אינעם עכטן פּויערשן טאָן און האָט צערייצט דעם פּויערס גלוסטונגען צו פארזוכן פון די פארבאָטענע פרוכט. פארשטענדלע־

כער פון אלץ האָט אָבער גערעדט צו אים די עצעם דערפארונג, וועלכע דער פויערים־קלאס האָט באקומען פונעם באנוצן זיך מיטן וואל־רעכט און אויך די אנטוישונגען, וועלכע ער האָט — איין קלאס נאָכן אנדערן — באקומען אינעם האסטיקן גאנג פון דער רעוואָליוציע. די רעוואָליוציעס — דאָס זײַנען די לאָקאָמאָטיוון פון דער געשיכטע.

די בעהאדראָגיקע איבערקערעניש אין דער שטימונג פונעם פויערטום האָט זיך אנטפלעקט אין פארשיידענע סימפּטאָמען. זי האָט זיך ארויסבאוויזן שוין אין די וואלן צו דער געזעצגעבערישער פאר־זאמלונג, בא דעם באלאגערונג־צושטאנד, וואָס איז דערקלערט גע־וואָרן אין די פינף דעפּארטאמענטן ארום ליאָן, זי האָט זיך ארויס־באוויזן אין עטלעכע כאדאָשים ארום נאָכן 13־טן יונ דערינ, וואָס אינעם דעפּארטאמענט פון דער זשיראָנדע איז אויסגעקליבן געוואָרן א מאָנטאניאר אנשטאָט דעם פריערדיקן פּרעזידענט פון דעם Chambre introuvable (אומפארגלײַכלעכן הויז)*, זי האָט זיך ארויס־באוויזן דעם 20־טן דעקאבער פון 1849 יאָר אין דעם אויסוואל פון א רויטן אנשטאָט דעם פארשטאָרבענעם לעגיטימיסטישן דעפּוטאט אינעם גארדער דעפּארטאמענט, אָט אין דעם לעגיטימיסטישן געלויבטן לאנד, וואָס איז געווען אן ארענע פון די שוידערהאפטיקע שענדלעכע מײַסים קעגן די רעפּובליקאנער אין 1794 און 1795, דעם נעסט פון ווײַסן טעראָר אין 1815 יאָר, ווו מע האָט עפנטלעך געמאָרדעט ליי־בעראלן און פּראָטעסטאנטן. אָט די רעוואָליוציאָניזירונג פונעם קאָנסערוואטיווסטן קלאס האָט זיך בוילעטער פון אלץ אנטפּלעקט נאָכדעם, ווי ס׳איז צוריק אײַנגעפירט געוואָרן דער ווײַנ־שטײַער. די מאָסמיטלען פון דער רעגירונג און די געזעצן אין משעך פון יאנ־ווּאר און פעווראל 1850 יאָר זײַנען געווענדט געווען קימאט אויס־שליסלעך קעגן די דעפּארטאמענטן און קעגן די פויערים — דער איבערצײַגנדיקסטער באווײַז דערפון, אז זיי האָבן זיך א רוק געטאָן פאָרויס.

אָפּולס צירקוליאר, וואָס האָט דעם זשאנדארם פארוואנדלט אין אן אינקוויזיטער באַם פרעפעקט, סוב־פּרעפעקט און פריער פאר אלץ באַם מער, וואָס האָט אָרגאניזירט שפּיאָנאזש ביז די באהאלטנסטע ווינקעלעך פון די פארוו׳ר־נסטע דע פּ ר; דער געזעץ קעגן די

* אזוי הייסט אין דער געשיכטע דאָס פאנאטישע אולטרא־ראָיאליסטישע און רע־אקציאָנערע דעפּוטאטנ־הויז, וואָס איז אויסגעקליבן געוואָרן אין 1815 יאָר, גלײַך נאָכ־דעם, ווי נאַפּאָלעאָן איז צום צווייטן מאָל אראָפּגעוואָרפן געוואָרן. א ־ ב ע ר ז.

שול־לערערס, וועלכער האָט זיי, די אָנפירער, דערציער און פּאָר־
שטייער פונעם פויערשן קלאַס, אונטערטעניק געמאַכט אויסטערן וויל־
קיר פונעם פּרעפעקט, וועלכער האָט זיי, די פּראָלעטאַריער פונעם
קלאַס געלערנטע, געטריבן, ווי געהעצטע ווילדע חיות פון איין
געמיינדע אין דער אַנדערער; דער געזעץ־פּראָיעקט קעגן די
מערן, וואָס האָט אויפגעהאַנגען איבער זייערע קעפּ דעם דאַמאָקל־
שווערד פון אַראָפּנעמען פון דער אַרבעט און האָט זיי, די פּרעזידענטן פון
די פויערשע געמיינדעס, יעדן אויגנבליק אַנטקעגנגעשטעלט דעם פּרעז־
זידענט פון דער רעפּובליק און דער אָרדענונג־פּאַרטיי; דער באַפעל,
וואָס האָט 17 מיליטערישע דיוויזיעס פון פראַנקרייך פאַרוואַנדלט אין
פיר פּאַשאַליקן און וואָס האָט געמאַכט די קאַזאַרמע און דאָס לאַ־
גערן־ביוואַק פאַרן נאַציאָנאַלן סאַלאָן פון די פראַנצויזן; ענדלעך —
דער געזעץ וועגן פאָלקבילדונג, דורך וועלכן די אָרדענונג־
פּאַרטיי האָט פּראָקלאַמירט, אַז די באַוווסטלאָזיקייט און איבערגוואַל־
דיקע פאַרפינצטערונג פון פראַנקרייך איז אַן אומבאַדינגטער טנאי פאַר
איר עקזיסטענץ בא דעם רעזשים פון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט — וואָס
זיינען די אַלע געזעצן און מאָסמיטלען? דאָס אַלץ זיינען געווען
פאַרצווייפלטע פּרוּוון ווידער צו געווינען פאַר דער אָרדענונג־פּאַרטיי
די דעפּאַרטאַמענטן און די פויערים פון די דעפּאַרטאַמענטן.

פונעם שטאַנדפּונקט פון רעפּרעסיע זיינען עס געווען נע־
בעכדיקע מיטלען, וועלכע האָבן געווירקט קעגן זייער אייגענעם ציל.
די גרויסע מאָסמיטלען, ווי דאָס פאַרהיטן דעם וויין־שטייער און
דעם 45־סאַנטימיקן שטייער, דאָס אָפּוואַרפן מיט שפּאָט די פויערשע
פּעטיציעס וועגן אומקערן צוריק די מיליאַרדן א.א.וו. — די אַלע גע־
זעצגעבערישע דונערן האָבן געטראָפן דעם פויערים־קלאַס בלויז איין
מאָל, אַנגראָ, פונעם רעגירונג־צענטער אַרויס; די אָנגערופענע גע־
זעצן און מאָסמיטלען האָבן אָבער געבראַכט דערצו, אַז די שטענדי־
קע טעמע פאַר שמועסן אין יעדער הייזקע איז געוואָרן די פראַגע
וועגן אָנפאַל און ווידערשטאַנד, זיי האָבן איינגעפּאַנצט די רעוואָ־
ליוציע אין יעטווידער דאָרף, זיי האָבן לאָקאַליזירט און פּאַר־
פויערט די רעוואָליוציע.

פון דער אַנדערער זייט, באַווייזן דען ניט באָנאַפּאַרטס פּראָ־
יעקטן און דאָס, וואָס זיי זיינען אָנגענומען געוואָרן דורך דער נאַ־
ציאָנאַלער פאַרזאַמלונג — באַווייזן זיי דען ניט, אַז צווישן די ביי־
דע מאַכטן פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק האָט געהערשט
פולע אייניקייט דאָרט, ווו עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דערשטיקן
די אַנאַרכיע, ד.ה. אונטערדריקן די אַלע קלאַסן, וועלכע שטייען

אויף קעגן דער דיקטאַטור פון דער בורזשואַזיע? האָט דען סולוק, גלייך נאָך זיין שאַרפער אַרויסטרעטונג, ניט פאַרזיכערט די געזעצ־געבערישע פאַרזאַמלונג אין זיין איבערגעגעבנקייט צו דער אָרדענונג, און געטאָן האָט ער עס דירעקט נאָך דעם געקומענעם פּאָרטראַג פון קאַרליע, וואָס איז געווען פּונקט אַזאַ שמוציק־געמיינע קאַר־קאַטור אָפּ פושען, ווי לוי־באָנאַפּאַרט גופא איז געווען אַ פלאַכע קאַריקאַטור אָפּ נאַפּאָלעאָנען?

דער בילדונג־געזעץ באַווייזט אונדז דעם בונד צווישן די יונגע קאַטאָליקן און די אַלטע וואָלטעריאַנער. די הערשאַפט פון דער פאַראייניקטער בורזשואַזיע — האָט זי דען געקענט זיין עפּעס אַנ־דערש, איידער אַ פאַראייניקטער דעספּאָטיזם פון דער יעזויטן־פריינט־לעכער רעסטאַווראַציע און פון דער פרייַדענקערישער יול־מאָנאַרכיע? דאָס געווער, מיט וועלכן איין בורזשואַזע פראַקציע האָט באַוואָרנט דאָס פאָלק קעגן דער אַנדערער, אין זייער ביידנס קעגנזייטיקן שטרייט פאַר דער העכסטער מאַכט, — האָבן זיי דען ניט געמוזט צוריק אַרויס־רייסן עס באַם פאָלק פון די הענט, פון זינט עס האָט זיך אָנגעהויבן אַנטקעגנשטעלן זייער געמיינזאַמער דיקטאַטור? קיין זאַך, אַפילע דאָס אָפּוואַרפן די concordats à l'amiable, האָט אַזוי ניט אופגערעגט דעם פאַריזשער קרעמער, ווי אָט דאָס קאָקעטירן מיטן יעזויטיזם.

דערווייל זיינען די צוזאַמענשטויסן צווישן די פאַרשיידענע פראַק־ציעס פון דער אָרדענונג־פּאַרטיי, פּונקט ווי צווישן דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג און באָנאַפּאַרטן, געגאַנגען ווייטער. דער פאַרזאַמלונג איז קנאַפּ וואָס געפעלן געוואָרן, וואָס באָנאַפּאַרט האָט גלייך נאָך זיין Coup d'état, נאָך דעם, ווי ער האָט באַשטימט אַן אייגן, באָנאַ־פּאַרטיסטיש מיניסטעריום, האָט ער גלייך גערופן צו זיך די אינוואַ־לידן פון דער מאָנאַרכיע, וועלכע זיינען איצט באַשטימט געוואָרן פאַר פּרעפעקטן, און אַלס באַדינג פאַר דעם, זיי זאָלן פאַרבלייבן אָפּ זייערע שטעלעס, האָט ער געשטעלט, אַז זיי זאָלן פירן אַן אַגיטאַציע פאַר דעם, מע זאָל אים אַ צווייטן מאָל אויסקלייבן פאַר אַ פּרעזי־דענט, האַגאַם אַזאַ אַגיטאַציע איז דורך דער קאָנסטיטוציע פאַרבאָטן געווען. עס איז איר ניט געפעלן געוואָרן, וואָס קאַרליע האָט גע־פייערט די באַשטימונג זיינע דערמיט, וואָס ער האָט פאַרמאַכט אַ לעגיטימיסטישן קלוב; עס איז איר ניט געפעלן געוואָרן, וואָס באָ־נאַפּאַרט האָט געגרינדעט אַן אייגענע צייטונג „le Napoléon", וועל־כע האָט אַנטפּלעקט פאַרן פּובליקום דעם פּרעזידענטס געהיימע באַ־

גערן, בייס זייַנע מיניסטאָרן האָבן עס געמוזט אָפּלייקענען פון דער טריבונע פון דער געזעצגעבערישער פארזאמלונג; עס איז ניט גע־פעלן געוואָרן דער פארזאמלונג, וואָס באָנאפארט האָט אפּצולאָכעס איר, ניט געקוקט אפּ אלע אירע אומצוטרוי־וואָטומס, ניט אָפּגעזאָגט זייַנע מיניסטאָרן; עס איז איר ניט געפעלן געוואָרן דער פרוּוו צוצוציען צו זיך די סימפּאַטיעס פון די אונטער־אָפיצערן דורך א הוי־סאָפּע פון פיר סו צו זייער טאָג־געהאלט און די סימפּאַטיעס פונעם פראָ־לעטאריאט דורך א פּלאגיאט פון אייזשענס סיוס „פאריזשער סוידעס" — דורך דעם ערן־באנק פאר קרעדיט. עס איז, ענדלעך, ניט געפעלן געוואָרן די אומפארשעמטקייט, מיט וועלכער מע האָט געצווונגען די מיניסטאָרן ארייַנצוטראָגן א פּאָרשלאג צו פארשיקן קיין אלזשיר די גאנצ־געבליבענע יוניער אינסורגענטן. די דאָזיקע פארשיקונג האָט, פארשטייט זיך, געדארפט מאכן די פארזאמלונג ניט פּאָפּולער en gros (אנגראָ), אין דער צייַט, ווען פאר זיך האָט דער פּרעזידענט איבער־געלאָזן די פּאָפּוליאַריטעט en détail (לאַכאָדים) דורך איינציקע באַ־גנעדיקונג־אקטן. טיער האָט דעמלט א זאָג געטאָן זייַנע דראָענדיקע ווערטער וועגן א „Coups d'état", וועגן „Coups de tête" און די גע־זעצגעבערישע פארזאמלונג האָט זיך נויקעם געוועגן אָן באָנאפּארטן דערמיט, וואָס זי האָט אָפּגעוואָרפן יעטווידער געזעצ־פּראָיעקט, וועלכן ער האָט ארייַנגעטראָגן פון זייַנע אייגענע אינטערעסן וועגן, זי האָט מיט טומלדיקן אומצוטרוי אונטערגעזוכט יעטווידער פּראָיעקט, וועלכן ער האָט ארייַנגעטראָגן אין די אלגעמיינע אינטערעסן, — צי אונטער דער פאָרם פון פארשטארקן די אויספיר־מאכט העלפט ער ניט מיט צו פארשטארקן באָנאפארטס פערזענלעכע מאכט. מיט איין וואָרט, זי האָט זיך אָן אים נויקעם געוועגן דורך א פארשווע־רונג פון פאראכטונג.

די לעגיטימיסטישע פארטיי פון איר זייַט האָט מיט פארדרוס געקוקט, דערויף, וואָס די פייַקערע אָרלעאניסטן האָבן ווידער פאר־כאפּט אין זייערע הענט קימאט אלע מעלוכע־שטעלעס, וואָס עס וואקסט די צענטראליזאציע, אין דער צייַט, ווען איר דער־פאָלג האָט זי געזוכט אין דער דעצענטראליזאציע. און ווירקלעך. די קאָנטררעוואָלוציע האָט איבערגוואלד דורכגעפירט די צענטראליזא־ציע, ד.ה. זי האָט צוגעגרייט דעם מעכאניזם פון דער רעוואָלוציע. אייַנפירנדיק א צוואנג־קורס פאר די באנק־בילעטן, האָט זי צענ־טראליזירט אפילע דאָס גאָלד און זילבער פון פראַנקרייַך אינעם פאריזשער באנק, און האָט אפּ אזא אויפן באשאפן א גרייטע קריגס־קאסע פאר דער רעוואָלוציע.

די אָרלעאניסטנ האָבנ, ענדלעכ, מיט פארדרוס געקוקט דערופ, ווי קעגנ זייער פרינציפ פונ א זײַטיקער דינאסטיע, איז ווידער ארופגעשווומענ אינ דער הייכ דער פרינציפ פונ לעגיטימיזמ, ווי מע האָט זיי אליינ אָפגעשטויסנ אונ באליידיקט אפ טריט אונ שריט, פונקט ווי אנ אדעליקער באליידיקט זײַנ פרוי פונ בורזשואזער אָפשטאמונג.

מיר האָבנ טריט נאָכ טריט נאָכגעשפירט, ווי די פויערימ, די קליינבירגער, ביכלאל דער מיטלשטאנד האָט זיכ געשטעלט אפ דער זײַט פונ פראָלעטאריאט, געשטויסענע צו אָפענעמ אנטאגאָניזמ מיט דער אָפיציעלער רעפובליק, וועלכע האָט זיי באהאנדלט, ווי סאָנימ. די אופגעבראכטקײַט קעגנ דער בורזשואזער דיקטאטור, די באדערפעניש אינ איבערבויענ די געזעלשאפט, די פארהיטונג פונ די דעמאָקראטיש־רעפובליקאנישע אינסטיטוציעס, אלס געצײַג פאר דער דאָזיקער איבערבויונג, די גרופירונג ארומ דעמ פראָלעטאריאט, אלס אנטשיידנדיקע רעוואָלוציאָנערע קראפט — אָט דאָס זײַנענ די אלגעמיינע שטריכנ, וועלכע כאראקטעריזירנ די אזויגערופענע פארטיי פונ דער סאָציאל־דעמאָקראטיע, די פארטיי פונ דער רויטער רעפובליק. די דאָזיקע פארטיי פונ אנארכיע, ווי עס האָבנ איר א נאָמענ געגעבנ אירע קעגנער, איז, פונקט ווי די אָרדענונג־פארטיי, א קאָאליציע פונ פארשיידענע אינטערעסנ. פונ דער סאמע קלענסטער רעפאָרמ אינ דער אלטער געזעלשאפטלעכער אומאָרדענונג ביז צו דער איבערקערעניש פונ דער אלטער געזעלשאפטלעכער אָרדענונג, פונ בורזשואזנ ליבעראליזמ, ביז צו רעוואָליוציאָנערנ טעראָריזמ, — אזוי ווײַט גייענ זיכ פאנאנדער די עקסטרעמענ, וועלכע בילדנ דעמ אויסגאנג־אונ ענדפונקט פונ דער פארטיי פונ „אנארכיע".

אָפשאפנ די שוצ־אָפצאָלנ — איז סאָציאליזמ! — ווײַל דאָס רירט אָנ די מאָנאָפאָל פונ דער אינדוסטריעלער פראקציע אינ דער אָרדענונג־פארטיי. ברענגענ אינ אָרדענונג דעמ מעלוכע־בודזשעט — איז סאָציאליזמ! — ווײַל דאָס רירט אָנ דעמ מאָנאָפאָל פונ דער פינאנציעלער פראקציע פונ דער אָרדענונג־פארטיי. פרײַער ארײַנפיר פונ אויסלענדישנ ברויט אונ פלייש — איז סאָציאליזמ! — ווײַל דאָס רירט אָנ די מאָנאָפאָל פונ דער דריטער פראקציע פונ דער אָרדענונג־פארטיי, פונ די גרויסע ערדבאזיצער. די פאָדערונגענ פונ דער פריטרעדער־פארטיי, ד.ה. פונ דער פאָרגעשריטנסטער פארטיי פונ דער ענגלישער בורזשואזיע, ווײַזנ זיכ אינ פראנקרײַכ ארויס ווי סאָציאליסטישע פאָדערונגענ וואָלטעריאניזמ איז סאָציאליזמ! — ווײַל ער רירט אָנ די פערטע פראקציע פונ דער אָרדענונג־פארטיי, די קאטוילישע פראקציע.

פרייהייט פון פרעסע, פרייהייט פון פארייניקונג, אלגעמיינע פאָלק־בילדונג — דאָס איז סאָציאַליזם, סאָציאַליזם! דאָס זיינען דאָך אלצ אַטענטאטן אפ דער אלגעמיינער מאָנאָפּאָל פון דער אָרדענונג־פּאַרטיי.

דער גאנג פון דער רעוואָליוציע האָט אזוי גיך צייטיק געמאכט די סיטואַציע, אז די פריינט פון רעפאָרמעס פון אלע שאטירונגען, די סאמע באשיידנסטע פאָרשטייער פון די מיטעלע קלאסן זיינען געצוווּנגען געוועוּ זיך צו גרופּירן ארום דער פאָן פון דער עקסטרעמסטער פארטיי, דער פארטיי פון איבערקערעניש, ארום דער רויטער פאָן.

ווי פארשיידן אָבער עס איז ניט געוועוּ דער סאָציאַליזם פון די פארשיידענע וויכטיקסטע באשטאנד־טיילן פון דער פארטיי פון אנארכיע, אָפּהענגיק פון די עקאָנאָמישע באדינגונגען און פון די דערפון שטאמענדיקע רעוואָליוציאָנערע באדערפענישן פון דעם אָדער יענעם קלאס, אָדער פראקציע פון א קלאס — אין איין פּונקט איז ער געוועוּ איינס און דער זעלביקער: ער האָט זיך דערקלערט פאר דעם מיטל צו באפרייען דעם פּראָלעטאַריאַט און האָט דעקלארירט די דאָזיקע באפרייונג פאר זיין ציל. באוווּסטזיניקע גענארעריי בא איינע, זעלבסטגענארעריי בא די אנדערע, בא די, וועלכע זיינען איבערצייגט, אז די וועלט, איבערגעבויט לויט זייערע באדערפענישן, איז די בעסטע פון אלע וועלטן, אז זי פארווירקלעכט אלע רעוואָליוציאָנערע פאָדערונגען און באזייטיקט אלע רעוואָליוציאָנערע קאָנפליקטן.

אונטער די מער אָדער ווייניקער איינארטיק קלינגענדיקע, אלגעמיינע סאָציאַליסטישע פראזעס פון דער „פּארטיי פון אנארכיע“ ליגט באהאלטן דער סאָציאַליזם פון די צייטונגען „National“, „Presse“ און „Siècle“, וואָס שטרעבט מער אָדער ווייניקער קאָנסעקווענט אראָפּצוּוואַרפן די הערשאַפט פון דער פינאנץ־אריסטאָקראַטיע און באפרייען די אינדוסטריע און דעם האנדל פון אירע ביז־איצטיקע פּענטעס. דאָס איז דער סאָציאַליזם פון דער אינדוסטריע, פונעם האנדל און ערד־ארבעט, וואָס זייערע פירער אין דער אָרדענונג־פּארטיי זיינען מאקריוו אָט די אינטערעסן, אפ וויפל זיי פאלן ניט צונויפ מיט זייערע פריוואטע מאָנאָפּאָליעס.

פון דעם דאָזיקן בורזשואַזן סאָציאַליזם, וועלכער ציט צו, נאטירלעך, ווי יעדער מין סאָציאַליזם, אונטער זיין פאָן א געוויסן טייל ארבעטער און קליינבירגער, אונטערשיידט זיך דער אייגנטלעכער קליינ־

בירגערלעכער סאָציאליזם, דער סאָציאליזם par excellence. דער קאפיטאל ראבירט דעם דאָזיקן קלאס הויפטזאכלעך אלס קרעדיטאָרן — דעריבער פאָדערט ער קרעדיט־אנשטאלטן; דער קאפיטאל שטיקט אים מיט זיין קאָנקורענץ, פאָדערט ער אסאָציאציעס, וואָס זאָלן געשטיצט ווערן פון דער מעלוכע; דער קאפיטאל באזיגט אים דורך דער קאָנצענטראציע, פאָדערט ער דעריבער פראָגרעסיווע שטייערן, באגרענעצונגען פאר ירושעס, ער פאָדערט, אז די מעלוכע אליין זאָל איבערנעמען די גרויסע ארבעטן, און אנדערע מאָסמיטלען, וועלכע פארהאלטן איבערגוואלד דעם וווּקס פונעם קאפיטאל. אזוי ווי ער טרוימט וועגן א פרידלעכער פארווירקלעכונג פון זייַן סאָציאליזם — אכוץ דעם, וואָס עס וועט עפשער נייטיק זייַן אף עטלעכע טעג א צווייטע פעוורואל־רעוואָליוציע — שטעלט ער זיך פאָר, נאטירלעך, דעם קומענדיקן היסטאָרישן פראָצעס ווי די פארווירקלעכונג פון סיסטעמעס, וועלכע די סאָציאלע טעאָרעטיקער טראכטן אויס אָדער האָבן שוין אויסגעטראכט קאָמפאניעסווייַז אָדער אלס איינצלנע דערפינדער. אף אזא אופן ווערן די דאָזיקע סאָציאליסטן עקלעקטיקער אָדער אָנהענגער פון די פאראנענע סאָציאליסטישע סיסטעמעס, אָנהענגער פונעם דאָקטרינערישן סאָציאליזם, וואָס איז געווען דער טעאָרעטישער אויסדרוק פונעם פראָלעטאריאט נאָר אזוי לאנג, קאָלזמאן דער פראָלעטאריאט איז ניט דערוואקסן צו זייַנער אן אייגענער פרייַער היסטאָרישער באוועגונג.

די דאָזיקע אוטאָפיע, דער דאָזיקער דאָקטרינערישער סאָציאליזם וואָרפט אונטער די גאנצע היסטאָרישע באוועגונג אונטער איינעם פון אירע מאָמענטן, ער פארבייַט די קאָלעקטיווע געזעלשאפטלעכע פראָדוקציע אף דער מארק־טעטיקייַט פון אן איינצלנעם פעדאנט, און דעריקער, מיט דער הילף פון קליינע קונצשטיק אָדער גרויסע סענטימענטן באזייַטיקט ער אין זייַן פאנטאזיע דעם רעוואָליוציאָנערן קלאסנקאמף מיט אלע זייַנע נויטווענדיקע אנטפלעקונגען. אין טאָך גענומען אידעאליזירט דער דאָזיקער דאָקטרינערישער סאָציאליזם בלויז די עקזיסטירנדיקע געזעלשאפט, ער איז אן איליוזאָרישער בייל אירער און באמיט זיך צו פארווירקלעכן זייַן אידעאל קעגן דער ווירקלעכקייַט פון דער זעלביקער געזעלשאפט. און אין דער צייַט, ווען אָט דער סאָציאליזם גייט אריבער פונעם פראָלעטאריאט צו דער קליינבורזשואזיע, ווען דער קאמף צווישן די פארשיידענע סאָציאליסטישע פירער דעקט אוף, אז יעדע פון די אזויגערופענע סיסטעמעס איז א פרעטענציעזע באטאָנונג פון איינעם פון די אי־

בערגאנג־מאָמענטן אין דער סאָציאַלער איבערקערעניש קעגן די איבע־ריקע, — גרופּירט זיך דער פּראָלעטאַריאַט וואָס ווייטער אַלץ מער אַרום דעם רעוואָליוציאָנערן סאָציאַליזם, אַרום דעם קאָמוניזם, וועלכן די בורזשואַזיע אַליין האָט באַשאָנקען מיטן נאָמען בלאַנקיזם. דער דאָזיקער סאָציאַליזם איז די פּערמאַנענטע רעוואָליוציע־דערקלערונג, די קלאַסן־דיקטאַטור פון דער רעוואָליוציע, די קלאַסן־דיקטאַטור פונעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס איז אַ נייטיקע איבערגאַנג־שטופע צו דער אָפּשאַפונג פון די קלאַסן־אונטערשיידן בּיכלאַל, צו דער אָפּשאַפונג פון די פּראָדוקציר־פאַרהעלטענישן, אויף וועלכע די דאָזיקע אונטערשיידן באַזירן זיך, צו דער אָפּשאַפונג פון אַלע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, וואָס אַנטשפּרעכן די דאָזיקע פּראָדוקציר־פאַרהעלטענישן, צו דער איבערקערעניש פון אַלע אידייען, וועלכע דינגען אַרויס פון די דאָזיקע געזעלשאַפט־לעכע באַציִונגען.

די ראַמען פון אונדזער באַשרייבונג דערלויבן אונדז ניט גע־נויער זיך אָפּצושטעלן אויף דעם איניען.

מיר האָבן געזען: פּונקט ווי אין דער אָרדענונג־פּאַרטיי האָט זיך אומפאַרמיידלעך געשטעלט בעראָש די פינאַנציעלע אַריס־טאָקראַטיע, אַזוי איז אין דער „אַנאַרכיע״־פּאַרטיי בעראָש געשטאַנען דער פּראָלעטאַריאַט. אין דער צייט, ווען דער רעוואָליוציאָנערער בונד פון פאַרשיידענע קלאַסן האָט זיך גרופּירט אַרום פּראָלעטאַריאַט, אין דער צייט, ווען די דעפּאַרטאַמענטן זיינען אַלץ אומזיכערער געוואָרן און די געזעצגעבערישע פאַרזאַמלונג גופא האָט אַלץ ברויגעזער געמורמלט קעגן די פּרעטענזיעס פונעם פּראַנצוי־זישן סולוק — זיינען צוגעקומען די שוין לאַנג־אָפּגעלייגטע און פאַר־שפּעטיקטע צוגאָב־וואַלן אויף אָרט פון די מאָנטאַניאַרן, וואָס זיינען אַרויסגעטריבן געוואָרן דעם 13־טן יוני.

די רעגירונג, פאַרהאַסט פון אירע שׂונאים, באַליידיקט און דער־נידעריקט אויף יעדן טריט און שריט דורך אירע קלוימערשטע פריינט, האָט געזען בלויז איין מיטל ווי אַרויסצוגיין פון אָט דער אומדער־טרעגלעכער, וואַקלדיקער לאַגע — אַן אויפשטאַנד. אַן אויפשטאַנד אין פּאַריז וואָלט איר געגעבן אַ גרונט צו דערקלערן באַלאַגערונג־צושטאַנד אין פּאַריז און אין די דעפּאַרטאַמענטן און באַלעבאַטעווען בא די וואַלן. פון דער אַנדערער זייט, וואָלטן די פריינט פון דער אָרדענונג געצוווּנגען געווען צו מאַכן האַנאָכעס דער רעגירונג, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן אַ ניצחון איבער דער אַנאַרכיע, אַנדערש וואָלטן זיי דאָך אַליין געווען אין דער ראָליע פון אַנאַרכיסטן.

די רעגירונג האָט זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט. אָנהייב פעוורואַל 1850 פּראָוואָצירט זי דאָס פאָלק, אויסהאַקנדיק די פרײַהײַט־ביימער. אומזיסט! אויב די פרײַהײַט־ביימער האָבן פאַרלאָרן זייער אָרט, האָט די רעגירונג אַליין פאַרלאָרן דעם קאָפּ און זי איז אַ דערשראָקענע צוריקגעטראָטן פאַר אירע אייגענע פּראָוואָקאַציעס. די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט אָבער דעם דאָזיקן אומגעלומפּערטן פּרוּוו באָנאַפּאַרטס זיך צו עמאַנסיפּירן אויפגענומען מיט אײַז־קאַלטן אומצוטרוי. ניט קיין גרעסערן דערפאָלג האָט געהאַט אויך דאָס אַראָפּנעמען ידי אימאָרטעלן־קרענצ פון די יול־זײַלן. דאָס האָט אין איין טייל אַרמײ אַרויסגערופן רעוואָליוציאָנערע דעמאָנסטראַציעס און האָט געגעבן דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אַ גרונט פאַר אַ מער אָדער ווייניקער באַהאַלטענעם וואָטום פון אומצוטרוי צום מיניסטעריום. אומזיסט האָט די רעגירונג־פּרעסע געסטראַשעט מיט אָפּשאַפן דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט און מיט אַ קאָזאַקן־אינוואַזיע. אומזיסט האָט ד'אָפּול אין דער גרעצעבער־שער פאַרזאַמלונג אַ וואָרף געטאָן אַ דירעקטן אַרויסרוף די מיטגלידער פון דעם לינקן טייל, זיי זאָלן אַרויס אפן גאַס, און האָט דערקלערט, אַז די רעגירונג האָט זיך צוגעגרייט זיי צו באַגעגענען ווי עס געהער צו זײַן. ד'אָפּול האָט זיך קיין זאַך ניט דערשלאָגן, אַכוץ אַ רוף צו אָרדענונג מיצאַד דעם פּרעזידענט, און די אָרדענונג־פּאַרטיי האָט מיט שטילער שאָדנפרייד געלאָזן איינעם פון די לינקע דעפּוטאַטן אויסלאַכן באָנאַפּאַרטס אוזורפּאַטערישע באַגערן. אומזיסט איז, ענדלעך, געווען דאָס נעוויעס זאָגן מיקיעך אַ רעוואָליוציע אפן 24־טן פעוורואַל. אַדאַנק דער דאָזיקער נעוויעס האָט דאָס פאָלק איגנאָרירט דעם 24־טן פעוורואַל.

דער פּראָלעטאַריאַט האָט זיך ניט געלאָזט פּראָוואָצירן אפן קיין אופשטאַנד, ווײַל ער האָט בעדייע געהאַט צו מאַכן אַ רעוואָליוציע.

די פּראָוואָקאַציעס פון דער רעגירונג האָבן בלויז פאַרשטאַרקט די אַלגעמיינע אומצופרידנקייט מיט דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, זיי האָבן אָבער ניט געשטערט דעם וואַל־קאָמיטעט, אינגאַנצן אונטערן איינפלוס פון די אַרבעטער, אַרויסצושטעלן פאָלגנדיקע דרײַ קאַנדידאַטן פאַר פּאַריז: דעפלאָט, ווידאַל און קאַרנאָ. דעפלאָט איז פאַרשיקט געוואָרן אין יונ און איז אַמניסטירט געוואָרן אַדאַנק אײנעם פון באָנאַפּאַרטס שפּיצלעך, וואָס האָבן געזאָלט שאַפן פאַר אים פּאָפּולערקײַט; ער איז געווען בלאַנקיס אַ פרײַנט און האָט זיך באַטייליקט אינעם אַרויסטריט דעם 15־טן מײַ. ווידאַל איז באַוווּסט געווען אַלס קאָמוניסטישער שרײַבער, אַלס מעכאַבער פונעם בוך: „וועגן דער פאַרטיילונג פון די רײַכטימער". ער איז געווען לויט בלאַנקס

סעקרעטאר אין דער ליוקסעמבורגער קאָמיסיע. קאַרנאָ, א זון פונעם קאָנווענט־מיטגליד, וואָס האָט אָרגאַניזירט דעם ניצחון, דער וויניקער פון אלעמען קאָמפּראָמעטירטער מיטגליד פון דער פּארטיי פון „נאַציאָנאַל", דער בילדונג־מיניסטער אין דער צײַטווײַליקער רעגירונג און אין דער אויספיר־קאָמיסיע, איז אדאנק זײַן דעמאָקראַטישן געזעץ־פּראָיעקט וועגן פאָלק־בילדונג געווען א לעבעדיקער פּראָטעסט קעגן דעם שול־געזעץ פון די יעזויִטן. די דאָזיקע דרײַ קאַנדידאַטן רעפּרעזענטירן די דרײַ פאַרייניקטע קלאַסן: בעראָש — דער יוני־אינסורגענט, דער פאָרשטייער פונעם רעוואָליוציאָנערן פּראָלעטאריאַט. לעבן אים — דער דאָקטרינערישער סאָציאַליסט, דער פאָרשטייער פון דער סאָציאַליסטישער קליין־בורזשואַזיע, און ענדלעך, דער דריטער קאַנדידאַט — דער פאָרשטייער פון דער רעפּובליקאַנישער בורזשואַזער פּארטיי, וועמעס דעמאָקראַטישע פאָרמולעס האָבן אינעם צוזאַמענשטויס מיט דער אָרדענונג־פּארטיי באַקומען א סאָציאַליסטישן זין און האָבן שוין לאַנג פאַרלאָרן זייער אייגענעם זין. דאָס איז געווען אַן אַלגעמיינע קאָאַליציע קעגן דער בורזשואַזיע און קעגן דער רעגירונג, פּונקט ווי אין פעברואַר. אָבער דאָס מאָל איז דער פּראָלעטאַריאַט געשטאַנען בעראָש פונעם רעוואָליוציאָנערן בונד.

ניט געקוקט אַף אַלע אָנשטרענגונגען פון די קעגנער, האָבן געזיגט די סאָציאַליסטישע קאַנדידאַטן. די אַרמיי גופא האָט געשטימט פאַרן יוני־אינסורגענט און קעגן איר אייגענעם קריג־מיניסטער לאַיִט. די אָרדענונג־פּארטיי האָט ווי א דונער געטראָפן. די דעפּאַרטאַמענטן־וואַלן האָבן זי ניט געטרייסט: זיי האָבן געגעבן א מערהייט די מאָנטאַניאַרן.

די וואַלן פון 10־טן מאַרט 1850! זיי האָבן קאַסירט דעם יוני 1848 יאָר: די מערדער און פאַרשיקער פון די יוניער אינסורגענטן האָבן זיך צוריק אומגעקערט אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, אָבער געבויגטע, אַרומגערינגלט פון די פאַרשיקטע, מיט זייערע פּרינציפּן אַף די ליפּן. די וואַלן פון 10־טן מאַרט האָבן קאַסירט דעם 13־טן יוני 1849 יאָר: די באַרג־פּארטיי, וועמען די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג האָט פאַרטריבן, האָט זיך אומגעקערט אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג, אָבער אומגעקערט האָט זי זיך שוין ניט ווי א קאָמאַנדיר פון דער רעוואָליוציע, נאָר ווי איר פאָרויסמאַרשירנדיקער טרומייטער. די וואַלן פון 10־טן מאַרט האָבן קאַסירט דעם 10־טן דעקאַבער. נאַפּאָלעאָן איז דורכגעפאַלן צוזאַמען מיט זײַן מיניסטער לאַיִט. די פּאַרלאַמענ־

טאר שע געשיכטע פון פראנקרײַך ווייס נאָר איין אנאלאָגיע דערמיט: דאָס איז דער דורכפאל פון ד׳אָסי, קארל דעם 10־טנס מיניסטער, אין 1830 יאָר. די וואלן פון 10־טן מארט 1850 יאָר האָבן, ענדלעך, קאסירט די וואלן פון 13־טן מײַ, וועלכע האָבן געגעבן א מערהײַט דער אָרדענונג־פארטיי. די וואלן פון 10־טן מארט זײַנען געווען א פראָטעסט קעגן דער מערהײַט פון 13־טן מײַ. דער 10־טער מארט — דאָס איז געווען א רעוואָליוציע. — הינטער די וואל־צעטלען ליגן באהאלטן די שטיינער פונעם גאסן־ברוק.

„די אָפּשטימונג פונעם 10־טן מארט דערקלערט אונדז מילכאָמע״, — האָט אויסגערופן סעגיור ד׳אגעסאָ, איינער פון די פּראָגרעסיווסטע מיטגלידער פון דער אָרדענונג־פארטיי.

פונעם 10־טן מארט 1850 טרעט די קאָנסטיטוציאָנעלע רעפּובליק אריין אין א נײַער פאזע, אין דער פאזע פון איר צעפאלונג. די פארשיידענע פראקציעס פון דער מערהײַט זײַנען ווידער פאראייניקט איינע מיט דער אנדערער און מיט באָנאפּארטן. זיי זײַנען ווידער די רעטער פון דער אָרדענונג, און באָנאפּארט איז ווידער זייער נייטראלע פּערזאָן. אויב זיי דערמאָנען זיך אָן זייער ראָיאליזם, איז נאָר דערפאר, ווײַל זיי האָבן זיך מעיאעש געווען אין דער מעגלעכקייט פון א בורזשואזער רעפּובליק; אויב ער דערמאָנט זיך, אז ער זיצט אפן פּרעזידענטן־שטול, איז נאָר דערפאר, ווײַל ער האָט זיך מעיאעש געווען אין דער מעגלעכקייט צו פארבלײַבן פּרעזידענט.

אפן אויסוואל פונעם יוני־אינסורגענט דעפלאָט ענטפערט באָנאפּארט, לויט דער קאָמאנדע פון דער אָרדענונג־פארטיי, מיטן באשטימען אלס אינערן־מיניסטער באראָשן, דעם זעלבן באראָשן, וועלכער איז געווען דער באשולדיקער פון בלאנקי און בארבעס, לעדריו־ראָלען און גינאר. אפן אויסוואל פון קארנאָ ענטפערט די געזעצגעבערישע פארזאמלונג מיטן אָנעמען דעם געזעץ וועגן פאָלקבילדונג, אפן אויסוואל פון ווידאלן — מיט רעפּרעסיעס קעגן דער סאָציאליסטישער פּרעסע. מיטן טרומייטער־שאלן פון איר פּרעסע פרווט זיך די אָרדענונג־פארטיי פארשטיקן איר אייגענע שרעק. „דער שווערד איז הייליק״, רופט אויס איינער פון אירע אָרגאנען; „די פארטיידיקער פון דער אָרדענונג דארפן אָנהייבן אן אָנגריף קעגן דער רויטער פארטיי״, דערקלערט א צווייטער אָרגאן; „צווישן דעם סאָציאליזם און דער געזעלשאפט גייט א גוראנגל אף לעבן און טויט, אן אָנופהערלעכע, אן אָנראכמאָנעסדיקע מילכאָמע; אין דעם

דאָזיקן פּאַרצווייפלטן גערָאנגל מוז אומקומען אָדער איינער אָדער דער אנדערער. אויב די געזעלשאפט וועט ניט פאַרניכטן דעם סאָציאַליזם, וועט דער סאָציאַליזם פאַרניכטן די געזעלשאַפט״ — קרייט א דריטער האָן פון דער ״אָרדענונג. שטעלט אוף באַריקאַדעס פאַר דער אָרדענונג, באַריקאַדעס פאַר דער רעליגיע, באַריקאַדעס פאַר דער פאַמיליע! מע מוז מאַכן א סאָף מיט די 127.000 פּאַריזשער וויילערס! א באַרטאָלאָמעוס־נאַכט פאַר די סאָציאַליסטן! און איין אויגנבליק גלייבט טאַקע די אָרדענונג־פּאַרטיי אין דער זיכערקייט פון איר ניצאָכן.

ווילדער פון אַלץ זיינען אירע אָרגאַנען אָנגעפאַלן אף די „פּאַריזשער קרעמערלעך״. דעם יוני־אינסורגענט האָבן פאַר א פאָרשטייער פון פּאַריזש אויסגעקליבן די פּאַריזשער קרעמער! דאָס באַטייט, אַז א צווייטער יוני 1848 איז אומעגלעך; דאָס באַטייט, אַז א צווייטער 13־טער יוני 1849 איז אומעגלעך; דאָס באַטייט, אַז די מאָראַלישע ווירקונג פונעם קאַפּיטאַל איז צעבראָכן, דאָס הייסט, אַז דער בורזשואַזער פּאַרלאַמענט שטעלט פאָר נאָר די בורזשואַזיע! דאָס באַטייט, אַז דאָס גרויסע אייגנטום איז אומגעקומען, ווייל זיין וואַסאַל, דאָס קליין־אייגנטום, זוכט א רעטונג פאַר זיך אינעם לאַגער פון די, וואָס האָבן ניט קיין שום אייגנטום.

די אָרדענונג־פּאַרטיי ווענדט זיך, פאַרשטייט זיך, צו איר אומפאַרמיידלעכן אַלגעמיינעם מיטל. „וואָס מער רעפּרעסיעס!״ — שרייט זי, — „אין צען מאָל מער רעפּרעסיעס!״ אָבער די רעפּרעסיע־קראַפט אירע איז אין צען מאָל קלענער געוואָרן, אין דער צייט, ווען דער ווידערשטאַנד איז אין הונדערט מאָל גרעסער געוואָרן. און צי דען נייטיקט זיך ניט אין רעפּרעסיעס דאָס הויפּט־געצייג אליין פון רעפּרעסיעס, די אַרמיי? און די אָרדענונג־פּאַרטיי זאָגט איר לעצט וואָרט: „מע דאַרף צעברעכן דעם אייזערנעם רינג פון לעגאַלקייט, וואָס שטיקט אונדז. די קאָנסטיטוציאָנעלע רעפּובליק איז אומעגלעך. מיר מוזן קעמפן מיט אונדזער עמעסן געווער. פון פעווראַל 1848 אָן האָבן מיר געקעמפט קעגן דער רעוואָליוציע מיט איר געווער און אף איר באָדן, מיר האָבן אָנגענומען אירע אינסטיטוציעס; די קאָנסטיטוציע — דאָס איז א פעסטונג, וועלכע באַשיצט נאָר די באַלאַגערנדיקע אָבער ניט די באַלאַגערטע! אינעם בויך פונעם טראָיאַנישן פערד האָבן מיר זיך אַריינגעגאַנוועט אינעם הייליקן איליאָן, אָבער — ניט אין פאַרגלייך מיט אונדזערע אורעלטערן, די גריכן,* האָבן מיר

* ווערטערשפּיל: grecs — באַטייט גריכן, ווי אויך שולערס, איבערז.

ניט דעראָבערט דעם סוינעס שטאָט, נאָר זײַנען אַליין אַרײַנגעפֿאַלן אין געפֿענקעניש.

דער יעסאָד פֿון דער קאָנסטיטוציע איז אָבער דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט. אָפּשאַפֿן דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט — אָט דאָס איז דאָס לעצטע וואָרט פֿון דער אָרדענונג־פּאַרטיי, דאָס לעצטע וואָרט פֿון דער בורזשואַזער דיקטאַטור.

דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט האָט זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר דער דאָזיקער דיקטאַטור דעם 24־טן מײַ 1848, דעם 20־טן דעקאַבער 1848, דעם 13־טן מיי 1849, דעם 8־טן יול 1849. דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט האָט זיך אַליין אַרויסגעזאָגט קעגן זיך דעם 10־טן מאַרט 1850 יאָר. די הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע, אַלס רעזולטאַט פֿון אַלגעמיינעם וואַל־רעכט, אַלס אַרויסגעשפּראָכענער אַקט פֿונעם סוווערענעם ווילן פֿון פֿאָלק — אָט דאָס איז דער זין פֿון דער בורזשואַזער קאָנסטיטוציע. וואָס פֿאַר אַ זין האָט אָבער די קאָנסטיטוציע פֿון דעם מאָמענט אָן, ווען דער אינהאַלט פֿון דעם דאָזיקן וואַל־רעכט, אָט דעם סוווערענעם ווילן פֿון פֿאָלק, איז שוין ניט מער קיין הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע? איז דען ניט די פֿליכט פֿון דער בורזשואַזיע צו רעגולירן דאָס וואַל־רעכט אַזוי, אַז עס זאָל שטרעבן צו דער איינציקער הערשאַפֿט, וואָס איז פֿאַרנינפֿטיק, צו איר הערשאַפֿט? דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט שאַפֿט יעדעס מאָל אָפּ די עקזיסטירנדיקע מעלוכע־מאַכט און בויט זי יעדעס מאָל אָפּסנײַ אויף פֿון זיך; אַזוי־אַרום מאַכט עס אַ טייל פֿון יעטווידער שטאַנדהאַפֿטיקייט, עס שטעלט יעדעס מאָל אין קאָנ אַלע עקזיסטירנדיקע מאַכטן, פֿאַרניכטעט דעם אויטאָריטעט, דראָט צו פֿאַרוואַנדלען אין אַן אויטאָריטעט די אַנאַרכיע גופֿע. ווער קאָן דען נאָך צווייפֿלען דערין נאָכן 10־טן מאַרט 1850 יאָר?

אָפּוואַרפֿנדיק דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט, אין וועלכן זי האָט זיך דראַפּירט ביז איצט, פֿון וועלכן זי האָט געשעפּט איר אַלמעכטיקייט, איז זיך די בורזשואַזיע אָפֿן מוידע: „אונדזער דיקטאַטור האָט ביז איצט עקזיסטירט לויטן ווילן פֿון פֿאָלק, פֿון איצט אָן וועט זי פֿאַרפֿעסטיקט ווערן קעגן דעם ווילן פֿון פֿאָלק". און גאַנץ קאָנסעקווענט זוכט זי אַ שטיצע פֿאַר זיך ניט אין פֿראַנקרײַך, נאָר אויסער איר, אין דער פֿרעמד, אין אַן אינוואַזיע.

מיט דער אינוואַזיע האָט זי, דער צווייטער קאָבלענץ, וואָס האָט געגרינדעט זײַן רעזידענץ אין פֿראַנקרײַך גופֿע, אַרויסגערופֿן קעגן זיך אַלע נאַציאָנאַלע לײַדנשאַפֿטן. מיטן אָנגריף אויפֿן אַלגעמיינעם וואַל־רעכט גיט זי אַן אַלגעמיינעם גרונט פֿאַר אַ נײַער רעוואָלוציע, און די

רעוואָליוציע דארף גראָד האָבן אזא גרונט. יעטווידער איינצלנער גרונט וואָלט צעטיילט די פּראקציעס פונעם רעוואָליוציאָנערן בונד, ער וואָלט אנטבלויזט זייערע באזונדערע סטירעס. דער אלגעמיינער גרונט אָבער פארטויבט די האלב־רעוואָליוציאָנערע קלאסן, ער דער־לויבט זיי זיך אליין אָפּצונארן בענעגייע דעם באשטימטן כאראקטער פון דער קומענדיקער רעוואָליוציע, בענעגייע די פאָלגן פון זייערע אייגענע מעשׂים. יעדע רעוואָליוציע נייטיקט זיך אין א באנקעט־פראגע.* דאָס אלגעמיינע וואל־רעכט — דאָס איז די באנקעט־פראגע פון דער נייער רעוואָליוציע.

אָבער אָפּזאָגנדיק זיך פון דער איינציק מעגלעכער פאָרם פון זייער פארייניקטער מאכט, פון דער סאמע מעכטיקסטער און פול־שטענדיקסטער פאָרם פון זייער קלאסן־הערשאפט, פון דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפובליק, און ווארפנדיק זיך צוריק צו א נידעריקערער, ניט פולער, פארהעלטניסמעסיק שוואכער מאָנאר־כיסטישער פאָרם, — האָבן די בורזשואזע פראקציעס זיך אליין פארורטיילט אף א מיתה. זיי זיינען געגליכן צו יענעם זאָקן, וועל־כער האָט, ווענדיק געווינען זיין יוגנט־קראפט, ארויסגעשלעפּט זיינע קינדערשע קליידער און געפרווט ארופציען זיי אף זיינע אלטע גלידער. זייער רעפובליק האָט געהאט נאָר איין פארדינסט — זי האָט געדינט אף אויסצוהאָדעווען די רעוואָליוציע.

דער דעוויז פון 10־טן מארץ 1850 איז געווען:

Aprés moi le déluge, — נאָך מיר מעג זיין אפילו א מבול!

---

* עס ווערן געמיינט די באנקעטן פון דער פארייניקטער אָפּאָזיציע, וועלכע האָבן געדינט אלס אויסגאנג־פונקט פון דער פעברואר־רעוואָליוציע. איבערז.

IV. די אָפשאפונג פונעמ אלגעמיינעמ וואלרעכט אינ 1850 יאָר

(פונעמ דאָפלטנ 5־6 העפט)

(די פאָרזעצונג פונ די פריערדיקע דרײַ קאפיטלענ איז געדרוקט געווענ אינ דער „איבערזיכט" פונעמ לעצטנ דאָפל־העפט 5־6 פונ דער „נײַער רײנישער צײַטונג". דאָרט ווערט געשילדערט אפריער דער גרויסער האנדל־קריזיס, וואָס האָט אויסגעבראָכנ אינ 1847 אינ ענגלאנד, דורכ זײַנ ווירקונג אפנ אייראָפּעיִשנ קאָנטינענט ווערט דערקלערט די פארשארפונג פונ די דאָרטיקע פּאָליטישע קאָמפּליקאציעס אינ די רעוואָליוציעס פונ פעווראל אונ מארט 1848 יאָר. דערנאָכ ווערט פעסטגעשטעלט, ווי דער אופבלי פונעמ האנדל אונ פונ דער אינדוסטריע, וואָס האָט זיכ אָנגעהויבנ אינ 1848 אונ איז נאָכ העכער אופגעשטיגנ אינ 1849 יאָר, האָט פאראליזירט די רעוואָליוציאָנערע ענערגיע אונ האָט מעגלעכ געמאכט דעמ גלײַכצײַטיקנ ניצאָכנ פונ דער רעאקציע. ספּעציעל וועגנ פראנקרײַכ ווערט דערנאָכ געזאָגט אָט וואָס:)

די זעלביקע סימפּטאָמענ ווײַזנ זיכ ארויס אינ פ ר א נ ק ר ײַ כ פונ 1849 יאָר אָנ אונ באזונדערס פונעמ אָנהייב 1850 יאָר. די פּאריזער אינדוסטריע איז פארוואָרפנ מיט ארבעט, די בוימוואָל־פאבריקנ פונ רואנ אונ מיולהאוזענ גייענ אויכ גאנצ גוט, האגאמ אויכ דאָ, פונקט ווי אינ ענגלאנד, האָבנ שלעכט געווירקט די הויכע פּרײַזנ אפ רויוואַרג. דער אנטוויקלונג פונעמ אופבלי אינ פראנקרײַכ האָט נאָכ דערצו באזונדערס מיטגעהאָלפנ די גרויסע צאָל־רעפאָרמ אינ שפּאניע אונ די פארקלענערונג פונ די ארײַנפיר־צאָלנ אפ פארשיידענע לוקסוס־זאכנ אינ מעקסיקע; דער ארויספיר פונ די פראנצויזישע סכוירעס אפ אָט די ביידע מערק האָט זיכ באדײַטנד פארגרעסערט. דער וווּקס פונ די קאפּיטאלנ האָט געבראכט אינ פראנקרײַכ צו א גאנצער רײ ספּעקוליאציעס, וואָס דעמ גרונט דערצו האָט געגעבנ די ברייט אוועקגעשטעלטע עקספּלואטאציע פונ די קאליפאָרניער גאָלד־גרובנ. עס

איז אופגעקומענ א מאסע געזעלשאפטנ, וועלכע האָבנ מיט זייערע ביליקע אקציעס אונ סאָציאַליסטיש־באפארבטע פראָספּעקטנ דירעקט אפעלירט צום קליינבירגערס אונ ארבעטערס געלט־בײַטל, אונ אינ־דערעמעסנ האָט זיך עס אויסגעלאָזנ צו אזא בעפּײַרעשער גענאַרערײַ, וועלכע מע קאָנ געפינענ נאָר בא פראנצויזנ אָדער בא כינעזער. איינע פונ די דאָזיקע געזעלשאפטנ איז אפילע דירעקט פראָטעזשירט געוואָרנ פונ דער רעגירונג. די ארײַנפיר־צאָלנ האָבנ אינ פראנקרײַך פאר די ערשטע נײַנ כאדאָשימ אינ 1848 יאָר באטראָפנ 63 מיליאָנ פראנק, פאר די זעלביקע כאדאָשימ אינ 1849 יאָר — 95 מיליאָנ פראנק אונ אינ 1850 יאָר — 93 מיליאָנ פראנק. אגעוו, אינ סעפּטיאבער האָבנ זיי זיך ווידער אופגעהויבנ מער ווי אפּ א מיליאָנ פראנק אינ פארגלײַך מיטנ זעלביקנ כוידעש אינ 1849 יאָר. דער ארויספיר איז אויך אויס־געוואָקסנ אינ 1849 יאָר אונ באזונדערס אינ 1850 יאָר.

דער קלאָרסטער באווײַז פארנ ווידער אָנגעקומענעמ אינדוסטרי־עלנ אופבלי איז דער געזעצ פונעמ 6־טנ סעפּטיאבער 1850 יאָר, וועלכער האָט אפסנײַ אײַנגעפירט, אז דער באנק זאָל צאָלנ מיט מעזומענ געלט. דעמ 15־טנ מארט 1848 יאָר איז דעמ באנק, ווי באקאנט, דערלויבט געוואָרנ אופצוהערנ אויסצאָלנ אינ מעזומענ געלט. באנקנאָטנ, אײַנגעשלאָסנ אויך די פּראָווינציעלע בענק, האָבנ דעמלט צירקולירט אפּ א סומע פונ 373 מיליאָנ פראנק (14 מיליאָנ 920 טויזנט פונט סטערלינג); דעמ 2־טנ נאָיאבער 1849 יאָר — אפּ א סומע פונ 482 מיליאָנ פראנק אָדער 19.280.000 פונט סטערלינג, א צוּוואוקס פונ 4.360.000 פונט סטערלינג, אונ דעמ 2־טנ סעפּטיאבער 1850 יאָר — אפּ א סומע פונ 496 מיליאָנ פראנק, אָדער 19.840.000 פונט סטערלינג, א צוּוואוקס אנערעך פונ 5 מיליאָנ פונט סטערלינג. דערבײַ זיינענ די באנקנאָטנ ניט געפאלנ אינ זייער ווערט; פארקערט, די פארשטארקטע צירקוליאציע זייערע איז באגלייט גע־וואָרנ מיט א קעסיידער וואקסנדיקער אָנזאמלונג פונ גאָלד אונ זילבער אינ די קעלערנ פונ באנק אזוי, אז זומער 1850 יאָר האָט דער מעזומענער רעזערוו זײַנער באטראָפנ אנערעך 14 מיליאָנ פונט סטערלינג, אנ אומגעהערטע סומע אינ פראנקרײַך. דער אומשטאנד, וואָס דער באנק איז אימשטאנד געווענ צו פארשטארקנ זײַנ צירקוליאציע, דאָס הייסט, זײַנ אקטיוונ קאפּיטאל, אפּ 123 מיליאָנ פראנק אָדער אפּ 5 מיליאָנ פונט סטער־לינג, באווײַזט אמבעסטנ, ווי ריכטיק עס איז געווענ אונדזער באהויפּטונג אינ איינעמ פונ די פריערדיקע העפטנ, אז די רעוואָליוציע האָט ניט נאָר ניט אראָפּגעוואָרפנ די פינאנצ־אריסטאָקראטיע, נאָר זי האָט זי אפילע פארשטארקט. דער דאָזיקער רעזולטאט ווערט נאָך קלאָרער,

ווענ מע מאכט אנ איבערזיכט פונ דער באנק־געזעצגעבונג פאר די לעצטע יאָרנ אינ פראנקרייַכ. דעמ 10־טנ יונ 1847 יאָר איז דער באנק באפולמעכטיקט געוואָרנ ארויסצולאָזנ באנקנאָטנ צו 200 פראנק, די קלענסטע באנקנאָטנ ביז דאנ זייַנענ געווענ צו 500 פראנק. דער דעקרעט פונ 15־טנ מארט 1848 יאָר האָט דערקלערט די באנקנאָטנ פונ פראנצויזישנ באנק פאר געזעצלעכ געלט אונ האָט באפרייַט דעמ באנק פונ דער פליכט אויסצוטוישנ זיי אפ מעזומענ געלט. דאָס ארויסלאָזנ באנקנאָטנ איז באגרענעצט געוואָרנ מיט 350 מיליאָנ פראנק. אייַנצייַטיק דערמיט איז דער באנק באפולמעכטיקט געוואָרנ ארויסצולאָזנ באנקנאָטנ צו 100 פראנק. דורכנ דעקרעט פונ 27־טנ אפרעל זייַנענ די דעפארטאמענטנ־בענק צונויפגעגאָסנ געוואָרנ מיטנ פראנצויזישנ באנק; א צווייטער דעקרעט, פונ 2־טנ מייַ 1849 יאָר, האָט געהעכערט די עמיסיע־רעכט פונעמ באנק ביז 442 מיליאָנ פראנק. דער דעקרעט פונ 22־טנ דעקאבער 1849 יאָר האָט געהעכערט די מאקסימאלע ציפער פונ דער עמיסיע ביז 525 מיליאָנ פראנק. ענדלעכ, דער געזעצ פונ 6־טנ סענטיאבער 1850 יאָר האָט ווידער אייַנגעפירט דעמ אויסטויש פונ די באנקנאָטנ אפ געלט. אָט די אלע פאקטנ: דער קעסיידערדיקער וווקס פונ דער געלט־צירקוליאציע, די קאָנצענטרירונג פונעמ גאנצנ פראנצויזישנ קרעדיט אינ די הענט פונעמ באנק אונ די צונויפזאמלונג פונעמ גאנצנ פראנצויזישנ גאָלד אונ זילבער אינ די באנקקעלערס — האָבנ געבראכט דעמ ה' פרודאָנ צו דעמ אויספיר, אז עס איז געקומענ די צייט פארנ באנק אראָפצווארפנ זייַנ אלטע שלאנגענפעל אונ פארוואנדלט ווערנ אינ א פרודאָנישנ „פאָלק־באנק”. פרודאָנ האָט אפילע ניט געדארפט וויסנ די געשיכטע פונ באגרענעצנ דעמ ענגלישנ באנק פאר די יאָרנ 1797—1819, ער האָט געדארפט בלויז ווארפנ א בליק אפ יענער זייַט קאנאל, קעדיי צו דערזענ, אז אָט דער, פאר אימ אומדערהערטער, פאקט אינ דער געשיכטע פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט איז אינ טאָכ געװנומענ די נאָרמאלסטע בורזשואזע געשעעניש, וואָס איז איצט בלויז אינ פראנקרייַכ פאָרגעקומענ צומ ערשטנ מאָל. מיר זעענ, אז די קלוימערשטע רעוואָליוציאָנערע טעאָרעטיקער, וואָס זייַנענ געווענ די טאָנ־געבערס אינ פאריזש נאָכ דער צייַטווייַליקער רעגירונג, זייַנענ געווענ פונקט אזוינע אמעראצימ בנוגע דער נאטור אונ די רעזולטאטנ פונ די אָנגענומענע מיטלענ, ווי די צייַטווייַליקע רעגירונג אליינ. ניט געקוקט אפנ אופבלי פונ דער אינדוסטריע אונ האנדל, מיט וועלכנ פראנקרייַכ האָט זיכ ערשט דערפרייט, האָט די מאסע באפעלקערונג, די 25־מיליאָנ פויערימ, געליטנ פונ א גרויסער דעפרעסיע. די גוטע גערעטענישנ פונ די לעצטע

יאָרנ האָבנ אַראָפּגעזעצט די פּרײַזנ אַפ טווע נאָכ מער, ווי אינ ענגלאַנד, אונ די לאַגע פונ די פאַרשולדיקטע, ביז אַפּלעצט דורכ די פּראָצענטניקעס אויסגעזויגענע אונ דורכ דער רעגירונג באַנומענע פויערימ איז געווענ ווײַט ניט קיינ גלענצנדיקע. די געשיכטע פונ די לעצטע דרײַ יאָר האָט אָבער גענוג באַוויזנ, אַז דער דאָזיקער קלאַס באַפעלקערונג איז אַבסאָליוט ניט פײַיק צו קיינ שומ רעוואָליוציאָנערער איניציאַטיוו.

ווי דער פּעריאָד פונ קריזיס, אַזוי אויכ דער פּעריאָד פונ אויפבלי, הייבט זיכ אָנ אַפנ קאָנטינענט שפּעטער איידער אינ ענגלאַנד. דער אָנהייב פּראָצעס קומט שטענדיק פאָר אינ ענגלאַנד: עס איז דער דעמיורג פונעמ בורזשואַזנ קאָסמאָס. די פאַרשיידענע פאַזנ פונ דעמ ציקל, וועלכנ עס גייט יעדעס מאָל אַפּסנײַ דורכ די בורזשואַזע געזעלשאַפט, הייבנ זיכ אַפנ קאָנטינענט אָנ אינ זייער צווייטער אָדער דריטער פאָרמ. ערשטנס, פירט אַרויס דער קאָנטינענט קיינ ענגלאַנד אָנ אַנ ערעכ מער, איידער אינ וואָסער־ניט־איז אַנדער לאַנד. דער דאָזיקער אַרויספיר קיינ ענגלאַנד איז אָבער ווידער אָפּהענגיק פונ ענגלאַנדס לאַגע, באַזונדערס אַפנ טראַנסאַטלאַנטישנ מאַרק. ווײַטער, ענגלאַנד פירט אַרויס אינ די טראַנסאַטלאַנטישע לענדער מער, אָנ אַנ ערעכ מער, ווי דער גאַנצער קאָנטינענט צוזאַמענ גענומענ אַזוי, אַז דער סכומ פונעמ קאָנטינענטאַלנ אַרויספיר אינ די דאָזיקע לענדער איז שטענדיק אָפּהענגיק פונ ענגלאַנדס יעדעסמאָליקנ טראַנסאַטלאַנטישנ אַרויספיר. דעריבער איז אויב די קריזיסנ רופנ אַרויס אַ רעוואָליוציע פריער פונ אַלצ אַפנ קאָנטינענט, איז דער גרונט דערפונ ליגט שטענדיק אינ ענגלאַנד. אַפ די עק־טיילנ פונעמ בורזשואַזנ קערפּער מוזנ נאַטירלעכ גיכער אויסברעכנ די איבערגוואַלדיקע קאַטאַסטראָפעס, איידער אינ זײַנ האַרצנ, ווײַל די מעגלעכקײַט פונ אויסגלײַכונג איז דאָ גרעסערע, איידער דאָרט. פונ דער אַנדערער זײַט, ווידער, איז דער גראַד אָפּווירקונג פונ די קאָנטינענטאַלע רעוואָליוציעס אַפ ענגלאַנד צוגלײַכ אויכ דער טערמאָמעטער, לויט וועלכנ מע קאָנ זענ, ווי ווײַט די דאָזיקע רעוואָליוציעס שטעלנ ווירקלעכ אינ געפאַר די בורזשואַזע לעבנ־פאַרהעלטענישנ, אָדער זיי באַרירנ בלויז אירע פּאָליטישע פאָרמאַציעס.

אינעמ פּעריאָד פונ אַלגעמײנעמ אינדוסטריעלנ אויפבלי, ווענ די פּראָדוקטיר־קרעפטנ פונ דער בורזשואַזער געזעלשאַפט אַנטוויקלענ זיכ אַזוי רײַכ, אַפ וויפל דאָס איז ביכלאַל מעגלעכ בא בורזשואַזע פאַרהעלטענישנ, קאָנ קיינ שומ רייד ניט זײַנ וועגנ אַ ווירקלעכער רעוואָליוציע. אַזאַ רעוואָליוציע איז מעגלעכ בלויז אינ אַזוינע פּעריאָדנ,

ווענ די דאָזיקע ביידע פאקטערנ—די מאָדערנע פראָדוציר־קרעפטנ אונ די בורזשואזע פראָדוציר־פאָרמעג—קומענ איינע מיט די אנדערע אינ א ווידערשפרוכ. די פארשיידענע רייַסערייַענ, וועלכע קומענ איצט פאָר צווישנ די פאָרשטייער פונ די פארשיידענע פראקציעס אינ דער אָרדענונג־פארטיי אונ קאָנטינענט אונ וועלכע קאָמפראָמעטירנ אינ א גלייַכער מאָס ביידע צ אָבימ, זייַנענ ווייַט פונ צו געבנ א גרונט פאר נייַע רעוואָליוציעס; פארקערט, זיי זייַנענ מעגלעכ בלויז דערפאר, ווייַל די באזע איז אינעמ געגעבענעמ מאָמענט אזוי זיכער אונ—דאָס ווייס די רעאקציע ניט—אזוי בורזשואז. אלע רעאקציאָנערע פרווונ צו פארהאלטנ די אנטוויקלונג פונ דער בורזשואזער געזעלשאפט וועלנ זיכ צעקלאפנ אָנ איר פונקט אזוי, ווי די גאנצע מאָראלישע אופרעגונג אונ אלע באגייַסטערטע פראָקלאמאציעס פונ די דעמאָקראטנ. א נייַע רעוואָליוציע איז מעגלעכ נאָר נאָכ א נייַעמ קריזיס. זי איז אָבער פונקט אזוי אומפארמייַדלעכ, ווי דער קריזיס.

מיר גייענ איצט אריבער צו פראנקרייַכ.

צווינגענדיק דורכצופירנ נייַע וואלנ דעמ 28־טנ אפרעל, האָט דאָס פאָלק אליינ אנולירט דעמ ניצאָכנ, וואָס עס האָט געהאט אָפּגעהאלטנ אפ די וואלנ דעמ 10־טנ מארט, אינ בונד מיט דער קליינ־בורזשואזיע. ווידאל איז, אכוצ אינ פאריזש, אויסגעקליבנ געוואָרנ אויכ אינ נידער־ריינ. דער פאריזשער קאָמיטעט, אינ וועלכנ עס איז שטארק פארטראָטנ געווענ די בארג־פארטיי אונ די קליינ־בורזשואזיע, האָט אימ צוגערעדט אָנצונעמענ דעמ נידער־ריינישנ מאנדאט. דער ניצאָכנ פונ 10־טנ מארט האָט פארלאָרנ זייַנ באשליסנדיקע באדייַטונג; דער טערמינ פונ דער אנטשיידונג איז ווידער אָפּגעלייגט געוואָרנ, די אָנשטרענגונג איז באמ פאָלק אָפּגעשוואכט געוואָרנ, עס האָט אָנגעהויבנ צוגעווינט ווערנ צו לעגאלע ניצחוינעס אָנשטאָט רעוואָליוציאָנערע. דער רעוואָליוציאָנערער זינ פונעמ 10־טנ מארט, די רעאביליטאציע פונ יונ־אויפשטאנד, איז ענדלעכ פולשטענדיק פארניכטעט דורכ דער קאנדידאטור פונ אייזשענ סיו, דעמ סענטימענטאל־קלייַנבירגערלעכנ סאָציאל־פאנטאזיאָר. דער פראָלעטאריאט האָט געקאָנט אָנעמענ די דאָזיקע קאנדידאטור אינ בעסטנ פאל אלס שפאס, אפ געפעלנ צו ווערנ די גריזעטקעס. קעגנ דער דאָזיקער אָנשטענדיקער קאנדידאטור האָט די אָרדענונג־פארטיי, וואָס איז דרייסטער געוואָרנ אדאנק דער ניט־אנטשלאָסענער אופירונג פונ אירע קעגנער, ארויסגעשטעלט א קאנדידאט, וועלכער האָט געדארפט פארקערפערנ דעמ יונ־ניצאָכנ.

דער דאָזיקער קאָמישער קאנדידאט איז געווען דער ספּאַרטאַנישער פאמיליען־פאָטער לעקלערק, וועמעס העלדישע קליינינקע די פּרעסע האָט אָבער אראָפּגעריסן שטיקלעכווייז,—ער האָט אף די וואלן באַקומען א גלענצנדיקן דורכפאל. דער נייער ניצחון אף די וואלן פון 28־טן אפּרעל האָט ווידער שטאָלץ געמאכט די בארג און די קליינבורזשואזיע. די בארג־פּארטיי האָט שוין טריומפירט באם געדאנק, אז זי וועט קאָנען דערגרייכן איר ציל אף א ריין לעגאלן וועג, ניט ארויסרופנדיק קיין נייע רעוואָלוציע, וואָס זאָל ווידער ארויסרוקן דעם פּראָלעטאריאט אפן פאָדערגרונט. זי האָט פעסט אויסגערעכנט דערויף, אז בא די נייע וואלן אין 1852 יאָר וועט זי מיט דער הילף פונעם אלגעמיינעם וואל־רעכט ארופזעצן דעם הער לעדריו־ראָלען אפן פּרעזידענטן־שטול און וועט באַקומען א מערהייט מאָנטאניארן אין דער פארזאמלונג. די נייע וואלן, סיוס קאנדידאטור און די שטימונג פון דער בארג־פּארטיי און פון דער קליינבורזשואזיע האָבן איבערצייגט די אָרדענונג־פּארטיי, אז יענע זיינען אנטשלאָסן בא אלע אומשטענדן—פארבלייבן רויק, האָט זי אף דיביידע וואל־ניצחונות געענטפערט מיט א וואל־געזעץ, וואָס האָט אָפּגעשאפט דאָס אלגעמיינע וואל־רעכט.

די רעגירונג איז געווען אזוי פאָרזיכטיק, אז זי האָט ניט גענומען דעם דאָזיקן געזעץ־פּראָיעקט אף איר אייגענער פאראנטוואָרטלעכקייט. זי איז קלוימערשט געגאנגען אף א האנאָכע דער מערהייט און האָט די אויסארבעטונג פונעם דאָזיקן פּראָיעקט איבערגעגעבן די אָנפירער פון דער מערהייט, די זיבעצן בורג־גראפן. אזויארום האָט ניט די רעגירונג פאָרגעלייגט דער נאציאָנאלער פארזאמלונג, נאָר די מערהייט האָט זיך אליין פאָרגעלייגט אָפּצושאפן דאָס אלגעמיינע וואל־רעכט.

דעם 8־טן מיי איז דער פּראָיעקט ארייַנגעטראָגן געוואָרן אין דעפּוטאטן־הויז. די גאנצע סאָציאל־דעמאָקראטישע פּרעסע האָט, ווי איין מענטש, גענומען איינריידן דאָס פאָלק, אז עס זאָל זיך האלטן מיט ווירדע, אָפּהיטן די calme majestueux (מאיעסטעטישע רויקייט), בלייבן פאסיוו און טרויען זיינע פארטרעטער. אין יעדן ארטיקל פון די דאָזיקע צייטונגען איז געווען די אנערקענונג, אז א רעוואָליוציע מוז פריער פאר אלץ פארניכטן די אזויגערופענע רעוואָליוציאָנערע פּרעסע גופא און אז עס האנדלט זיך, אלזאָ, וועגן איר זעלבסט־פארהיטונג. די קלוימערשט רעוואָליוציאָנערע פּרעסע האָט אויסגעזאָגט דעם גאנצן סאָד אירן. זי האָט אונטערגעשריבן איר אייגענעם טויט־אורטייל.

דעם 21־טן מײַ האָט די בארג אוועקגעשטעלט צום באהאנדלען די פּאַרלויפּיקע פראגע און האָט געפאָדערט אָפּצוואַרפן דעם גאנצן געזעץ־פּראָיעקט, ווײַל ער איז אויוועך אפּ דער קאָנסטיטוציע. די אָרדענונג־פּארטיי האָט געענטפערט, אז די קאָנסטיטוציע וועט גע־שטערט ווערן אין דעם פאל, ווען דאָס וועט נייטיק זײַן, דערווײַל אָבער איז דאָס איבעריק, ווײַל די קאָנסטיטוציע קאָן אויסגע־טײַטשט ווערן אפּ פארשיידנסטע אויפנים, און בלויז די מערהײַט איז קאָמפּעטענט צו באשליסן, וועלכע אויסטײַטשונג עס איז די ריכטיקע. קעגן טיערס און מאָנטאלאמבערס ווילד־צעלאָזענע אָנפאלן האָט די בארג אנטקעגנגעשטעלט אן אָנשטענדיקן און קולטורעלן הומאניזם. זי האָט זיך פארופן אפן רעכטלעכן באָדן; האָט איר די אָרדענונג־פּארטיי אָנגעוויזן אפּ דעם באָדן, אפּ וועלכן עס וואקסט דאָס רעכט, — אפן בורזשואזן אייגנטום. די בארג האָט זיך אָנגעהויבן בעטן ראכמים: איר ווילט טאקע איינדערעמעסן אפּ יעדן אויפן ארויסרופן א רעוואָ־ליוציע? האָט די אָרדענונג־פּארטיי געענטפערט: מע וועט זי אויס־ווארטן.

דעם 22־טן מײַ איז געמאכט געוואָרן א סאָף צו דער פּאַרלוי־פּיקער פראגע מיט א מערהײַט פון 462 שטימען קעגן 227. די זעל־ביקע מענטשן, וועלכע האָבן אזוי פײַערלעך און אזוי גרינטלעך דערוויזן, אז די נאציאָנאלע פארזאמלונג און יעדער איינציקער דע־פּוטאט באזונדער זאָגן זיך אָפּ פון זייער מאנדאט, ווי נאָר זיי גיבן די דעמיסיע דעם פאָלק, וואָס האָט זיי די פולמאכטן געגעבן, זײַנען זיך געבליבן רויק זיצן אפּ זייערע ערטער און האָבן זיך פלוצלינג אָנגע־הויבן באמיען צו צווינגען דאָס לאנד, אז עס זאָל אָנהייבן ווירקן אָנשטאָט זיי, ווירקן, עמעס, מיט דער הילף פון פּעטיציעס — און זיי זײַנען געבליבן אומבאוועגלעך, ווען דער געזעץ איז דעם 31־טן מײַ גלענצנדיק דורכ־געגאנגען. זיי האָבן זיך געפּרוווט נעקאָמע נעמען פאר זיך דורך א פּראָטעסט, — אין וועלכן זיי האָבן ארײַנגעטראָגן אין פּראָטאָקאָל, אז זיי האָבן קיין שײַכעס ניט צו דעם גוואלדטאט איבער דער קאָנסטי־טוציע, אָבער אפילע דעם דאָזיקן פּראָטעסט האָבן זיי ניט גע־מאָלדן אָפן, נאָר בעסאָד ארײַנגערוקט דעם פּרעזידענט אין קעשענע ארײַן.

אן ארמיי פון 150.000 מענטשן אין פאריזש, די לאנגע פארשלע־פּעניש מיטן ענדגילטיקן באשלוס, דער רוף פון דער פּרעסע צו זײַן רויק, די קליינמוטיקײַט פון דער בארג און פון די נײַ־אויס־געקליבענע דעפּוטאטן, די מאיעסטעטישע רויקייט פון דער קליינ־בורזשואזיע און, דעריקער, דער אופבלי אינעם האנדל און אין דער

אינדוסטריע האָבנ געשטערט יעטווידער רעוואָליוציאָנערנ פּרווו מיצאַד דעם פּראָלעטאַריאַט.

דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט האָט אויסגעפּילט זייַנ מיסיע. די מערהייַט פונ פאָלק האָט דורכגעמאַכט זייַנ אַנטוויקלונג־שול, אונ אינ אַ רעוואָליוציאָנערער עפּאָכע דינט דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט נאָר אַלס אַזאַ שול. איצט האָט עס שוינ געדאַרפט באַזייַטיקט ווערנ דורכ אַ רעוואָליוציע, אָדער דורכ אַ רעאַקציע.

נאָכ מער ענערגיע האָט אַרויסבאַוויזנ די באַרג בייַ אַ געלעגנ־הייַט, וואָס איז פאָרגעקומענ גלייַכ נאָכ דעם: דער קריג־מיניסטער ד'אָפּול האָט פונ דער טריבונע פונ דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג אָנ־גערופנ די פעוראַל־רעוואָליוציע — אַ בייזע קאַטאַסטראָפע. די רעדנער פונ דער באַרג־פּאַרטיי, וועלכע האָבנ זיכ, ווי טאָמעד, אויסגעצייכנט מיטנ ראַשיקנ אויסדרוק פונ זייער מאָראַלישער אויפרעגונג, זייַנענ דורכנ פּרעזידענט דיופּענ ניט דערלאָזנ געוואָרנ צומ וואָרט. זשיראַר־דענ האָט פאָרגעלייגט דער באַרג, זי זאָל גלייַכ, אינ פולנ באַשטאַנד, אַרויסגיינ פונ זאַל. דער רעזולטאַט: די באַרג־פּאַרטיי איז געבליבנ זיצנ אַפ איר אָרט, אָבער זשיראַרדענ איז, אַלס אומווירדיקער, אַרויסגע־וואָרפנ געוואָרנ פונ אירע רייענ.

דער וואַל־געזעצ האָט זיכ געניייטיקט נאָכ אינ איינ צוגאָב: אינ אַ נייַעמ פּרעסע־געזעצ. דאָס האָט ניט געלאָזנ אַפ זיכ לאַנג וואַרטנ. אַ געזעצ־פּראָיעקט פונ דער רעגירונג, פאַרשאַרפט אינ פיל פּונקטנ דורכ די אויסבעסערונגענ פונ דער אָרדענונג־פּאַרטיי, האָט געהעכערט די קויציעס, אייַנגעפירט אַ באַזונדערנ שטעמפּל־אָפּצאָל אַפ פעליעטאָנ־ראָמאַנענ (אַנ ענטפער אַפנ אויסווייַלנ אייזשענ סיו), האָט באַשטייַ־ערט אַלע ווערק, וועלכע דערשייַנענ אינ וועכנטלעכע אָדער כוידעש־לעכע אויסגאַבנ ביז אַ געוויסער צאָל בויגנס, אונ האָט, ענדלעכ, פעסטגעשטעלט, אַז אַפ יעדנ צייַטונג־אַרטיקל מוז זייַנ דעמ מעכאַ־בערס אונטערשריפט. די באַשטימונגענ וועגנ קויציע האָבנ דערהאַרגעט די אַזויגערופענע רעוואָליוציאָנערע פּרעסע; דאָס פאָלק האָט געקוקט אַפ איר אונטערגאַנג, ווי אַפ אַ פאַרדינטע שטראָף פאַר דער אָפּשאַפונג פונעמ אַלגעמיינעמ וואַל־רעכט. אָבער סייַ די טענדענצ, סייַ די ווירקונג פונעמ נייַעמ געזעצ האָבנ זיכ ניט באַגרענעצט מיט דעמ דאָזיקנ טייל פּרעסע. קאָלומאַנ די צייַטונג־פּרעסע איז געווענ אַנאָנים, איז זי געווענ אַנ אָרגאַנ פאַר דער־סאַמע אָנצאָליקער אונ נאָמענלאָזער געזעלשאַפטלע־כער מיינונג; זי איז געווענ די דריטע מאַכט אינ דער מעלוכע. ווענ אַלע אַרטיקלענ האָבנ אָנגעהייבנ אונטערגעשריבנ ווערנ פונ די מעכ־בריס, איז די צייַטונג פאַרוואַנדלט געוואָרנ אינ אַ פּאָשעטער זאַמ־

לונג פֿון ליטעראַרישע ווערק פֿון מער אָדער ווייניקער באַקאַנטע פּער־
זאָנען. יעדער אַרטיקל האָט זיך אַראָפּגעלאָזן ביז צו דער מאַדרייגע
פֿון אַן אַנאָנס. ביז אַהער האָבן די צײַטונגען צירקולירט ווי פּאַפּיר־
געלט פֿון געזעלשאַפֿטלעכער מיינונג, איצט זײַנען זײ פֿאַרוואַנדלט גע־
וואָרן אין מער אָדער ווייניקער שלעכטע סאָלאָ־וועקסלען, וואָס זייער
גוטסקײַט און גאַנגבאַרקײַט איז אָפּהענגיק געווען ניט נאָר פֿונעם וועקסל־
געבערס קרעדיט, נאָר אויך פֿונעם קרעדיט פֿונעם אינדאָסאַנט. די פּרע־
סע פֿון דער אָרדענונג־פּאַרטיי האָט אַגיטירט ניט נאָר פֿאַר אָפּשאַפֿן דאָס
אַלגעמיינע וואַל־רעכט, נאָר אויך פֿאַר די עקסטרעמסטע מאָסמיטלען
קעגן דער „שעדלעכער“ פּרעסע. דאָך איז אַפֿילו אָט די „אָנשטענדי־
קע“ פּרעסע מיט איר אומהיימלעכער אַנאָנימקײַט געווען ניט באַ־
קוועם פֿאַר דער אָרדענונג־פּאַרטיי, באַזונדערס פֿאַר אייניקע אירע פּראָווינ־
ציעלע פֿאָרשטייער. זיי האָבן געוואָלט האָבן צו טאָן נאָר מיט באַצאָל־
טע שרײַבער, און וויסן זייער פֿולן נאָמען, זייער וווינאָרט און זיי־
ערע סימאָנים. אומזיסט האָט זיך די „אָנשטענדיקע“ פּרעסע באַקלאָגט
אָף דער אומדאַנקבאַרקײַט, מיט וועלכער מע צאָלט איר פֿאַר איר דינסט.
דער געזעץ איז דורכגעגאַנגען, די באַשטימונג וועגן אונטערשריפֿטן
האָט זי געטראָפֿן פֿריער פֿאַר אַלץ. די נעמען פֿון די רעפּובליקאַני־
שע פּובליציסטן זײַנען געווען גענוג באַקאַנט, אָבער די בעקאָוועדיקע
פֿירמעס: „Journal des Débats“, „Assemblée Nationale“, „Constitutionnel“
א. א. וו. א. א. וו. מיט זייער באַרימטער מעלוכע־קלוגשאַפֿט,
האָבן געגעבן זייער אַ קלאָגעדיק בילד, ווען די דאָזיקע גע־
היימניספֿולע קאָמפּאַניע האָט זיך פּלוצלינג אַנטפּלעקט אַלס פֿאַר־
קויפֿטע Penny-a-liners (שרײַבער פֿאַר אַ פּעני אַ שורע) ווי, לעמאָשל,
גראַני־קאַסאַניאַק, וואָס זײַנען צוגעווינט פֿאַר מעזומען געלט צו
פֿאַרטיידיקן אַלץ, וואָס איר ווילט, אָדער אַלטע שמאַטעס, ווי קאַ־
פּעפֿיג, וואָס רופֿן זיך אַליין מעלוכע־מענטשן, אָדער קאָקעטירנדיקע
ווייצלינגער, ווי דער הער לעמואַן פֿון די „Débats“.

בײַס די דעבאַטן וועגן דעם פּרעסע־געזעץ האָט די באַרג שוין
באַוויזן זיך אַראָפּצולאָזן אָף אַזאַ נידעריקער שטופֿע פֿון מאָראַלישער
יערידע, אַז זי האָט זיך געמוזט באַגרענעצן מיט אָפּלאָדירן די טיראַדעס
פֿון דער אַלטער לוי־פֿיליפּישער באַרימטקײַט, דעם ה׳ וויקטאָר הוגאָ.

מיטן אָננעמען דעם וואַל־געזעץ און דעם געזעץ וועגן דער פּרע־
סע גייט די רעוואָליוציאָנערע און דעמאָקראַטישע פּאַרטיי אַראָפּ פֿון
דער אָפֿיציעלער סצענע. אַ קורצע צײַט נאָכן סאָף פֿון דער סע־
סיע, פֿאַרן אָפּפֿאָרן אַהיים, האָבן ביידע פֿראַקציעס פֿון דער באַרג־
פּאַרטיי — די סאָציאַליסטישע דעמאָקראַטן און די דעמאָקראַטישע סאָ־

ציאליסטן — ארויסגעלאָזן צוויי מאניפעסטן, צוויי testimonia pau-pertatis (דאלעס־צײַגענישן), אין וועלכע זיי האָבן דערוויזן, אז אויב קראפט און דערפאָלג זײַנען קיינמאָל ניט געווען אף זייער זײַט, זײַנען זיי אָבער דערפאר שטענדיק געשטאנען פאר דאָס אייביקע רעכט און פאר אלע איבעריקע אייביקע עמעסן.

לאָמיר זיך איצט ווענדן צו דער אָרדענונג־פּארטיי. די „נײַע ריינישע צײַטונג" האָט אין 3־טן העפט, ז. 16, געשריבן: „קעגן די רעסטאווראציע־באגערן פון די פאראייניקטע אָרלעאניסטן און לעגי־טימיסטן פארטיידיקט באָנאפּארט די באזע פון זײַן פאקטישער מאכט — די רעפּובליק. קעגן באָנאפּארטס רעסטאווראציע־באגערן פארטיידיקט די אָרדענונג־פּארטיי די באזע פון זייער געמיינזאמער הערשאפט — די רעפּובליק; די לעגיטימיסטן קעגן די אָרלעאניסטן, די אָרלעאניסטן קעגן די לעגיטימיסטן פארטיידיקן דעם status quo — די רעפּובליק. די אלע פראקציעס פון דער אָרדענונג־פּארטיי, וואָס יעדע פון זיי פארמאָגט in petto איר אייגענעם קיניג און איר אייגענע רעסטאוו־ראציע, שטעלן יעדע ארויס קעגן די אוזורפּאטערישע און בונטארי־שע באגערן פון זייערע קעגנער די אלגעמיינע הערשאפט פון דער בורזשואזיע, די מעלוכע־פאָרם, אין וועלכער זייערע באזונדערע פּרע־טענזיעס ווערן נייטראליזירט און פארהיט — די רעפּובליק... טיער האָט זיך גאָרניט פאָרגעשטעלט, וויפל עמעס עס ליגט אין זײַנע ווערטער: „מיר, די ראָיאליסטן, זײַנען די זיכערסטע שטיצע פאר דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק".

די דאָזיקע קאָמעדיע פון républicains malgré eux (רעפּוב־ליקאנער קעגן זייער אייגענעם ווילן), די סינע צום status quo און די קעסיידערדיקע פארפעסטיקונג זײַנע; די אָנופהערלעכע רײַ־בונגען צווישן באָנאפּארטן און דער נאציאָנאלער פארזאמלונג; די קעסיידער זיך באנײַענדיקע סאקאָנע פאר דער אָרדענונג־פּארטיי צעפאלן צו ווערן אף אירע באשטאנד־טיילן, און יעדעס מאָל די נײַע צונויפגיסונג פון אירע פראקציעס; די פּרווון פון יעדער פראקציע צו פארוואנדלען דעם ניצחון איבערן געמיינזאמען סוינע אין א מאָ־פּאָלע פון אירע צײַטווײַליקע פארבינדעטע; די קעגנזײַטיקע קינע, הינטערפיסלעכ און העצע; דאָס קעסיידערדיקע אנטבלויזן די שווערדן, וואָס האָט זיך קעסיידער אויסגעלאָזן מיט א baiser-Lamourette * —

* — לאמורעטס קוש. בייס דער גרויסער פראנצויזישער רעוואָליוציע האָט אין דער נאציאָנאלער פארזאמלונג דער דעפּוטאט לאמורעט איינמאָל נאָך א שטורמישן צוזא־מענשטויס צווישן די פּארטייען געמאכט א סענטימענטאלע סצענע פון אן אלגעמיי־נעם שאָלעם. איבערז.

אָט די גאנצע ניט איבערגעשפּיצטע טאָעסנ־קאָמעדיע האָט זיכ נאָכ קײנמאָל ניט אנטװיקלט אינ אזא קלאסישער פאָרמ, װי אינ מעשעכ פונ די לעצטע 6 כאדאָשימ.

די אָרדענונג־פארטײ האָט באטראכט דעמ װאל־געזעצ װי א גלײַכ־צײַטיקנ זיג איבער באָנאפּארטנ. האָט זיכ דענ די רעגירונג ניט אָפּגעזאָגט אלײנ פונ איר מאכט דערמיט, װאָס זי האָט איבערגעגעבנ אינ דער קאָמיסיע פונ זיבעצנ די רעדאקציע פונ איר געזעצ־פּראָ־יעקט אונ די פאראנטװאָרטלעכקײַט פאר אימ? איז דענ באָנאפּארטס הויפּט־שטיצע קעגנ דער פארזאמלונג ניט באשטאנענ דערינ, װאָס ער איז געװענ דער אויסגעװײלטער פונ זעקס מיליאָנ? — באָנאפּארט פונ זײַנ זײַט האָט געקוקט אפנ װאל־געזעצ, װי אפ א האנאָכע דער פארזאמלונג, דורכ װעלכער ער קויפט די הארמאָניע צװישנ דער געזעצגעבערישער אונ דער אויספירנדיקער מאכט. אלס באלוינונג דערפאר האָט דער דאָזיקער געמײנער אװאנטיוריסט געפאָדערט, אז זײַנ ציװיל־ליסטע (געהאלט) זאָל אימ פארגרעכערט װערנ אפ דרײַ מיליאָנ. האָט דענ די נאציאָנאלע פארזאמלונג געקאָנט ארײַנטרעטנ אינ א קאָנפליקט מיט דער אויספיר־מאכט אינ אזא מאָמענט, װענ זי האָט אָפּגעטויסנ די גװאלדיקע מערהײט פונעמ פראנצויזישנ פאָלק? די פארזאמלונג איז אופגעבראכט געװאָרנ. עס האָט זיכ גע־דאכט, אז זי האָט זיכ אנטשלאָסנ אפ די סאמע עקסטרעמסטע מיט־לענ. די קאָמיסיע אירע האָט אָפּגעװאָרפנ דעמ פאָרשלאָג. די באָנא־פארטיסטישע פרעסע האָט זיכ פונ איר זײַט געשטעלט אינ א דראָ־ענדיקער פאָזע, האָט אָנגעװיזנ אפנ בארויבטנ פאָלק, בא װעמענ מע האָט צוגענומענ זײַנ װאל־רעכט. עס איז פאָרגעקומענ א גרויסע צאָל טומלדיקע פרוּװנ זיכ צונויפצורײדנ; אונ סאָפקאָלסאָפ האָט די פאר־זאמלונג װירקלעכ נאָכגעגעבנ, אָבער גלײַכצײַטיק האָט זי זיכ נויקעמ געװענ אינ פרינציפּ. אָנשטאָט אפ שטענדיק צו פארגרעסערנ די ציװיל־ליסטע אפ דרײַ מיליאָנ א יאָר, האָט זי באשלאָסנ ארויסצו־געבנ באָנאפּארטנ נאָר אנ אײנמאָליקע שטיצע פונ 2.160.000 פראנק. ניט באפרידיקנדיק זיכ דערמיט, האָט זי אויכ די דאָזיקע האנאָכע גופע געמאכט ערשט נאָכדעמ, װי פאר איר האָט זיכ ארויס־געזאָגט שאנגארניע, דער גענעראל פונ דער אָרדענינג־פארטײ אונ באָנאפּארטס אומגעבעטענער פּראָטעזשירער. אזויארומ האָט זי די דאָזיקע צװײ מיליאָנ אײַגנטלעכ װאָטירט ניט באָנאפּארטנ, נאָר שאנ־גארניענ.

די דאָזיקע צוגעװאָרפענע נע־ (ניט גערנ) de mauvaise grâce דאָװע האָט באָנאפּארט אָנגענומענ גאָר אינעמ גײַסט פונעמ געבער.

די באָנאפּארטיסטישע פּרעסע האָט צוריק באַנײַט אירע טומלדיקע אָנפאלן אף דער נאציאָנאלער פארזאמלונג. די פאָדערונג, אז די מיטארבעטער פון די צײַטונגען זאָלן אונטערשרײַבן זייערע ארטיקלען, איז פריער פון אלץ געווענדט געווען קעגן די צווייטראנגיקע צײַטונגען, די פאָרשטייערס פון באָנאפּארטס פערזענלעכע אינטערעסן; איז אָט, ווען עס איז באַם באטראכטן דעם פּרעסע־געזעץ ארײַנגעטראָגן געוואָרן די אויסבעסערונג וועגן די אונטערשריפטן, איז דער באָנאפּארטיסטישער הויפּט־אָרגאן, דער „Pouvoir“ מיט ניט אײַנגעהאלטענעם ווילדן קאַס אָנגעפאלן אף דער נאציאָנאלער פארזאמלונג. די מיניסטאָרן איז אויסגעקומען אין דער פארזאמלונג זיך אָפּצוזאָגן פון דער דאָזיקער צײַטונג; דער פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער פונעם „Pouvoir“ איז גערופן געוואָרן צו פאראנטוואָרטלעכקייט דורך דער נאציאָנאלער פארזאמלונג און איז צוגעמישפּעט געוואָרן צו דער העכסטער געלט־שטראָף פון 5000 פראנק. אפן אנדערן טאָג האָט דער „Pouvoir“ אָפּגעדרוקט נאָך א פרעכערן ארטיקל קעגן דער פארזאמלונג, און די רעגירונג האָט אלס רעוואנש פארפירט פראָצעסן קעגן א גרעסערער צאָל לעגיטימיסטישע צײַטונגען פאר אויוועך זײַן אף דער קאָנסטיטוציע.

ענדלעך איז אפן טאָג־סיידער אוועקגעשטעלט געוואָרן די פראגע וועגן אן איבעררײַס אין די זיצונגען פונעם דעפּוטאטן־הויז. באָנאפּארט האָט געוואָלט דעם דאָזיקן איבעררײַס, קעדיי צו קאָנען אָפּערירן אָן שטערונגען מיצאַד דער פארזאמלונג. די אָרדענונג־פארטיי האָט עס געדארפט האָבן טיילווײַז קעדיי צו פירן אירע פראקציאָנעלע אינטריגעס, טיילווײַז צוליב די פערזענלעכע אינטערעסן פון איינצלנע דעפּוטאטן. און ביידע — באָנאפּארט און די אָרדענונג־פארטיי — האָבן נייטיק געהאט דעם איבעררײַס אף צו פארשטארקן און פארברייטערן דעם זיג פון דער רעאקציע אין דער פּראָווינץ. און ווירקלעך, די נאַ־זאמלונג האָט דעריבער אָפּגעלייגט אירע זיצונגען פון 11־טן אווגוסט ביזן 11־טן נאָיאבער. אָבער אזוי ווי באָנאפּארט האָט קלאָר ניט געמאכט קיין סאָד דערפון, אז ער וויל פּאָטער ווערן פון דער באלעסטיקנדיקער אופזיכט פון דער פארזאמלונג, האָט זי אפילע איר צוטרוי־וואָטום צוגעגעבן דעם כאראקטער פון אומצוטרוי צום פרעזידענט. אין דער פערמאנענטער קאָמיסיע פון 28 מיטגלידער, וואָס האָט געדארפט שטיין אף דער וואַך פון דער רעפּובליקאנישער טוגנד אין דער צייט פון די קאניקולן, איז ניט צוגעלאָזן געוואָרן קיין איין באָנאפּארטיסט. אָנשטאָט זיי זײַנען אין דער קאָמיסיע אויסגעקליבן געוואָרן אפילע אייניקע רעפּובליקאנער פון „Siécle“ און „National“, קעדיי דערמיט צו געבן צו וויסן דעם פּרעזידענט

וועגן דער צוגעבונדנקייט פֿון דער מערהייט צו דער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק.

קורץ פֿאַר דעם איבערייס אין די זיצונגען פֿונעם דעפּוטאַטנהויז, און באַזונדערס גלייך נאָך זיי, האָט זיך געדוכט, אַז ביידע גרויסע פֿראַקציעס פֿון דער אָרדענונג־פּאַרטיי, די אָרלעאַניסטן און די לעגיטימיסטן, זיינען גרייט שאָלעם צו מאַכן צווישן זיך, אפֿן גרונט פֿון צונויפֿגיסן די ביידע קיניגלעכע פֿאַמיליעס, אונטער וועמעס פֿאָנען זיי האָבן געקעמפֿט. די צייטונגען זיינען פֿול געווען מיט די שאָלעם־פּראָיעקטן, וואָס זיינען דיסקוטירט געוואָרן באַם בעט פֿון קראַנקן לוי־פֿיליפּ אין סט. לעאָנאַרד; אָבער לוי־פֿיליפּס פּלוצלינגער טויט האָט פֿאַרייִנפֿאַכט די סיטואַציע. לוי־פֿיליפּ איז געווען דער אוזורפּאַטער, הענריך דער 5־טער איז דורך אים באַרויבט געוואָרן, און דער גראַף פֿון פּאַריז איז צוליב הענריך דעם 5־טנס קינדערלאָזיקייט זיין געזעצלעכער טראָן־יורש. איצט איז פֿאַרשוווּנדן יעטווידער נאָטיוו קעגן צונויפֿגיסן די אינטערעסן פֿון ביידע דינאַסטיעס. אָבער די ביידע פֿראַקציעס פֿון דער בורזשואַזיע האָבן ערשט איצט פֿאַרשטאַנען, אַז זיי צעטיילט ניט די סענטימענטאַלע צוגעבונדקייט צו דער אָדער יענער קיניגלעכער דינאַסטיע, נאָר פֿאַרקערט, אַז זייערע פֿאַרשיידנאַרטיקע קלאַסן־אינטערעסן האָבן צעטיילט די ביידע דינאַסטיעס. די לעגיטימיסטן, וואָס זיינען אוועק אַוילעגל זיין צו הענריך דעם 5־טן אין וויסבאַדן, פּונקט ווי זייערע אָרלעאַניסטישע קאָנקורענטן אין סט. לעאָנאַרד, האָבן זיך דאָ דערוווּסט וועגן לוי־פֿיליפּס טויט. זיי האָבן גלייך אויסגעבילדעט אַ מיניסטעריום in partibus infidelium, וואָס אין אים זיינען מערסטנטייל אַריין מיטגלידער פֿון דער קאָמיסיע פֿון די אַכט און צוואַנציק רעפּובליקאַנישע מאַשגיכים; און בעשאַס אַ געוויסן קאָנפֿליקט אין דער פּאַרטיי, איז דאָס דאָזיקע מיניסטעריום גלייך אַרויסגעטראָטן מיט דער אָפֿנהערציקסטער פּראָקלאַמאַציע אינעם נאָמען פֿון רעכט פֿון גאָטס גענאָד. די אָרלעאַניסטן האָבן טריומפֿירט איבער דעם קאָמפּראָמעטירנדיקן סקאַנדאַל, וואָס אָט דער מאַניפֿעסט האָט אַרויסגערופֿן אין דער פּרעסע, און האָבן אָפֿ קיין אויגנבליק גאָרניט באַהאַלטן זייער זפֿענע סינע צו די לעגיטימיסטן.

בעשאַס די קאַניקולן פֿון דער נאַציאָנאַלער פֿאַרזאַמלונג זיינען זיך צונויפֿגעקומען די פֿאַרשטייערשאַפֿט־פֿאַרזאַמלונגען אין די דעפּאַרטאַמענטן. די מערהייט זייערע האָט זיך אַרויסגעזאָגט מיט מער אָדער וויניקער רעזערוואַציעס פֿאַר איבערקוקן די קאָנסטיטוציע, ד. ה. זיי האָבן זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר אַ מאָנאַרכיסטישער רעסטאַוראַציע פֿון

אַן אומבאַשטימטן כאַראַקטער, פאַר „לייזן די פראַגע", און גלייכצייטיק האָבן זיי זיך מודיע געווען, אַז זיי זיינען צופיל ניט קאָמפּעטענט און צו פּאַכדאָניש אָפּ צו געפינען די דאָזיקע לייזונג. די באָנאַפּאַרטיסטישע פּראַקטיק האָט גלייך אויסגעטייטשט דאָס דאָזיקע רעזיגנירן די קאָנסטיטוציע אינעם זין פון פאַרלענגערן נאַפּאָלעאָנס פולמאַכטן.

דער הערשנדיקער קלאַס האָט בעשומופן ניט געקאָנט דערלאָזן קיין געזעצלעכע קאָנסטיטוציאָנעלע לייזונג—באָנאַפּאַרטס דעמיסיע אין מיי 1852 יאָר, גלייכצייטיקע וואַלן פון אַ נייעם פּרעזידענט דורך אַלע וויילערס פון לאַנד, איבערקוקן די קאָנסטיטוציע דורך אַ רעוויזיר־פאַרלאַמענט אין מעשעך פון די ערשטע כאַדאָשים פון דער נייער פּרעזידענטשאַפט. דער טאָג פון די נייע פּרעזידענטן־וואַלן וואָלט געווען אַ באַגעגעניש־טאָג צווישן אַלע פיינטלעכע פּאַרטייען: די לעגיטימיסטן, די אָרלעאַניסטן, די בורזשואַזע רעפּובליקאַנער, די רעוואָליוציאָנערן. די אַנטשיידונג צווישן אַלע פּאַרטייען וואָלט געמוזט אָנקומען צו געוואַלט. ווען אַפילע דער אָרדענונג־פּאַרטיי זאָל זיך געווען איינגעבן צו פאַרייניקן זיך אַרום אַ נייטראַ'ן קאַנדידאַט, וועלכער זאָל שטיין אויסערביידע דינאַסטישע פאַמיליעס, וואָלט קעגן אים אַרויסגעטראָטן ווידער דער זעלביקער באָנאַפּאַרט. אין איר קאַמף קעגן פאָלק איז די אָרדענונג־פּאַרטיי געצוווּנגען קעסיידער צו פאַרשטאַרקן די קראַפט פון דער אויספיר־מאַכט. יעדע פאַרשטאַרקונג פון דער קראַפט פון דער אויספיר־מאַכט האָט פאַרשטאַרקט די קראַפט פון איר פאָרשטייער—באָנאַפּאַרט. דעריבער איז אין דער זעלביקער מאָז, אין וועלכער די אָרדענונג־פּאַרטיי פאַרשטאַרקט איר געמיינזאַמע מאַכט, פאַרשטאַרקט זי באָנאַפּאַרטס קאַמפּ־מיטלען אין זיינע דינאַסטישע פּרעטענזיעס, פאַרשטאַרקט זי זיינע שאַנסן—אינעם אַנטשיידנדיקן טאָג מיט געוואַלד צו שטערן דער קאָנסטיטוציאָנעלער לייזונג. דעמלט וועט זיך באָנאַפּאַרט אין זיין קאַמף קעגן דער אָרדענונג־פּאַרטיי ניט אָפּשטעלן פאַרן אויזוער זיין איינעם פון די יעסוידעס פון דער קאָנסטיטוציע, פּונקט ווי די אָרדענונג־פּאַרטיי האָט אין איר קאַמף קעגן פאָלק זיך ניט אָפּגעשטעלט פאַר אויוועך זיין אַ צווייטן יעסאָד פון דער קאָנסטיטוציע, אָפּשאַפנדיק דאָס אַלגעמיינע וואַל־רעכט. מע האָט זיך געקאָנט מעשאער זיין, אַז קעגן דער פאַרזאַמלונג וואָלט ער אַפּעלירט אַפילע צום אַלגעמיינעם וואַל־רעכט. מיט איין וואָרט, אַ קאָנסטיטוציאָנעלע לייזונג וואָלט געשטעלט אין קאָן דעם גאַנצן פּאָליטישן status quo, און הינטער דער וואַקלונג פונעם status quo כאָלעמט זיך דעם בורזשואַ כאַאָס,

בירגער־קריג. אימ כאָלעמט זיכ, אז גלײַכ מיטנ ערשטנ זונטיק פונ מײַ 1852 יאָר ווערנ געשטעלט אינ קאָנ אלע זײַנע קניעס אונ מע־כירעס, זײַנע וועקסלענ, זײַנע כאסענעס, זײַנע נאָטאריעלע אקטנ זײַנע היפּאָטעקעס, זײַנ ערד־רענטע, דירע־געלט, ועווּכ אונ אלע זײַנע קאָנטראקטנ אונ האכנאָסע־קוועלנ — אונ שטעלנ זיכ אינ אזא ריזיקע קאָנ ער ניט. הינטער דער צעשטערונג פונעמ פּאָליטישנ status quo ליגט באהאלטנ די געפאר פונ א קראכ פאר דער גאנ־צער בורזשואזער געזעלשאפט. די אײנציק מעגלעכע לײזונג פאר דער בורזשואזיע איז אָפּלײגנ די לײזונג. זי קאָנ ראטעווענ די קאָנסטי־טוציאָנעלע רעפּובליק נאָר דורכ אויווער זײַנ אפ דער קאָנסטיטוציע, דורכ פארלענגערנ דעמ פּרעזידענטס מאכט. אָט דאָס איז געווענ דאָס לעצטע וואָרט פונ דער פּרעסע פונ דער אָרדענונג־פּארטײ נאָכ אלע אירע לאנגדויערנדיקע אונ טיפזיניקע דעבאטנ וועגנ די „לײזונגענ", וואָס זי האָט געפירט נאָכ דעמ, ווי עס האָט זיכ געענדיקט די סעסיע פונ די גענעראלע ראטנ. די גרויסמעכטיקע אָרדענונג־פּארטײ איז אזויארומ צו איר כארפּע געצוווּנגענ געווענ ערנסט זיכ רעכענענ מיט דער לעכערלעכער, אָרדינערער אונ פאר איר פארהאסטער פּער־זענלעכקײַט פונעמ פּסעוודאָ־באָנאפּארט.

אָט דער שמוציקער פּארשוינ האָט פונ זײַנ זײַט זיכ טויע געווענ מיקויעכ די סיבעס פונ דעמ, וואָס אפ אימ איז אויסגעפאלנ די ראָליע פונעמ נײטיקנ מענטשנ. אינ דער צײַט, ווענ זײַנ פּארטײ איז געווענ גענוג ווײַטזיכטיק צו פארשטײנ, אז באָנאפּארטס וואקסנדיקע באדײַטונג הענגט אָפּ פונ די אומשטענדנ, האָט ער אלײנ געגלויבט, אז ער האָט דערמיט צו פארדאנקענ בלויז דער באצויבערנדיקער ווירקונג פונ זײַנ נאָמענ אונ זײַנע אומערמידלעכע באמיונגענ צו כאַ־אָדירנ נאפּאָלעאָנענ. זײַנ אונטערנעמונג־פעיִקײַט איז געוואקסנ מיט יעדנ טאָג. אפנ אוילערעגל זײַנ פונ די לעגיטימיסטנ אונ אָרלעא־ניסטנ קײנ סט. לעאָנארד אונ וויסבאדנ האָט ער געענטפערט מיט רונד־רײַזעס איבער פראנקרײַכ. די באָנאפּארטיסטנ האָבנ אזוי ווייניק געטרויט דער מאגישער ווירקונג פונ זײַנ פּערזאָנ, אז אומעטומ האָבנ זײ אימ נאָכגעשיקט קלאקערס, מיטגלידער פונ דער געזעלשאפט פונ 10־טנ דעקאבער, אָט דער אָרגאניזאציע פונ פּאריזשער לומפּנ־פּראָלעטאריאט, און אָנגעפּאקט מיט זײ מאסנווײַז די אײַזנבאנ־צוגנ אונ די פּאָטשט־דיליזשאנסנ. זײ האָבנ ארײַנגעלײגט זײער מאריאָנעטקע אינ מויל ארײַנ אזוינע רעדעס, אינ וועלכע עס איז, אָפּהענגיק פונעמ אופנאמ, וואָס דער פּרעזידענט האָט באקומענ אינ דער אָדער אינ יענער שטאָט, פּראָקלאמירט געוואָרנ, אלס דעוויז

פונעם פּרעזידענט, אַמאָל רעפּובליקאַנישע אַניוועס און אַמאָל אויסגעהאַלטענע פּעסטקײַט. ניט געקוקט אָבער אַף די אַלע מאַניעווערס, האָבן די דאָזיקע רײַזעס קלאָל ניט דערמאָנט קיין טריומפאַלן מאַרש.

זײַענדיק זיכער, אַז ער האָט אַזויאַרום באַגײַסטערט דאָס פֿאָלק, האָט באָנאַפּאַרט גענומען פירן אַן אַגיטאַציע אַף צו געווינען די אַרמיי. אַף די פעלדער סאַטאָרי בײַ ווערסאַל אָרדנט ער אײַן גרויסע מיליטערישע פּאַראַדן, און דאָרט באַמיט ער זיך אונטערצוקויפן די סאָלדאַטן מיט קנאָבל־וווּרשט, שאַמפּאַניער און ציגאַרן. אין דער צייט, ווען דער עמעסער נאַפּאָלעאָן האָט געקאָנט מיט אומגעריכטער פּאַטריאַרכאַלישער האַרציקײַט אויפמונטערן זײַנע סאָלדאַטן, אויסגעמאַטערטע פון די שווערקײַטן פון זײַנע דעראָבערונגמיל צאָמעס, האָט דער פּסעוודאָ־נאַפּאָלעאָן געמיינט, אַז דאָס מיליטער דאַנקט אים, ווען עס שרײַט: Vive Napoléon! Vive le saucisson! ד. ה. זאָל לעבן די וווּרשט, זאָל לעבן דער פּאַיאַץ!*

די דאָזיקע פּאַראַדן האָבן געבראַכט צו אַן אויפרײַס פונעם אַלטן באַהאַלטענעם ווידערשפּרוך צווישן נאַפּאָלעאָנען מיט זײַן קריג־מיניסטער ד׳אָפּול, פון איין זײַט, און שאַנגאַרניע — פון דער צווייטער. אין דער פּערזאָן פון שאַנגאַרניע האָט די אָרדענונג־פּאַרטיי געפונען דעם פּאַר איר נייטיקן, ווירקלעך נייטראַלן מענטשן, בײַ וועלכן עס האָט גאָר קיין רייד ניט געקאָנט זײַן וועגן אייגענע דינאַסטישע שטרעבונגען. זי האָט אים געהאַט בעדייע צו מאַכן פאַר נאַפּאָלעאָנס נאָכפאָלגער. דערצו נאָך איז שאַנגאַרניע, אַדאַנק זײַן אַרויסטרעטונג דעם 29־טן יאַנוואַר און דעם 13־טן יוני 1849 יאָר געוואָרן דער גרויסער פעלד־מאַרשאַל פון דער אָרדענונג־פּאַרטיי, דער מאָדערנער אַלעקסאַנדער, וועמעס ברוטאַלע אַרײַנמישונג עס האָט, לויט דער מיינונג פונעם פּאַכדאָנישן בורזשואַ, צעהאַקט דעם גאָרדיען־קנופּ פון דער רעוואָליוציע. אין גרונט פּונקט אַזוי לעכערלעך, ווי נאַפּאָלעאָן, איז ער אַף אַזאַ ביליקן אופן געוואָרן אַ מאַכט, און אים האָט די נאַציאָנאַלע פּאַרזאַמלונג איבערגעגעבן די אויפזיכט איבערן פּרעזידענט. ער אַליין האָט, לעמאָשל, בײַ דער פראַגע וועגן דער הויסאָפע פאַרן פּרעזידענט, אַרויסגעטרעטן? — אַ ׳עטירט דערמיט, וואָס ער האָט פּראָטעזשירט דעם פּרעזידענט, או־ וואָס ווײַטער האָט ער זיך אַלץ גײַוועדיקער געהאַלטן

* בוכשטעבלעך באַטײַט דער אויסרוף אין פראַנצויזיש: זאָל לעבן נאַפּאָלעאָן! זאָל לעבן די וווּרשט! אין דײַטש איז עס אַ ווערטער־שפּיל: וווּרשט און האַנסווורשט (Hanswurst) באַטײַט אַ פּאַיאַץ. איבערז.

מיט נאפּאָלעאָנען און מיט זײַנע מיניסטאָרן. ווען מע האָט אין צו־
זאמענהאנג מיטן נײַעם וואל־געזעץ דערוואָרט אן אופשטאנד, האָט ער
פ רווערט זײַנע אָפיצערן אָנצונעמען וועלכע־ניט־איז באַפעלן פינעם
קריג־מיניסטער אָדער פונעם פּרעזידענט. די פּרעסע פון איר זײַט
האָט מיטגעהאָלפן צו דערהייבן די פּערזאָן פונעם גענעראל שאנ־
גארניע. ניט האָבנדיק אינגאנצן קיין גרויסע פּערזענלעכקײַטן, האָט
די אָרדענונג־פּארטיי געמוזט, נאטירלעך, אויסקלײַבן איינעם א מענטשן,
אײַנטיילן אים די קראפט, וואָס האָט איר גאנצן קלאס, און
אזויארום אופבלאָזן אים צו דער גרייס פון עפּעס א ריז. אזוי איז
אנטשטאנען דער מיטוס וועגן שאנגארניע, „דער פעסטונג פון דער
געזעלשאפט". די גײַוועדיקע שארלאטאנערײַ, די געהיימניספולע וויכ־
טיקטוערײַ, מיט וועלכער שאנגארניע האָט געטאָן דער וועלט דעם
קאָוועד צו טראָגן זי אף זײַנע אקסלען, בילדעט דעם לעכערלעכסטן
קאָנטראסט מיט די געשעענישן אפן סאטאָריער פּאראד און נאָך אים.
די דאָזיקע געשעענישן האָבן באשײַמפּערלעך באוויזן, אז עס איז
גענוג איין שטרײַך מיט דער פּעדער פון באָנאפּארטן, פון אָט דער
אומענדלעך קליינער פיגור, אף אראָפּצופירן די פאנטאסטישע באשע־
פעניש פון דער בורזשואזער שרעק, דעם קאָלאָס שאנגארניע, ביז צו
דער מאדרייגע פון א מיטלמעסיקײַט און פארוואנדלען אים, דעם
העלד — דעם רעטער פון דער געזעלשאפט, אין א געוויינלעכן גע־
נעראל אף פּענסיע.

באָנאפּארט האָט זיך שוין מיט א לענגערער צײַט פאר דעם נוי־
קעם געוועט אָן שאנגארניען, ווען ער האָט געשטויסן דעם קריג־
מיניסטער אף א דיסציפּלינארן צוזאמענשטויס מיטן אומבאקוועמען
פּראָטעזשיר. דער לעצטער פּאראד בא סאטאָרי האָט געצוווּנגען
דערצו, אז די אלטע פײַנטשאפט זאָל אָפן ארויסטרעטן. שאנגארניעס
קאָנסטיטוציאָנעלע אופרעגונג איז אריבער יעדע גרענעץ, ווען די
קאוואלעריע־פּאָלקן האָבן דעפילירט פאר באָנאפּארטן מיט אויסרופן:
vive l'Empereur (זאָל לעבן דער קייסער!). קעדיי אויסצומײַדן
אומאָנגענעמע דעבאטן וועגן די דאָזיקע אויסרופן אף דער פּאָר־
שטייענדיקער סעסיע פונעם דעפּוטאט־הויז, האָט באָנאפּארט דער־
ווײַטערט דעם קריג־מיניסטער ד'אָפּול און האָט אים באשטימט פאר
א גובערנאטער פון אלזשיר. אף זײַן אָרט האָט ער באשטימט א
גאנץ זיכערן אלטן גענעראל פון די אימפּעריע־צײַטן, וואָס האָט זיך
מיט זײַן ברוטאלקײַט אינגאנצן געקאָנט פארגלײַכן מיט שאנגארניען.
אָבער קעדיי ד'אָפּולס דעמיסיע זאָל ניט אויסזען ווי א האנאָכע
פאר שאנגארניע, האָט באָנאפּארט גלײַכצײַטיק אריבערגעפירט דעם

גענעראל ניימייַער, די רעכטע האנט פונעמ גרויסנ רעטער פונ דער געזעלשאפט, פונ פאריזש קיינ נאנט. ניימייַער איז שולדיק געווענ דערינ, וואָס אפנ לעצטנ פאראד האָט די גאנצע אינפאנטעריע דעפילירט פאר נאפּאָלעאָנס נאָכפּאָלגער מיט אייַז־קאלטער שווייַגעניש. שאנגארניע, א פּערזענלעכ געטראָפּענער, האָט פּראָטעסטירט אונ געסטראשעט. אומזיסט! נאָכ צוויי וואָכנ אונטערהאנדלונגענ האָט זיכ אינ „מאָניטער" באוויזנ דער דעקרעט וועגנ אריבערפירנ ניימייַערנ אינ נאנט, אונ דעמ אָרדענונג־העלד איז ניט געבליבנ קיינ אנדער זאכ, ווי אונטערוואַרפנ זיכ דער דיסציפּלינ אָדער אָנגעבנ אינ דעמיסיע.

דער קאמפ צווישנ באָנאפּארטנ מיט שאנגארניענ איז די פּאָרזעצונג פונ זייַנ קאמפ מיט דער אָרדענונג־פּארטיי. דעריבער עפנט זיכ די נייַע סעסיע פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג דעמ 11־טנ נאָיאבער בא שווערע סימאָנימ. דאָס איז אָבער א שטורעמ אינ א גלאָז וואסער. אינ אלגעמיינ וועט ווייַטער גייִנ די אלטע שפּיל. די מערהייַט פונ דער אָרדענונג־פּארטיי וועט, ניט געקוקט אפ די פּראָטעסטנ פונ די פּרינציפּ־ריטערס, געצוווּנגענ זייַנ צו פארלענגערנ דעמ פּרעזידענטס פולמאכטנ. פונ זייַנ זייַט וועט נאפּאָלעאָנ, ניט קוקנדיק אפ אלע זייַנע פריערדיקע פּראָטעסטנ, אייַנגעשטילט שוינ דורכנ מאנגל אינ געלט אליינ, געצוווּנגענ זייַנ אָנצונעמענ אָט די פארלענגערונג פונ דער מאכט, ווי א פּאָשעטע פולמאכט פונ דער נאציאָנאלער פארזאמלונג. אפ אזא אויפנ ווערט די לייזונג אָפּגעלייגט, דער status quo פארבלייַבט ווייַטער, איינ פראקציע פונ דער אָרדענונג־פּארטיי קאָמפּראָמעטירט, שוואכט אָפּ, מאכט אוממעגלעכ די אנדערע; עס וואקסנ אונ סאָפּקאָלסאָפּ שעפּנ זיכ אויס די רעפּרעסיעס קעגנ דעמ אלגעמיינעמ סוינע, דער מאסע פונ דער נאציע, ביזוואנענ די עקאָנאָמישע פארהעלטענישנ גופע וועלנ ענדלעכ ווידער ניט דערגרייכנ אזא אנטוויקלונג־שטופּע, ווענ אלע קעמפנדיקע פּארטייענ מיט זייער קאָנסטיטוציאָנעלער רעפּובליק וועלנ פליענ אינדערלופטנ פונ א נייַעמ אופרייַס.

אפ צו באַרויִקנ די בורזשואַ מוז מענ, אגעוו, זאָגנ אז דער סקאנדאל צווישנ באָנאפּארטנ אונ דער אָרדענונג־פּארטיי שטעלט אינ רעזולטאט בעוּאלעס אפ דער בערזע א סאכ קליינע קאפּיטאליסטנ אונ פירט אריבער זייערע קאפּיטאלנ אינ די קעשענעס פונ די בערזנ־וועלפ.

אינהאלט

זייט

ארײַנפיר, פר. ענגעלס 3

I. פון פעוראל ביז יונ 1848־טנ יאָר 29

II פונ יונ 1848 ביזנ 13 יונ 1849 63

III פונ 13 יונ 1849 ביזנ 10־טנ מארט 1850 105

IV. די אָפּשאפינג פונעמ אלגעמיינעמ וואלרעכט אינ 1850 יאָר 142